STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08535

NOENTE UN VAYTE

Nachman Mayzel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נחמן מייזיל

באָענטע און ווייטע

צווייטער באַנד

צווייטע אויפלאגע

ווילנע — 1929
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

ווילנער פארלאג
ב. קלעצקין.

PRINTED IN POLAND

N. Majzil. — „Noente un wajte". Tom II.
Drukarnia „Wyd. Wileńskie" B. Kleckina, Wilno.

צענטער
ביבליאטעק
פעטאלומע

אינהאלט

	ז׳
מענדעלע מוכר ספרים	5
י. ל. פרץ	11
שלום־עליכם	18
יצחק יואל לינעצקי	25
מאָריס ראזנפעלד	32
שלום אַש	41
דוד פרישמאַן	65
מיכה יוסף בערדיטשעווסקי	75
ה. ד. נאמבערג	84
א. נ. גנעסין	91
י. ח. ברענער	103
י. אָפּאטאשו	110
שאול טשערניכאָווסקי	121
פרץ הירשביין	131
דער נסתר	138
ש. ניגער	146
א. ליטוואק	154
בער באראכאוו	159
יעקב פיכמאַן	164
ה. לייוויק	170
א. ראבאי	183
מנחם	190
משה באדיר	198
עוזר ווארשאווסקי	204
ביניש שטיימאַן	214
מלך ראוויטש	223
י. י. זינגער	233
פרץ מארקיש	240
איזי כאריק	2 2

מענדעלע מוכר ספרים

אינגאנצן פינף יאָר זענען פאָריבער זינט ער, דער ערשטער, איז פון אונז אוועקגעגאנגען, און עס דוכט זיך, ווי גאנצע דורות טיילן אונז אפ פון אים. דער מענדעלע-טורם קוקט שוין צו אונז ארויס פון אַ טיפער געשיכטלעכער ווייטקייט.

ווען מיר ברענגען איצט ארויף אויפן געדאנק דאס ווארט מענדעלע, ווייזט זיך אונז אויס, אז מיר קערן זיך אום צו א ווייט-ווייטער פארגאנגענהייט. ווען מיר בלעטערן אדורך די בלעטער פון מענדעלע מוכר-ספרימס ווערק, האבן מיר דאס געפיל, ווי מיר וואלטן געבלעטערט אין אַלט-אלטע פארצייטיקע מגילות: אזוי האט זיך געביטן און געענדערט אונזער לעבן פאר די יאָרן, און אזוי פיל געשעענישן-פאסירונגען האבן זיך איבערגעקייקלט אין אונזערע לעבנס און געפילן.

אונזער ליטעראטור האט זיך צעוואקסן, זי איז צעווארפן איצט איבער פארשיידענע לענדער און מדינות. אומעטום עקסיסטירן צייטונגען, זשורנאַלן, שרייבער און שרייבער, וואס ס'איז שוין שווער צו פאַרגעדענקען זייערע נעמען, און פון צווישן דעם ים פון ביכער, נעמען און שרייבער שטאַרט אלץ ארויס, קוקט ארויס דער הויכער, וואונדערלעכער מענדעלע-טורם. –

מענדעלעס ליטעראַרישער אנהויב אין יידיש איז געווען צוריק מיט זעכציק יאָר.

נאָך אין 1863 האָט ער פאַרעפנטלעכט זיין ערשט יידיש ווערק „דאס קליין מענשעלע, אדער א לעבנס באשרייבונג פון אברהם יצחק תקיף", און דאן צוערשט זיך א נאָמען געגעבן „מענדעלע מוכר ספרים", — דער נאָמען, וואס איז שוין איצט פאַר אונז א פאַרקערפּערונג פון א שטיק ליטעראַטור־געשיכטע.

מענדעלע אליין דערציילט וועגן אָט דעם אנהויב: „אונזערע שרייבער, די בעלי הלשון, האָבן געקוקט אויף יידיש פון אויבן אראָפּ און מיט דער גרעסטער פאַראַכטונג... דער געדאַנק, אז שרייבנדיק יידיש, וועל איך מיך דערנידעריקן, האָט מיך זייער געפּלאָגט; אָבער דער חשק נוצן צו ברענגען, האָט גובר געווען די פאַלשע בושה, און איך האָב צו זיך אליין געזאָגט: זאָל זיין וואס עס וויל — איך וועל מיך אָננעמען פאַר דאס פאַרשטויסענע יידיש און וועל נוצלעך זיין מיין פאָלק".

מענדעלעס ליטעראַרישער אנהויב שטעקט אין דער ווייטער, בטלניש־מליצהדיקער, אייראָפּעיש און פאָלקסטימלעך פּאָלסיפיצירטער שרייבער־תקופה. עס זענען געווען ביז אים בעסערע אדער ערגערע פאַרפאַסער פון מעשה־ביכלעך, עס זענען געווען בעלי־מלאכות, וועלכע האָבן איבערגעניצעוועט פון דער פרעמד־געבאַרגטע טעמעס, נעמען, פאָרמען, געשטאַלטן, סטיל און האַנדלונג. אָבער ביז אים איז כמעט נישט געווען קיין אמת יידישע ליטעראַטור, קיין יידישע ליטעראַרישע שפּראַך, קיין יידישע קינסטלערישע פאָרמען. ביז אים איז כמעט ווי נישט געווען קיין אייגענער ליטעראַרישער נוסח און קיין אייגענע קינסטלערישע אויפפאַסונג. מענדעלע האָט געלייגט דעם גרונטשטיין און געבויט דעם פעסטן פונדאַמענט פאַר דער נייער יידישער ליטעראַטור.

פונעם אנהויב ביזן סוף האָט ער זיך באַנוצט מיט דעם, וואס דאס פאָלק, די ברייטע פאָלקס־מאַסן, האָבן אויסגעטראָגן

און געשאפן. די געשטאַלטן און שילדערונגען, די שפראך און די פאָרם, דער ספור־המעשה און דאס „ניט דאס בין איך אויסן״, — אלץ גייט ביי אים גלייך פון געדיכטן לעבן. הויפּנ־ ווייז איז געלעגן אָט דער יידישער לעבנס־שטייגער, דער אָנגעזאמלטער ווירקלעכקייט־שטאָף, מיט אלע זיינע אייגנ־ שאפטן, מיט אלע רעדעסארטן, העויות און קנייטשן, ביז ס׳איז געקומען אָט דער גוטער, למדנישער קאָפּ מיטן שארפן אויג און האָרכזאמען אויער, און מיט באזונדער השלמה און חריפות האט ער רוהיק און געדולדיק אלץ געקליבן און געלעגט אזוי ציגל אויף ציגל, ביז ס׳איז אויסגעוואַקסן דער מאָנומענטאלער יידישער קונסט־בנין, דער מענדעלע־בנין.

עטלעכע און פופציג יאָר האט געדויערט מענדעלעס קינסטלערישע בוי ארבעט. מיט אוואונדערלעכע שפּאָרזאמקייט און געניטקייט האט ער געזאמלט און געקליבן דעם מאטערי־ אַל צו אט דעם גרויסאַרטיקן בנין און אזוי געשטאַנען ביי דער מלאכה ביז אין טיפן עלטער אריין ביז זיינע ניינציקער יאָרן.

און לייענדיק אזוי איין ווערק נאכן צווייטן פון מענ־ דעלע מוכר ספרים, פארגעסן מיר אפטמאל אָן דעם קינסטלער, און מיר האבן דאס געפיל, ווי דאס לעבן אליין וואלט זיך געצויגן און געצויגן, ווירקלעכע בילדער בייטן זיך אויף ווירקלעכע בילדער און דרייען זיך אלץ ארום איין אָרט. א גאנצע פּאַנאראמע פון דעם אמאָליקן לעבן, וואס רודערט זיך און באַוועגט זיך אָן אויפהער ארום אייגענעם אַקס. און אפטמאל זענען די פּאַסירונגען און שילדערונגען צעצויגן, צעפלאָסן, ווי זיי וואלטן נישט געווען אונטערגעווארפן דעם קינסטלערס האנט און ווילן. אבער זייער אָפט גיט זיך מענדעלען איין צו באהערשן דעם באוועגעדיקן און אויפ־ געראָדערטן לעבנס־שטאָף, ער באפרייט זיך דאַן פון זיין פינקטלעכער און פּאַמעלעכער זאמלער־ארבייט און ער דער־ גרייכט דאַן צום קינסטלערישן צמצום, צו קאָנצענטרירקייט. און דאַן וואַקסט אויס די מענדעלישע דיכטערישע וועלט,

דער מענדעלע נוסח, אַ דאנק וועלכן מענדעלע האט זיך דער־הויבן צו אמתער קינסטלערישער השלמה און אַ דאַנק וועלכן מענדעלע האט פארנומען דעם אויבן־אָן אין דער עלטערער יידישער ליטעראַטור.

מענדעלע האט נישט ארייגעקוקט אין טיפן עבר, ער האט זיך אויך נישט געריסן צום ווייטן עתיד. ער איז זיך געגאנגען האַרט און פעסט ביי דער ערד און געלעבט און נישט אייפגעהערט צו לעבן מיט ז י י ן תקופה, אפילו ווען די תקופה איז שוין לאַנג געהאט אוועקגעגאנגען. פאַררוקט און פאַרשלאָסן איז ער פאַרבליבן אין דעם אָפּגעלעבטן און אוועקגייענדיקן יידישן לעבנס שטייגער אפילו דאַן, ווען דאָס לעבן האט פאר זיינע אויגן שוין זיבן מאָל זיין הויט גע־ביטן. ארום און ארום האט געדודערט און געראַשט, דורות זענען אוועק און דורות זענען געקומען, און ער, דער ש ט אָ ל צ ע ר גרייז־גרויער ז ק ן, האט אלץ געהאלטן אין איין ניצעווען אויף דעם שאָפונגס־פאָדעם זיינע פערעלעך־אותיותלעך פונם אַמאָליקן, פאַרצייטיקן יידישן לעבן מיט אַלע זיינע פרטים און איינצלהייטן, מיט אלע זיינע תנועות און „פּיט־שעווקעס״, פונקט ווי אלץ וואָלט דא פאר אים געלעבט אין דער זעלבער פאָרם און געשטאלט ווי אַמאָל אין די 30־טע, 40־טע און 50־טע יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט.

די פ ר ט י ם און א י י נ צ ל ה י י ט ן פון דעם אמאָליקן לעבן האבן זיך גרודעסווייז געלעגט פאר מענדעלעס אויגן און זייער אָפּט פארשטעלט פאר אים דאס ג אַ נ צ ע און פ אַ ר ג אַ נ צ ט ע אין ל ע ב ן. מענדעלע גריבלט זיך אין די אלע איינצלהייטן און פאַרזעט דאס אלגעמיינע ארומנעמענדיקע. און אזוי גריבלענדיק זיך אין דער אמאָליקער מילבן־עדה ווערט מענדעלע פארפלייצט און פארכלינעט פון די אמאליקע פאַרשווינען און פון זייער שטייגער־לעבן. ער איז ווי אומבאַ־האָלפן, ער איז אין געפענגעניש ביי זיי, ביי זייערע גע־

זווינהייטן, רעד און רעדעניש. זיין גאַנץ איצטיק לעבן
איז איינס, און דאָס פאַרגאַנגענע לעבן איז אַ צווייטע
וועלט. און ביים שילדערן יענע וועלט גייט ער אוועק פון
דער איצטיקער וועלט. אין דער הקדמה צום „פּריזיוו"
זאָגט מענדעלע: „עס האָט אין מיר זיך געעפנט אַ פרישער
קוואַל הייסע געפילן און מיך עפעס אַ ברען געטון אויסצו·
גיסן זיי אין ווערטער פריי פאַר דער גאַנצער וועלט. דאָס
איז יענער ברען, וואָס וועקט אין וויעסנע אויף דאָס באַ·
טריבטע, פאַרוואָגלטע זומערפייגעלע, ערגיץ אין דער פרעמד,
צוריקצוקערן זיך ווידער אהיים צו זיין נעסט און צו זיין
פריצרדיק שטייגער-לעבן... — — — עס האָט מיך עפעס גע·
צויגן אַהין, אין יענעם ווינקעל פון יידישן לעבן, וואו
עס געפינען זיך מיינע אַלטע באַקאַנטע פאַרשוינען, פון
וועלכע איך פלעג אַמאָל דעם עולם דערציילן משונה-ווילדע,
וואונדערלעכע מעשיות. עס האָט זיך מיר שטאַרק געגלוסט
ווידער צו מיינע לייט... מיינע אַלטע פאַרשוינען האָב איך
געטראָפן, ברוך השם, אַלע פריש און שטאַרק מיט זייערע
אַלע אַלטע קאַפּריזן און משונהדיקע געוג... איך האָב זיי
אָנגעקוקט מיט גרויס הנאה, גוט באַטראַכט פון אויבן ביז
אַראָפּ און גיב אַצינד אַרויס אַ באַשרייבונג פון אַ טייל נאָר
פון זיי אין דעם דאָזיקן בוך".

דאָס איז מענדעלע!

מענדעלען איז געווען נאָענט, באַקאַנט און צום האַרצן
דאָס אָרעמע, עקאָנאָמיש-אומבאַהאָלפענע און גייסטיק-דערשלאָ·
גענע יידיש לעבן פון אַמאָליקער צייט. ער האָט געזען און
אויפגענומען די טרויעריקע בילדער פון לעבן, די קרומע
העויות, דאָס אַלטע און פאַרעלטערטע אין זיינע אָפּגעלאָזענע
און אָפּגעשטאַנענע פאָרמען, — דאָס איז געווען זיין מיליע,
דאָ האָט ער געלעבט און אויפגעלעבט. אָבער אויסער דאָס
אָרעמע און פאַראָרעמטע לעבן, איז דאָך אַמאָליקע יאָרן גע·
ווען אויך אַ פולפאַרביק פאַטריאַרכאַליש, נגידיש-חסידיש סטיל·
רייכעס לעבן מיט הרחבה און פאַרנעם, מיט אמת-יידישע קאָ·

לאָריט און פּאָרם, מיט רבנים און גוטע יידן, רייכע סוחרים און יאַרידים, קהלות און ועד־הארצות — דאס אלץ איז געווען פאַרהוילן פון מענדעלעס אויגן. מענדעלע האט געשטעקט אין דער יידישער אָרעמקייט, זיך באַהעפט צו די דערנידעריקטע און דערשלאָגענע נפשות, און פון דארט געגעבן פּינקטלעכע באַשרייבונגען און שילדערונגען. און ווען מיר לייענען אזוי א בלעטל נאָך א בלעטל פון מענדעלע דוכט זיך אונז, ווי מיר וואָלטן געזעסן ביי א חולה־א גוסס, — ער צאַפּלט נאָך, נאר זיינע מינוטן זענען געציילטע.

דאס יידיש לעבן ביי מענדעלען האלט ביי גסיסה, עס שטייט ביים ראַנד פון אונטערגאַנג. קיינע אויסזיכטן, קיינע פּערספּעקטיוון! —

איינגאנצן פינף יאָר זענען אריבער זינט מענדעלע איז אוועק פון אונז, און אונז דאכט זיך שוין, ווי גאנצע דורות טיילן אונז אָפּ פון אים. דער מענדעלע־טורם קוקט ארויס צו אונז ווי פון אַ טיפער געשיכטלעכער ווייטקייט.

1922

פּרץ

„איך מאָל נישט קיין מענטשן, נאָר זייער אָפּבילדונג אין מיר, און די אָפּבילדונגען זענען זעלטן ענלעך צום מענטש; איך מיין: צום אויסערלעכן פון מענטש. עס בלייבט ביי מיר אַ שוואַרצע פאָטאָגראַפיע פון אַ בלאָנדן מענטש, וואָס האָט מיר אַרויסגעזאָגט אַ שוואַרצן געדאַנק. און דוקא אַ העלע און גאָלדענע — פון אַ שוואַרצן, וואס האָט מיר אַ שטראַל אין האַרץ אַריינגעוואָרפן, פון נאך אַ שוואַרצער אויג... די זעלישע ליניען און פאַרבן פאַרדעקן פאר מיר די אויסערלעכע ליניען און פאַרבן פון קערפער...”

אַ שליסל צו פרצס גייסטיקער וועלט. זיין דורכזיכטיק און ברענענדיק אויג דרינגט-דורך שטענדיק דורך דעם לבוש, דורך דעם חומר און ער זעט דער עיקר דאָס זעלישע, דאס נשמהדיקע.

אַ שוואַרצע פאָטאָגראַפיע פון אַ בלאָנדן מענטש און אַ העלע און גאָלדענע — פון אַ שוואַרצן.

אָט אַזוי האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אונזער ווירקלעכקייט אין דער שטראַלנדיקער נשמה פון פרצן, אָט אזוי האט פּרץ רעאַגירט אין זיין שאַפונגס-לעבן אויף מענטשן און געשעענישן, אויף וועלטן און אידעען.

געדענקט איר „אין פּאָליש אויף דער קייט” דעם זינדיקן, ווי ער נעמט אויף די צוויי קאָנטראַסטן?

ברכיהס טאָכטער: — שטענדיק אין אים פאַרליבט,

זי איז געווען זיין געזאַנג, זיין איינציקער חלום, און ווען „אַ רגע האָט זי געלייקנט אין אים, צוליב דעם טאַטנס ווייסן קאָפּ, צוליב דער מאַמעס קראַנק האַרץ" און קומט בעטן ביי אים מחילה, שטופּט ער זי אָפּ פון זיך און שרייט אויס:

„דו ביסט פאַרשוועכט... שווייג! ווי ברענענדיקע דערנער שטעכט מיר יעדער קלאַנג! דיין אַמאָליק הייליק בילד, פון ליכטיקע שטערן צוזאַמענגעשטעלט, שטראַלט אין מיר — און פון דיין פאַרשוועכטן בליק לעשט זיך אַ שטערן נאָך אַ שטערן... גיי!"

און די אויסגעלאַסענע: — זי קומט צו אים, די אויסגעלאַסענע, און בעט זיך ביי אים „לעשן דעם פלאַם. ביי דער זינדיקער דעם פלאַם". רופט ער אויס:

„דו ביסט ריין, דיינע זינדיקע געדאַנקען פליען ארויס פון דיר, ווערן נשמות פאַר זינדיקע זאַכן, זיי אַנטלויפן פון דיר, ווי שאָטן און נעפּל פאַר אַ ליכט, פאַרן ערשטן מאָרגן־שטראַל. דו בלייבסט ריין, שטענדיק ריין!"

און אָט דעם שטענדיקן אינערלעכן געראַנגל פון דאָס מיאוסע, העסלעכע אינם שיינעם, איידעלן גוף און דאָס ריינע, שטראַלנדיקע, תמימותדיקע אינם גראָבן, ברודיקן חומר, — אָט דעם שטענדיקן געראַנגל האָט פּרץ געגעבן אין זיינע שטראַלנדיקע ווערק, אָנגעהויבן פון די ריין־רעאַליסטישע נאָוועלן און געענדיקט מיט די עכט־סימבאָלישע דראַמען.

* * *

„פּראָבלעמען און קאָנטראַסטן — דאָס זענען די צוויי וואַלצן, אויף וועלכע עס וועלן זיך וויקלען אַלע מיינע שריפטשטעלערישע יריעות... עטישע קאָנטראַסטן־בילדער, טרויעריקע דעקאַדאַנסן פון חסידיזמוס, חורבות פון וועלט־אָנשוינגען... דראַמען און טראַגעדיען מער אין ברענענדיקע, איידער אין זיך לעשנדיקע געהירן..."

וויקלען מיר איצט פאַנאַנדער אָט די שריפטשטעלערישע יריעות, וועלכע האָבן זיך געצויגן די גאַנצע דרייסיק יאָר

פון זיין שעפערישער אָנשטרענגונג, שטייט אויף פאַר אונז אונזער גאַנץ לעבן פאַר אָט דער לאַנגער און ביז גאָר איינ־האַלטפולער צייט: גאַנצע תקופות, עטלעכע דורות, דורות און צוואות. און אומעטום, אויף יעדן רינג פון דער לעבנס־קייט שטראַלן אָפּ די פּראָבלעמען־קאָנטראַסטן פון גאָר דער צייט, פון גאָר דאָס לעבן. אומעטום ברענענדיקע, זיך נישט לעשנדיקע פייערן פון דעם גרויסן פלאַקער, וואָס האָט געטראָגן אָט דעם קורצן צויבער־נאָמען:

פּרץ!

סתּירותדיקע קאָנטראַסטן־בילדער:

„ווענוס און שולמית", „פיר דורות, פיר צוואות", „דריי מתּנות", צווישן צוויי בערג" — און פון אָט די אַלע דיסהאַרמאָנישע, סתּירותדיקע קאָנטראַסטן־בילדער וואַקסט אויס דער גאַנצער, גרויסער, האַרמאָנישער פּרץ, — דאָס שענסטע און אינהאַלטפולסטע קונסט־ווערק, וואס דאס מאָדערנע יידנטום האָט געשאַפן פאַר דער צייט פון זיין וועלטלעך לעבן.

* * *

„צווישן געדאַנק און דיכטונג" —

אזוי האָט פּרץ אָנגערופן אַ גאַנצע ריי אַרטיקלען, וואָס ער האָט געדרוקט די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, און דאס כאַראַקטעריזירט אזוי קלאָר זיין אַרט שאַפן.

דער מהלך צווישן געדאַנק צו דיכטונג — דאָס איז דער שטח פון זיין שעפעריש לעבן און דער הויפּט־עלעמענט פון זיין קינסטלעריש וועזן.

דער געדאַנק, איז ווי דער ליכט־זייל, וואָס פירט אַיבערן מדבר־כאַאָס פון נישט־אויסדערציילטער און נישט געמאָלטער שענקייט, און נאָך אָט דעם פייערדיקן זייל ציט זיך דער גרויסער ערב־רב פון מענטשן און מעשיות, וואונדער און געשעענישן, נשמות פאַרוואָגלטע און גופים געפּלאָגטע, וועלכע האָבן געפונען דורך פּרצן זייער תּקון און אָנגעהויבן אַ ניי אויפגעוואַכט לעבן.

ער האט נישט אויפגעהערט צו זוכן און צו נישטערן

אין יידישן און אַלגעמיינעם קולטור-לעבן שטאָף פאַר זיין ברויזנדיקן גייסט, פאר זיין געדאַנק און דיכטונג. שטענדיק אויפגערעגט, שטענדיק אויפגערייצט איז ער אזוי געשטאַנען מיט זיינע קינסטלערישע וואונדער-שפאַן, נישט גערוט און נישט באַפרידיקט זיך געוואָרפן פון איין פאָרם צו דער צווייטער, פון איין וועלט צו דער אנדערער. און פון די אויפרעגונגעלעמענטן אין זיין גייסטרייכער פערזענלעכקייט האָט ער געשאַפן זיינע קונסט-ווערק.

אויף זיין שאפן לעבט און שוועבט דער סינטעז-גייסט, און פרצס ווערק זענען דעריבער נישט נאָר פאַרגאנצטע, פאַרקילטע קונסט-זאכן, וואָס זענען פאַרשלאָסן אין זייערע אייגענע ראַמען. פרצס קונסט איז דער המשך פון זיין לעבן, דער העלער אָפשיין פון זיין גרויסער ליכט.

צוזאמען מיט זיין שאפן איז אויך פרץ דערהויבן געוואָרן.

ווי פייער, וואס האלט זיך ביים קנייטל, אזוי האט זיך פרצס נשמה געצויגן און געפלאַכטן אדורך זיינע גרעסערע און קלענערע ווערק אין משך פון זיין גאנץ שאַפונגסלעבן. צוזאמען מיט פרצן האט אונזער גאנץ שאפן אדורכגעמאכט א לאנגן און ווייטן וועג: פון בטלנותדיקע מעשיות ביז עכטע מייסטערהאפטע קונסט, פון נאַיוון פארגעטערן ביז טיפן באנעמען, פון פשוטן נאָכמאכן ביז זעלבסטשטענדיקער דיכטערישער שאפונג. דורכגעווארפן א בריק צווישן ע ב ר און ה ו ה, צווישן באגרענעצטע השכלה־טענדענצן און ברייטער יידישער וועלטלעכקייט, האָבן זיך פון אים פאנאנדערגעצויגן וועגן און וועגעלעך אין דער ווייטערדיקער שעפערישער יידישער קונסט און קולטור.

* * *

„מיין ליד וואלט אנדערש גאר געקלינגען
איך זאל פאר גוים גויש זינגען,
נאר נישט פאר יידן, נישט זשארגאן.
קיין רעכטן קלאנג, קיין רעכטן טאן,

קיין איינציק ווארט נישט און קיין סטיל
האב איך פאר „ליבע", פאר „געפיל"!.."

אזוי האט פרץ אנגעהויבן זיין דיכטערישן וועג און אזוי האט ער זיך געקלאָנט אין זיין ערשט ווערק „מאָניש" (1888).

דאס ווערק אליין איז א קונסט-פערל געווארן, א מוסטער פון סטיל און געפיל, און פרץ אליין — דער גייסטיקער סימבאל פון מאָדערנעם יידישן שאַפן און די גלענצנדיקע פאַרקערפּערונג פונם קינסטלערישן יידישן וואָרט, דער סינטעז פון קלאַנג, טאָן, וואָרט און סטיל.

פון פרצן הויבט אָן די יידישע ליטעראַטור איר אמת וועלטלעך לעבן. ער האָט די יידישע ליטעראַטור מיט אמאל א הויב געטאן אויף אַ געוויסער* הויך, אריינגעטריפט אין איר גייסט, נשמה און געפיל, פאַרבן, קלאַנגען און סטיל, און באַפוילן: „גיי!" און די ליטעראטור האט גענומען גיין און שטייגן, גיין און שטייגן.

פון פרצן שיינט אריין אין יעדן פון די שפּעטערדיקע יידישע שרייבער. ש. אַ ש — אריינגעהויכט יום-טובדיקן עקס-טאַז, י. מ. ווייסנבערגן — ממשותדיקע קראפט און שטייפ-קייט, מ. י. בערדיטשעווסקין — התלהבות און קדושה-פאָרכטיקייט פאַרן פאָלקסטימלעכן שאַפן, ד. בערגעלסאָ-נען — חוש פאר פארטיפטע געפילן און קינסטלערישן הרחבת-הדעת, ד. איינהאָרנען — יידישע שטימונג און קלאנג פון ניגון, א. וויטערן — פאַטאָס פאר יידישן שאפן און דיכ-טערישן סינטעז, דעם נסתר — נשמה פון מעשה, ה. לײ-וויקן — דאס אריינקוקן אין פינסטערער פארגאנגענהייט און ארויסבאַקומען פון דאָרט א גאָלדענע קייט פון יידישע פלאַ-קערנדיקע נשמות און אויפגעשטראַלטע יידיש-וועלטלעכע פּראָ-בלעמען. און דאס אלץ, דאַכט זיך, גאנץ ווייטס און פאר-שיידנאַרטיקס, לעבט אין פרצן אליין און זענען עיקר-עלע-מענטן פון זיין דיכטעריש וועזן.

* * *

*

„און דאס קול, מיט וועלכן ער פלעגט די מעשהלעך דערציילן, איז נשתנה געווארן לויט דעם ענין, לויט דעם תוך פון מעשהלע. עס האט זיך אנגעהויבן פון אַן „אל מלא רחמים" און עס האט געקאנט קומען צו דער שמחה פון אַ „היום תאמצנו", אדער גאר דערגרייכן צו דער מדרגה פון דער הייליקער גבורה פון א „יגדל"..."

לויט דעם תוך פון מעשהלע, לויט דעם ענין איז דאס קול ביי אים נשתנה געווארן.

דערציילט וועגן דעם „משולח", אריינגעקוקט אין „פּאָסט-וואַגאָן" בייגעוועז דעם „שלום-בית", דורכגעגאנגען דורך די „מקובלים", „גלגול פון א ניגון", „אויב נישט נאך העכער", זיך אפגעשטעלט ביי „באַנטשע שווייג", ביים „שטריימעל" און דערגאנגען ביז „פאלקסטימלעכע געשיכטן" און „ביינאכט אויפן אַלטן מארק".

און אומעטום איז זיין שאפונגס-גייסט פארוועבט אין דער מעשה גופא, ברויזט און שטראמט אין דעם חיות פון דאס דערציילטע און געשילדערטע. און שווער איז ארויסצעשיילן און ארויסצעטיילן דאס פּרצישע פון דער מעשה. אַט איז ער דער משפיע, וואס הויכט אריין פון זיין גייסט און געפיל אין קונסט-ווערק, באלעבט אים און באוועגט אים, — און גלייך ווערט ער שוין דער נשפע, שטייט שוין אליין מיט אַ פארגאפּט האַרץ און פארבענקטער נשמה ביי דער וועלט, וואס ער האט אליין דא ערשט געשאפן.

און זיין שאפן איז שוין דער המשך פון זיין לעבן, און פון איין מעשה צו דער צווייטער, פון איין שעפערישער אנשטרענגונג צו דער אנדערער האט געשטיגן און געלעבט דער פרץ-חיות, געלעבט אין זיין לעבן, געלעבט אין זיין שאפן, געשפריצט שטראמען גייסט, שטראמען שענקייט, געשטראלט און געפינקלט ביים שיין פון דער אויפגייענדיקער זון פון אונזער וועלטלעך לעבן.

אנגעהויבן מיט אן „אל מלא רחמים" פון א „משולח"

און דערגרייכט צו דער מדרגה פון דער הייליקער גבורה פון א „ביינאכט אויפן אלטן מארק״.

* * *

„א חדר געהאט און — אליין פארבליבן. נע ונד דאס פאלק, בפרט זיין באַהעם — יונגע שרייבער. אוועק און מיט נעמען. און נעמען, נעמען האבן באקומען, לייט זענען געווארן די „קונדסים״ פון חדר. די, וואס האבן נישט געלאזט זיך פירן! די אנדערע, וואס האבן אזוי גערן זיך אונטערגעגעבן דער צענזור, געשטופּט דעם מאנוסקריפּט צו מיין בלייַשטיפט, — זאל גאט זיך אויף זיי דערבארעמען!

איך האב זאַמען געשפּרייט, איבער זיי שבעה נקיים געזעסן און קוים זיך עפּעס דערוואַרט. באַווייזט זיך א קעפּל, עס שפּאלט זיך קוים די ערד, איך גיב שוין אן אַנהאלטעניש, אן אַנשפּארעניש, זאל עס נישט קריכן איבער דער ערד. ארויף, צו דער הויך! דרענגלעך אונטערגעשפּארט!״

און ביז היינט צו טאָג:

באַווייזט זיך אַ קעפּל, זוכט עס אן אַנהאלטעניש, אַן אַנשפּארעניש אָן אים, אָן פּרצן.

ווייל פּרץ לאזט נישט קריכן איבער דער ערד. ער טרייבט ארויף, ארויף, צו דער הייך.

„מיט די פיס שטאָלפּערט א מענטש אויף דער ערד, מיטן קאָפּ שפּארט ער צום הימל״ —

אזא איז פּרץ געווען.

און אזוי האט פּרץ מיט זיין לעבן און שאַפן געלערנט.

1932

שלום עליכם

זעלטן ווער פון די יידישע שרייבער איז אזוי פשוט און פראָסט, נאטירלעך און אוממיטלבאר ווי שלום־עליכם, זעלטן ווער פון די יידישע שרייבער האט צו טון אזוי שטענדיק און אויסשליסלעך נאר מיט דאס וואָכעדיקע, טאג־טעגלעכע, וואָר־ווירקלעכע לעבן, ווי שלום־עליכם. און דאך — שוין פון די ערשטע שורות פון שלום־עליכמס גרעסערע אדער קלענערע דערציילונג שיינט גלייך ארויס דאס שטראלנ־דיקע, יום־טובדיקע, נשמה־יתירהדיקע, וואס האט אין זיך אזוי פיל פון אמתער און פאַרטיפטער קונסט. שלום־עליכם באנוצט זיך מיט גאר געוויינלעכע אויסדרוקן, געברויכט שטארק־אָפּגעניצעוועטע ווערטער, שלום־עליכם ווייסט נישט פון פאנטאסטישן, איבערערדישן שטאָף, און דאך פארצויבערט ער אונז גלייך, און פארכאפט און פארגאפט ווערן מיר פון די גאָר־פשוטע און צו־פשוטע רייד פון דעם ייד אדער יידענע, וואס באַשיטן אונז מיט זייער מענה־לשון.

און אין דעם באַשטייט שלום־עליכמס גרויסקייט און מערקווירדיקייט. שלום־עליכם שאפט אָן א פריער־באשטימטן, פארויס־אנגעצייכנטן וועג און ווילן. ער האט א געזונטן אויג און אַ גוטן אויער, און וואס ער זעט און הערט — גיט ער מייסטערשאפט און קונציק איבער. לייענט איר אזוי איבער עטלעכע שורות ביי שלום־עליכמען וועגן א מענטשן, ווייסט איר נישט, ווי ארום דער טיפ איז אזוי גיך און גרינג אייך

באַצײַכנט געוואָרן; צי מיט די פּאָר שטריכן, וואָס שלום-עליכם גיט וועגן אים, צי מיט די פּאָר ווערטער, וואָס שלום-עליכם לייגט אַרײַן אין זײַן מויל. גלײַך פֿון די ערשטע צעטלעכע שטריכן און ווערטער האָט איר צו טאָן שוין מיט אַ לעבעדיקן, באַוועגלעכן מענטשן, וואָס האָט צעבונדענע און פֿרײַע העוויות און אַן אָפֿן און פֿרײַ מויל, און שוין ווי אָפּגעטײלט פֿון מחבר, טוט ער מעשׂים, באַוועגט זיך און רעדט און רעדט.

בײַ שלום-עליכמען פֿילן מיר קײנמאָל נישט, ער זאָל זײַן אײַנגעשטרענגט בעתן שרײַבן, ער זאָל זיך נויטיקן דאָן אין צוטראַכטן עפּיזאָדן, ווערטער, מאָמענטן, צוזאַמענשטויסן פֿאַר זײַנע פּערסאָנאַזשן. ער פֿאַרמאָגט אַ שפֿע און אוצר, וואָס איז קײנמאָל נישט אויסגעשעפּט געוואָרן, און פֿאַרקערט, וואָס מער ער האָט געשריבן, אַלץ מער איז געוואַקסן דער רײַכער אוצר פֿון פֿאַרשײדענערלײ מענטשן און מענטשן, פּאַסירונגען און פּאַסירונגען. ווײַל בעתן שרײַבן גופֿא פֿלעגט זיך ערשט אָנהײבן דאָס אמתע לעבן פֿון זײַן העלד, און אין דערצײלונג גופֿא פֿלעגט זיך ערשט אָנהײבן פֿאַרבינדן אַ מעשׂה אין אַ מעשׂה, און אַ מעשׂה פֿון אַ מעשׂה.

און עס איז קײן ספֿק נישט, אַז בעת שלום-עליכם איז צוגעטראָטן צו שרײַבן זײַן „טבֿיה דעם מילכיקער", „מנחם-מענדל", „מאָטל פּײסי דעם חזנס" האָט ער גאָרנישט געוואוסט און גאָרנישט בדעה געהאַט. אַז פֿון זײ זאָלן אַרויסוואַקסן גרויסע ווערק, גרויסע סימבאָלן פֿון דער ייִדישער ווירקלעכקײט. געגנוג אַדורכצולײענען די ערשטע קאַפּיטלען פֿון די דאָזיקע ווערק, כּדי זיך איבערצײַגן, אַז בײַם אָנהײב זענען עס געווען גלאַט-מעשׂיות, שטיקלעך-דערצײלונגען, וואָס שלום-עליכם האָט אַזוי פֿון דער האַנט געשאַטן, און ערשט מיט דער צײַט, ווי פֿון זיך זעלבסט, זענען זײ אויסגעוואַקסן אין מערקווירדיקע, אויסגעהאַלטענע טיפּן, וואָס פֿאַרמאָגן אין זיך אַזאַ עשירות און אַזאַ שפֿע פֿון ווירקלעכקײט, פֿון פּסיכאָלאָגיע, פֿון פֿאַרבן און פֿון פֿאָלקס-קולטור.

און ווי אָרעם, טרויעריק און אפטמאל טראַגיש עס איז נישט דאס לעבן פון די טיפן ביי שלום-עליכמען, דאך פאַר־לירן זיי קיינמאָל נישט דעם מוט, פאַלן ביי זיך קיינמאָל נישט אראָפּ. פארקערט, — זיי האבן אין זיך חיות און פרייד, גאנצקייט און קראפט גובר צו זיין דאס שווערע און נישטי־קע לעבן. יעדער טיפּ ביי שלום-עליכמען ווייס פון דעם אינ־סטינקטיוון געפיל, ווי שמייכלענדיק ארייננצוקוקן דעם לעבן גלייך אין פנים אריין, ווי צעלאַכן זיך אין דעם סאַמען שווערסטן און טראגישסטן מאָמענט.

„פאראַן מענטשן — זאגט שלום-עליכם — וואס האבן ליב אנצוקוקן יענעם בשעת אומגליק, ארייננקוקן יענעם גלייך אין פנים אריין דוקא בשעת ער וויינט, נאכקוקן יענעם ווי אזוי ער גייט נאך דער לויה, זיך צוקוקן ווי יענער ברעכט די הענט, שלאגט זיך קאָפּ אין וואַנט וכדומה. איך האַלט נישט פון אזוינע סצענעס. לאז מען זאָגן, וואס מען וויל, איך האב פיינט טרויעריקע בילדער. מיין מוזע טראגט נישט קיין שווארצן שלייער אויפן פנים; מיין מוזע איז אַן אָרעמע, נאר א פריילעכע"...

און קיין חידוש איז נישט, וואס שלום-עליכמס ווערק זענען אזוי באליבט, אזוי טייער צווישן די ברייטסטע שיכטן פון די יידישע פאלקס-מאַסן. ביי קיינעם פון די יידישע שרייבער קען מען נישט געפינען אזוי פיל פשוטע, הארציקע אוממיטלבארע פרייד ווי ביי שלום-עליכמען, און קיינער פון די יידישע שרייבער פארמאָגט נישט דעם צויבער אראָפּצו־רייסן גלייך דעם שוואַרצן שלייער פונם פנים, פאַרגלעטן די קנייטשן פון דעם פאַראומערטן פנים און ארויסרייסן אַ פולן האַרציקן געלעכטער ביים פאַרהאָרעוועטן מענטשן, ווי שלום־עליכם.

שלום-עליכם איז געווען און פאַרבלייבט דער קוואַל פון אמתע פרייד און געזונטן געלעכטער.

מנחם מענדל און טביה דער מילכיקער — אָט די צוויי משונה קאָנטראַסטן, די קאָנטראַסטן, אויף וועלכע ס'וויקלען זיך שלום-עליכמס פאַרשיידענע גרעסערע און קלענערע ווערק, אט די צוויי הויפּט-טיפּן ביי שלום-עליכמען, — זענען אייגנטלעך די צוויי גרונט-עלעמענטן אין יידישן כאַראַקטער.

פון איין זייט מנחם מענדל, —

„אַ פליער, אַ ברענער, א לויפער, א דרייער, א נעכטיקער-טאָג", ווי טביה רופט אים אָן. די פאַרקערפּערונג פונם לופט-מענטש, הוהאַ און טומל, פוסטן אימפּעט און איילעניש לויפעניש. גרינגע באַגייסטערונג און נאָך גרינגערע אנטוישונג, שטענדיקע צעטראָגנקייט, אויבערפלאכלעכער רעאַגירן אויף אלץ און די מוכן-ומזומנדיקייט צו „אוניווערסאלע" עסקים, דער לויזער באָדן אונטער די פיס און דער פיבערשער אנצינדן זיך און אויסלעשן זיך, די פאַפירענע וועלט אָן דעם שורש א. אַז. וו.

און פון דער צווייטער זייט טביה דער מילכיקער.

האַרציקע תמימות, גוטמוטיקע איראָניע און שטאָלצע זעלבסטווערדיקייט, שטאַרקע איינגעוואָרצלטקייט צו דער ערד, צו דער סביבה, באגייסטערטע ליבע צום ווייב און קינד, יידישע גם-זו-לטובה, שטייפע אינערלעכע אמונה און שטענדיקע יום-טובדיקייט, דער שטענדיקער שמייכל דורך טרערן און זיפצן, דערהויבענע אויסגעהאלטנקייט אין די אלע שווערע נסיונות, די נשמה-יתרה פון דעם גרויסן קלוגן און נאַיוון פאָלקס-מענטש.

און אָט די צוויי באזונדערע, פאַרשיידענע קאָנטראַסט-עלעמענטן זענען געלעגן אויך אין שלום-עליכמען גופא, זענען געווען עיקרדיקע באַשטאַנד-טיילן פון זיין אייגענעם כאַראַקטער; און פון זיין אייגענעם קוואל האט ער געשעפּט דעם וואָכעדיקן „פליער און דרייער" מנחם מענדל און דעם שבתדיקן גוטמוטיקן פאָלקס-מענטש, טביה דעם מילכיקן.

און נאָך גאָר אין דער יוגנט רייסט זיך אזוי אומבאַוואוסט ארויס ביי שלום-עליכמען אין איינעם פון זיינע בריוו:

„ראבינאוויטש“ איז מער „שלום-עליכם“, ווי ראבי-נאוויטש; סאלאמאן ראבינאוויטש איז פיר שעה אין טאג אויף דער בערזע א מאכער, א דרייער, א שטיקל טויז ב"ה; נאר פון זייגער פינף בייטאג ביז דריי-פיר אין דערנאַכט בין איך „שלום-עליכם“

און ווי אין זיין לעבן, אזוי אויך אין זיין ליטעראַרישער טעטיקייט האבן זיך געביטן און געקעמפט אין אים די צוויי פארשיידנארטיקע כחות — מנחם מענדל און טביה.

גאנצע שטיקער פון אונזער טומלדיקן, נערוועזן מנחם-מענדלשן לעבן האט שלום-עליכם אפגעשפיגלט אין זיינע ווערק. זיינע מענטשן קומען גלייך פון גאס, פון לעבנס-גערודער פאַרהאַוועטע און פאַרהאָרעוועטע; האבן ניין מאס רייד, וואַרפן זיך אום און טומלען אין דעם פאַרשאַרפטן, אנגעגליטן הוהאַ-לעבן, אבער פון צו-לאנגע, דוכט זיך, צו געווינלעכע, דערעסנדיקע שמועסן, פילן מיר דעם טיפן צער פון דעם פארקלעמטן יידישן הארץ, וואס לעבט א שטיל הארציק, בנעימותדיק לעבן אונטער די נערוועזע, פאר-גיכערטע באוועגונגען און פאַרקריפלטע העויות.

און וואס מער שלום-עליכם דערציילט, וואס מער זיינע מענטשן „ריידן זיך אויס זייער הארץ“, אלץ מער ווארפן זיך אראפ די אויסערלעכע לבושים פון דעם וואכעדיקן מענטש און עס באווייזט זיך די אינערלעכע נשמה-יתירה. עס שיילט זיך אזוי אויס די אנגעוואקסענע שאלעכץ, און עס באווייזט זיך דער יאדערדיקער קערן. און אזוי קומט אלעמאל שלום-עליכם פון דער אויסערלעכער באוועגונג צו דער אינערלע-כער רואיקייט.

ווייל שלום-עליכם אליין האט מיטגעלעבט מיט זיינע מענטשן זייער לעבן.

אליין דורכגעגאנגען די אלע מדורי-גיהינום פון דעם לעבן-יאריד. און פון דעם לעבן גופא, פון דעם ווירקלעכן לעבן, איז ער ארויסגעוואקסן, און פארוועבט איינגאנצן מיט דער עצם-ווירקלעכקייט איז ער דערהויבן געווארן צו אן

אמת גאניאלן פאלקס-שרייבער און געגעבן דאס באהארציקסטע און שענסטע, אינטימסטע און ריינסטע, וואס דאס פאלק האט אין זיין טאג-טעגלעכקייט פארמאגט.

פרץ און שלום-עליכם. פרץ פון די הויכע עולמות, — און שלום-עליכם פון דער רויער-גרויערווירקלעכקייט. פרץ האט געגעבן די נשמה פון יידישן פאלק, שלום-עליכם — זיין הארץ.

פרץ האט געזוכט און געגארט צו געפינען דאס פראבלעם פון דער יידישער אייביקער נשמה, געשמידט די „גאלדענע קייט" פון „פיר דורות — פיר צוואות", זיין זוכנדיקער גייסט האט אים געטריבן אלץ ווייטער און ווייטער, אלץ העכער און העכער, פון „באנצע שווייג" ביז „צווישן צוויי בערג", פון „חסידיש" צו „פאלקסטימלעכע געשיכטן". שלום-עליכם האט זיך געהאלטן הארט ביי דער ערד, דערציילט פשוטע, ביז גאר געוויינלעכע מעשיות פון „קליינע מענטשלעך מיט קליינע השגותלעך", געגעבן בילדער און סצענעס, שמועסן און דיאלאגן פון ווירקלעכן לעבן, און דורך זיי אויפגעדעקט די איידלסטע, טיפסטע און טייערסטע פאלקס-אוצרות. פרץ האט אלץ פארפיינערט זיינע קונסט-מיטלען, געצירט, געפיילט, זיך געוואָ־פן פון איין אָרט שאפן צום צווייטן, און דערגרייכט די אמתע ווארט-ווירטואזקייט. שלום-עליכם איז געפלאסן און געשטראמט ווי א נאטירלעכער טייך צווישן ערד-ברעגעס און מענטש-ישובים.

די אראבער דערציילן:

אבדול-סאין — א דיכטער — און אבואלי-סענא — א פילאסאף — האבן געהאט צווישן זיך א לאנגן שמועס.

ענדלעך האט דער פילאסאף געזאגט:

— אלץ, וואס ער זעט, ווייס איך!

און דער דיכטער האט געזאגט:

— אלץ, וואס ער ווייסט, זע איך!

שלום-עליכם האט געזען דאס, וואס פרץ האט גע-וואוסט.

טביה דער מילכיקער, מאטל פייסי דעם חזנס, שלום-עליכמס קינדער-מעשיות, פונם יאריד — זענען פארקער-פערטע פאלקסטימלעכע געשיכטן.

פרץ האט זיי געשאפן פון געדאנק, פון ספרים, פון קולטור, פון באוואוסטזיניקן שטייגן; שלום-עליכם האט זיי געצויגן פון ווירקלעכקייט, פון לעבן, פון עצם פאלקס-לעבן.

1923

יצחק יואל לינעצקי

עס איז איצט געוואָרן צען יאָר, זינט ס'איז געשטאָרבן יצחק יואל לינעצקי — איינער פון די פּאָפּולערסטע און באַגאַבטסטע עלטערע יידישע שרייבער פון דער השכלה-עפּאָכע, דער מחבר פון דעם באַרימטן ווערק „דאָס פּוילישע יונגעל“ און פון נאָך פיל ווערק אין יידיש. גאַנצע צוואַנציק יאָר — די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן — איז ער געווען אַ פאַרגעסענער, אַ פארדוקטער אָן אַ זייט, און אויך זיין טויט איז אַדורך אין דער שטיל, אָן דעם געעריקן אָפּקלאַנג אין יידישן לעבן. געשטאָרבן איז יצחק יואל לינעצקי אין 1915 אין אָדעס (76 יאָר אַלט), בעת דעם סאַמען ברען פון וועלט-קריג, ווען דאָס יידישע פאָלק איז געווען צעריסן, צעשניטן דורך די מיליטער-פראָנטן אויף שטיקער. די רוסישע מיליטער-צענזור האָט דאַן געהאַט פאַר-באָטן כמעט אלע יידישע אויסגאַבן אין רוסלאַנד (אויסער איין איינציקע צייטונג, אָדעסער „אונזער לעבן“), און אַפילו דער טראַדיציאָנעלער יידישער „אחרי מות קדושים“ איז לינעצקין נאָך זיין טויט נישט באַשערט געווען.

יצחק יואל לינעצקי האָט וייט-ווייט אַריבערגעלעבט זיינע ווערק (איבערהויפּט די, וואָס ער האָט געשריבן נאָך דעם „פּוי-לישען יונגעל“). גלייכצייטיק מיט אים און ביי זיין לעבן האָט זיך אזוי ראַשיק פאנאַנדערגעבליט די יידישע ליטעראַטור און עס זענען אַזוי פרעכטיק פאנאַנדערגעוואקסן מענדעלי, שלום-עליכם, פּרץ, שלום אש און נאָך און נאך פון די יונגע און יונגערע, און ער איז געבליבן הינטערשטעליק, אָפּגערוקט אָן אַ זייט און פון אלעמען פאַרשוויגן. אָבער עס איז א טעות און

אן אומרעכט געווען, וואָס מען האט בחייו, אין די לעצטע צוואַנ־ציק יאָר, כּמעט אינגאַנצן פארזען זיינע געוואַלדיקע פארדינסטן נישט נאר פּאַר זיינע יאָרן (דאס איז שוין אויך גאַנץ גענוג!), נאָר אויך פּאר דער ווייטערדיקער צייט. ערשט די לעצטע עט־לעכע יאָר הויבט מען אן ביי אונז זיך אומצוקוקן צו לינעצקין און מען פּרובט צוגיין צו אים מיט אַ נייעם צוגאַנג, מיט אַלי־טעראטור־היסטאָרישן צוגאַנג. און אין דעם זינען איז קיין ספק נישט, אַז „דאָס פּוילישע יונגעל״ און טיילווייז אויך זיינע אי־בעריקע ווערק האָבן ווייט־ווייט אַריבערגעלעבט און וועלן נאך ווייטער אַריבערלעבן יצחק יואל לינעצקין. איך האָב געמאַכט איצט אויף זיך אליין דעם עקספּערימענט, איבערגעלייענט „דאס פּוילישע יונגעל״ און איך האב מיך איבערצייגט, אַז מיר האָבן נאָך צו לערנען און לערנען אפילו אי צ ט זייער און זייער פיל פון דעם ווערק „דאס פּוילישע יונגעל״, וואס איז אָנגעשריבן געוואָרן צוריק מיט 58 יאָר.

לאָמיר זיך נישט נאַרן: אייב פּאר רוסלאַנד און ליטע און אַנדערע יידישע קבוצים איז שוין דער אינהאַלט, דער ספּור־המעשה, די טענדענץ, דער מוסר־השכל פון לינעצקיס שאַפן אינ־גאַנצן אָפּגעלעבט, אלט, פארצייטיש און געשיכטלעך, איז נאך פיל און פיל אין ווערק פּאר פּ ו י ל ן ניי, אקטועל און באַלערנדיק.

לינעצקי האט לכתחלה אָנגערופן זיין ווערק „דאָס פּוילישע יונגעל״, דערנאך — ביי דער צווייטער, איבערגעאַרבעטער אויס־גאבע (אין יאָר 1897) אָנגערופן עס „דאָס חסידישע יונגעל״. עס איז געווען דאן אן אונטערקעפּל: „די לעבענס־בעשרייבונג פון א פּוילישען יידען פון זיין געבוירען ביז זיין פערלוירען״ — „צו דער צייט פונם אָנפאַנג דעם יעצטיגן יידישען יאָרהונדערט״. אָבער לייענען מיר ד אָ איצט בלעטל בלעטל נאך בלעטל פון דעם ווערק האָבן מיר נאך פיל בלעטלעך אין בוך, וואָס זענען כּלל נישט פארוועלקט. מיר פארגעסן זיך און עס דוכט זיך, ווי זיי זענען אויסגעריסן ערשט אי צ ט פון אונזער יידיש־פּוילישן לעבנס־גאָרטען, „דאָס פּוילישע יונגעל״ ווערט טאָקע דעריבער נאך איצט

דאָ געלייענט און עס דאַרף געלייענט ווערן איבערהויפּט אין די חסידישע קרייזן מיט דעם זעלבן גוואַלדיקן אינטערעס, ווי מען האָט עס געלייענט אין זיין צייט, ווען עס האָט זיך געדרוקט אין המשכים אין צעדערבוימס „קול מבשר". אין דער הקדמה צו דער ערשטער אויסגאַבע (1868) שרייבט אַלכסנדר צעדער־בוים, אַז „די דאָזיקע ערציילונג האָט אַזוי שטאַרק פּאַראינטע־רעסירט דעם עולם, אַז מען האט מיט אומגעדולד ערוואַרטעט פון איין וואָך צו דער אנדערער די פאָרטזעצונג. יעדער האט זיך פריער געכאַפּט לעזן דעם פעליעטאָן פאר אלע פרישטע בייאיגקייטן, אפילו אַזעלכע, וואָס זענען גארנישט אַבאָנירט אויפן „קול מבשר", האבן געקויפט צי געליען דאס בלאַט אום נאר דיזע ערציילונג צו לעזן. נאך מער — חסידים, וואס זענען גאָר טויט־ברוגז אויף דעם „קול מבשר", ווער שמועסט אויף דער דאָזיקער ערציילונג — גאָר להרוג ולאבד, האבן אויך יעדע וואָך געזוכט דאָס בלאַט און האָבן מיט פארגניגן געלעזן „דאָס פּוילישע יונגעל", כאָטש אין זיך האָבן זיי דעם שרייבער דער־פון פארשאָלטן די ביינער".

וועגן זיין אייגענעם שרייבן זאָגט י. י. לינעצקי אַזוי:

„איך זאָג אייך בפירוש, אַז די באַשרייבונג מאַך איך נישט פון אַ מעשה וועגן! איך מיין פשוט, טאָמער וועל איך כאָטש קענען דערמיט אָפּראַטעווען איין פּויליש יידל, ער זאל אַוועקוואַרפן אָט די אַלע פאַנאַטישע גענג, וואָס פאַראומערן אים זיין לעבן, און זאל ווערן אַ שטיקל מענטש!" („דאָס פּוילישע יונגעל" ז. 25) און ער האָט מורא, אַז „ווען אַ פּוילישער ייד, צי אַ יידענע וועט לייענען די ווערטער, וועלן זיי צושמייכלען אין זיך, מיינענדיק אין זיך, אַז איך דערצייל זיי עס נאָר פאר אַ פּאַטיעכע, און מיין גארנישט זיי..." (דאָרט זייטע 23).

און ס'איז טאַקע נישט בלויז אַ „פּאַטיעכע". עס איז גע־ווען דער פיינלעכער ווייגעשריי פון דער עפּאָכע, אין וועלכער דער מחבר האָט געלעבט.

לינעצקי האט אויף זיינע אייגענע פּלייצעס איבערגעטראָגן

און געפילט דעם שווערן יאָך פון פאַנאַטיזם. אַ זון פון וויניצער רבּ (וויניצע — אַ שטאָט אין פּאָדאָליען) אַ הייסער חסיד, האט ער פון קינדווייז אָן געהאט אויסצושטיין געבראָטענע ליידן פון דער אָפּגעשטאַנענער דערציהונג. ער האט זיך צוגעקוקט און זיך נאָענט באַקענט מיט דעם יידישן לעבן, איבערהויפּט פון די רבּישע הויפן. אין יענער צייט פון השׂכּלה, פון קאַמף געגען יידישער אָפּגעשטאַנענקייט, אין דער צייט פון נאַאיוון גלויבן אין דער „השׂכּלה בת־השמים" האט אַלץ אייגענס, היימישעס אויס־געזען ווילד, נאַריש, צבועיש, מיאוס און העסליך. לינעצקי איז דער אמתער סאטיריקער, חוזק־מאַכער (זיין איראָניע גייט שטענ־דיק איבער אין בייטערן חוזק), און גאַליק שפּאָט ער און לאַכט, קאַרגט נישט קיין שווארצע פאַרבן און דערציילט און מאָלט אַלץ אין חוזק־שטריכן. און דאָס חכ דישע לעבן און די גאַנצע „חסידאַרניע", — ווי ער רופט עס אָן, — קומט אַרויס ביי אים שוידערלעך. ער זאַלצט געוויס איבער אין זיינע מעשיות, ער לאָזט זיך וואוילגיין, כּדי וואס מער צו באַשווארצן די „פּאַ־באַטישע גיינג", אָבער ביי דער גאַנצער גוזמאדיגקייט האבן מיר אין זיין ווערק אָן א שיעור שפּרודלדיקן לעבן, אינטערעסאַנטן עטנאָגראַפישן שטאָף פון מנהגים, לעבנס־שטייגער, מאכלים, מלבושים, אויסזען פון אַן אמאָליקן יידישן הויז, פאַרשיידענע מאָ־מענטן פון יידישן לעבן, רעדנסאַרטן א. א. וו.

און נישט נאָר סתם אַ מעשה איז עס, נאָר אַ בייסיקער גיפטיקער פּאַמפלעט; לינעצקי האט אָנגערירט די גרעסטע צדיקים פון זיין צייט אין וואָלין, פּאָדאָליען. מיר האבן ביי אים אין „פּוילישען יונגעל": „כּמארעסטריוועק" (ראַכמעסטריווקע), „אנטעל" (טאלנע), „סאווי־לאטע" (סלאוויטע), „כּראקעטש" (טשערקאס), „פּירקעוו" (סקווירע). ער פּירט, אגב, אדורך עטלעכע חסידישע גבירים פון „עקיוו" (קיעוו) און „פּערלהיין" (האַלפּערין) פון דראביטשעוו (בּארדיטשעוו). און דאגעגן איז געמאָלט מיט כּיעטעט און ערפורכט דער באַרימטער משׂכּיל יצחק בער לעווינזאָן. מען קאָן זיך פאָרשטעלן, וואס פאר א „באָמבע" דאס בוך איז געווען אין זיין צייט.

דער מאָטאָ צום בוך איז אַזאַ.

„דערציילָ נישט — איז ביטער —
עס דריקט דאָס האַרץ ווי אַ שטיין,
דערציילָ יאָ — איז זוויער —
אַ שאַנדע פאַר זיך אַליין...“

און עס מישט זיך אין בוך דער ווייטאָג און דער ווילן חוזקן, דער שימפער און דער לערער, דער יידישער „אַנטי־סעמיט“ און דער משכּילישער וועג־ווייזער.

אין בוך האָבן מיר דעריבער אַ געמיש פון טרעפלעכע ווירקלעכע שילדערונגען מיט איבערגעטריבענע ספּורי־מעשׂיות און נישט־געפלויגענע גוזמאות. עס מישן זיך און פּלאָנטערן זיך דער קינסטלער און פּאַמפלעטיסט, דער שילדערער און חוזק־מאַכער. אָן אַ שיער רוי־שטאָף, אנגעוואָרפענע הויפנס פון פיינעם לעבנס־שטייגער און נישטיקע קוריאָזן־אָפּפאַלעכץ. דער מאַטעריאַל האָט געוועלטיקט איבערן מייסטער, אים פאַרקנעכטעט. און דאָס לאָזט זיך פילן אין פיל קאַפּיטלען און אויף יעדן זייטל פון דעם פריילעך־אומעטיקן בוך.

גאַנץ אָפט קריכט ער אַראָפּ פון קינסטלער־וועג און לאָזט זיך אַריין אין מוסר־זאָגעריי, אין מאַמריסטיק, אין סתּם אויס־שמועסן זיך מיטן לעזער, אויפדעקן פאַר אים זיין ביטער האַרץ. אָבער דאָס איז דאָך דער געבאָט פון זיין צייט, און מיר דאַרפן אים עס מוחל זיין און אָננעמען עס פאַר גוט.

מיר טרעפן שוין ביי לינעצקין דיביידע זעלטענע הויפּט־שטריכן, וואָס זענען שפּעטער אַזוי גלענצנד און אַזוי פּאָלקאָם אַדורכגעפירט געוואָרן דורך זיינע דירעקטע נאָכגייער — מענדעלע און שלום־עליכם: פּינקטלעכע באַשרייבונגען, זייטיקע אָפּוועגדונגען צוגעבונדנקייט צו דער געגעבענער סביבה און צו די אַרומיקע אומשטענדן ווי ביי מענדעלן, און די לייכטקייט, דער צאַפּל, די לעבעדיקע שמועסן, די גוזמאַדיגקייט, ווי ביי שלום־עליכמען.

און לינעצקיס שפּראַך! ס'אַרא גלענצענדער, פּראַכטפולער, האַרציקער יידיש. זעלטן־ווען וואַרפט זיך דורך אַ רוסיש וואָרט

אָבער אין אלגעמיין האָבן מיר א זאפטיקע, פליסיקע פאָלקס־שפראך, וואָס קאן נאָך דינען פאַר אונז אַלס מוסטער.

לינעצקין פעלט די השלמה, וועלכע די צוויי וואָרט־גאונים האָבן שפּעטער אין זייערע ווערק אַזוי גלענצנד דערגרייכט. לינעצקי האט ניט פאַרמאָגט אזא קינסטלערישן חוש פאר אויסדרוק, פאר פאָרם, פאר ארכיטעקטאָניק, ווי זיי און דעריבער איז ער אין זיינע ווייטערדיקע ווערק נישט געשטיגן, נאר פאַרקערט — אַלץ געגאַנגען בארג־אראפּ. ער איז געבליבן ארינטער און אפילו נישט געקאָנט באגרייפן לסוף דער סוד און דעם אינהאַלט פון דעם אמתן יידישן שאפן, ווי עס האט זיך אנטפּלעקט ביי די שפּעטערדיקע יידישע וואָרט־קינסטלער און ער איז אַלץ מער דערווייטערט געוואָרן פון יידישן שאַפן. די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן איז ער אַרומגעגאנגען אין אדעס א פארביטערטער, א ברוגזער און נישט געקאָנט פארשטיין, פארוואָס מען האָט מענדעלין אָפּגעגעבן דעם אויבן־אָן אין דער יידישער ליטעראטור און געקרוינט אים פאר דעם „ז י י ד ן". אט די פארביטערונגס־געפילן האט ער שטענדיק ארויסגעוויזן אין זיינע שמועסן און אויך געשריבן וועגן דעם אין זיין אויטאָביאָגראַפיע־בוך „צוריק פון יאריד" (אדעס 1909), וואס ער האט ארויסגעלאָזט צו זיין 70־טן געבורטס־טאג. דאס דאזיקע בוך איז א רירנדער דאָקומענט פון א מענטשן וואס איז בחייו אָפּגעשטאָרבן פאר אנדערע און נישט פאר זיך.

אויסער דעם „פוילישן יונגעל" האט י. י. לינעצקי געדרוקט ארטיקלען אין „המליץ", פארעפנטליכט א זאמלונג סאטירישע לידער „דער בייזער מאַרשעליק" (1869), „דער משולחת" (1874), „וועלט־לוח" (1872), „די פריטשעפּע" (1876), „דער סטאַטיק" (1876), „כל־בוניק" (1877) א. אנד. אין 1875 האט ער צוזאמען מיט אברהם גאָלדפאַדען ארויסגעגעבן אין לעמבערג די צייטשריפט „ישראליק". אין יאָר 1886 — א צייטונג „נאציאָנאל" אין באָטושאני (רומעניען) און פיל לוחות מיט וויצן און גלייכווערטלעך. אין די 80־ער יאָרן האָט ער פארעפנטלעכט עטלעכע חבת־ציון־פּראָפּאָגאנדע־בראָשורן „אמעריקא צי ארץ־ישראל", „אהער אָדער אהין". אין

1885 האָט ער ארויסגעגעבן „די געאָגראפּיע פּאַלעסטינאַס״, איבערגעזעצט דעם ערשטן באַנד גרעץ־געשיכטע, לעסינגס „נתן דער חכם״, פּיליפּסאָנס „יעקב טיראַדאָ״. אין שלום עליכמס „יודישע פֿאָלקס־ביבליאָטעק״ (1888) האט ער אָפּגעדרוקט אַ מעשה „דער וואָרם אין חריין״ און 1898 „נישט טויט, נישט לעבעדיק אדער דעם פּוילישן יונגעלס זון״...

אבער די אַלע אַרבעטן קאָנען אים נישט אומקערן זיין אַמאָליקע רום. קיין צווייט „פּויליש יונגעל״ האט ער נישט געשאַפֿן און נישט בכוח געווען צו שאַפֿן.

און נישט קיין אַנדערער, ווי מיכה יוסף בערדיטשעווסקי האט געשריבן אין זיינע „יודישע כתבים״ (V ז. 107):
„און אָט דער, וואס האט אָנגעצינדן דעם פּאקל פֿון השכלה ביי יידן, לעבט היינט אין אָדעס (דער אַרטיקל איז געשריבן ווען י. י. לינעצקי האט נאך געלעבט — נ. מ.) און איז אַן אָרימער ייד... פֿארגעסן איז לינעצקי מיטן פּוילישן יונגעל, פֿאַרגעסן איינער פֿון אונזערע יחידים... אפילו אין דער יידישער ליטעראטור גופא, וואס בסך־הכּל איז ער געווען איר זיידע אדער איר צווייטער טאטע, דערמאנט קיינער נישט זיין נאמען״.

און איצט, צום צענטן יארצייט, לאמיר, מיר אייניקלעך, דערמאנען זיין נאמען — דעם נאמען פֿון איינעם פֿון די אינטערעסאנטסטע עלטערע יידישער שרייבער.

1925

מאָריס ראָזנפעלד

דעם 28־טן דעצעמבער 1922 האָט מען אין איינעם פון די גרעסטע ניו־יאָרקער זאַלן מיט גרויס פּאַראַד געפייערט זיין 60־יאָריקן געבוירנטאָג, דער 22־טן יוני 1923 האָט מען מיט נאָך אַ גרעסערן פּאַראַד געפּראַוועט זיין לויה.

שוין אַ צענדליק יאָר, ווי ער איז געווען פאַרשטומט, גע־שוויגן און געווען פּאַראַליזירט. נאָך צוריק מיט אַ יאָר פופצן האָט ער אליין אין אַ ליד געזאָגט וועגן זיך:

„אויף דער עלנט פון די מענטשן
האָב איך אויסגעוויינט מיין בליק".

און —

„איך האָב אַלע לידער מיינע
אויסגעקלאָגט שוין, איך בין קראַנק".

אָבער דאָך האָט נאָך געלעבט אין אים דער דראַנג צו שאַפן, דער ווילן צו אויפוואַכן.

אָבער איצט איז שוין דער „קראַטער פון צאָרן" אויף אייביק פאַרמאַכט געוואָרן, אויף אייביק.

מאָריס ראָזנפעלד איז דער ערשטער יידישער מאָדערנער דיכטער. פאַר דער יידישער דיכטונג איז ער אין אַ געוויסער מאָס געווען דאָס, וואָס מענדעלע מוכר־ספרים איז געווען פאַר דער יידישער פּראָזע. ביז מענדעלען איז געווען אַ יידישע ספור־המעשה, אַ יידישער ספר, סתם אַ מחבר, אָבער עס איז נאָך ניט געווען קיין אויסדריקלעך־אינדיווידועלע שאַפונג. דער ביז־מענדעלע מחבר איז ניט אַריבערגעוואַקסן דעם קאָלעקטיוון שאַפן,

כמעט קיינער האט זיך ניט ארויסגערוקט מיט אזא בולטקייט פון דעם אלגעמיינעם שאפונגס־שטח ווי ער. מענדעלע האט דער ערשטער צוגעגעבן דער יידישער פראָזע אן אויסגעשפּראָכן־אינדיווידועלן כאראַקטער און אויסזען. ער האט געהאט שוין דורכאויס־אייגענע איינדרוקן, פאָרשטעלונגען, באגריפן און אויף אן אייגנעם אופן זיי פאָרמיט. מאָריס ראָזנפעלד איז געקומען צו דער יידישער דיכטונג, בעת זי איז געווען בלויז אַ פּראָדוקט פון פאָלקס־שאפן און פאַרמאָגט אין זיך אָן אַ שיער בדחנות־עלע־מענטן. די ביז־ראָזנפעלד דיכטער האבן געדיכטעט לויט די אַל־געמיינע פאָרמען און באַגריפן פון אנאָנימען פאָלקס־שאפן, פון פרימיטיוון פאָלקס ליד, זיי האבן זיך ארומגעטראָגן בלויז מיט אלגעמיינע־מאָטיוון, גענומען פון אויסערן לעבן. ראָזנפעלד איז גע־ווען דער ע ר ש ט ע ר, וואָס האט אריינגעטראָגן אין דער יידישער דיכטונג זיין פערזענלעכן גייסט און ווילן, זיינע אייגענע געפילן און שטרעבונגען. דאָס לעבן ארום זיך האט ער אויפגענומען מיט אויפרעגונג און פארביטערונג, און אויף אַן אייגענעם שטייגער האט ער רעאַגירט אויף די געשעענישן. ער האט געברויכט דער־ביי בייע, אייגענע, שטייפע אויסדרוק־מיטלען און פאָרמען, און גע־שאַפן אזוי־ארום דאס אריגינעלע ראָזנפעלדישע ליד.

ער האט אליין אדורכגעמאכט די אלע שבעה מדורי גיהנום פון דעם יידישן אַרבעטסמאַן, געליטן נויט און דחקות, געוואָרפן געווען פון אָרט צו אָרט, פון מדינה צו מדינה. זיינע לעבנס־פּאַסירונגען, ביז וואַנען ער האט זיך אַרויפגעשלאָגן אויף דעם שווערן דערנער־וועג פון אַ יידישן פאָלקס־דיכטער, און אויך העט־העט ווייטער, זענען רייך מיט לייד, פּיין און פּלאָגן פון דעם יידישן פאָלקס־מענטש: אַרבעט און עמיגראַציע, עלנט און פּאַר־פרעמדקייט, און ווידעראַמאָל אַרבעט, און אָבעראַמאָל עמיגראַציע.

זיין דיכטעריש ווע‍זן איז געוואַקסן און זיך פאָרמירט אין די ביז גאָר שווערע און טראגישע אכציקער יאָרן פון פאריקן יאָר־הונדערט, ווען די יידישע פאָלקס־מאסן זענען ארויסגעשטויסן גע־ווארן פון אלע זייערע רעכטלעכע און עקאָנאמישע פּאָזיציעס,

און צעבראכענע און אנטוישטע האבן זיך צענדליקער טויזנטער פאַרסמטע און פאַרביטערטע יידן געלאָזט, וואו די אויגן האבן זיי געפירט צו זוכן ערגעץ־וואו אַ ווינקל צו אנטרינען. און ראָזנפעלד האט מיטגעמאכט דעם וואָגל־וועג, און אויף אייגענע פלייצעס געפילט די אלע וואַנדער־פּלאָגן פון דעם ייד דעם האָרעפּאַשניק.

דערנאָך קומט דער צווייטער פּעריאָד: מאָריס ראזנפעלד פאַלט אריין אין „גליקלעכן" לאַנד, צוזאמען מיט אַלע ארעמע עמיגראנטן אין „שאַפּ", וואס זויגט־אויס זיין דם־התמצית. די שווערע, אוממענטשלעכע אַרבעטס־באַדינגונגען דערשטיקן אים אבער נישט. פאַרקערט: די אַרבעט, דער סאַציאַלער אומרעכט, דער קלאַסן־אנטאַגאָניזם טריפן־אריין אין אים אומרו און גבורה און קאַמף לוסטיקייט. ער דערפילט אין זיך גאָטס ווארט, און ער הויבט־אָן צו דיכטן.

זיינע לידער זענען דער אפּקלאַנג פון זיינע לעבנס פּאַסירונגען און פון די לעבנס־פּאַסירונגען פון די טויזנטער ארבעטס־לייט, וואס זענען אריינגעפאַלן אין ניו־יאָרקער קעסל־גרוב. זיינע לידער זענען אַ קלארער און בולטער אויסדרוק פון זיין שווער־ביטער לעבן. דאס לעבן איז זיך מיט אים באַגאַנגען האַרט, שלעכט, אומבּרחמנותדיק, האט ער אויך אזוי זיך באַצויגן צום לעבן: מיט דעמזעלבן הארבן טאָן, מיט דערזעלבער הארבער שפּראַך. די וואָר־ווירקלעכקייט, די ארומיקע באטאַר, די סביבה האבן פאַר אים קיין גוט, ווייך ווארט ניט געהאַט, קיין שמייכל און צערטלעכקייט ניט ארויסבאַוויזן, האט ער זיי אויך אזוי שלעכט אויפגענומען. ער האט אריינגעקוקט דעם לעבן אין זיין שוידערלעכן, אנגעברוגזטן, כמורנעם פּרצוף אריין, און מיט קראַפט און געהילך אריינגעשריען אים אין פּנים אריין דרייסטע ווער־טער. פון קיין סענטימענטן האט ער נישט געוואוסט און נישט געוואָלט וויסן, דאס לעבן און די געשעענישן האט ער אָנגערופן מיט זייער אמתן נאָמען, און געפונען פאַר זיי הארבע אויסדרוקן, אפשר שוין צו־פּראָזאישע אויסדרוקן.

מאָריס ראזענפעלד האט אראפּגעווארפן די גאָלדענע שיכעלעך

און די ווארעמע פאנטאָפל פון דער יידישער דיכטונג, אראפּגעריסן איר בלויִלעכן שלייער. ער האט אראפּגעצויגן די דיכטונג פון די הימלשע ספערן. זיין הארץ איז געווען צו־מענטשלעך, זיינע ליידן צו־שווער, זיין פּיין צו טיף, ער זאל קאנען ווי פיל פון די יידישע דיכטער אַזוי זיך גלאַט זינגען, סתם בדחנען.

פון דער גלאַטינקער, גאָרנישט־זאָגנדיקער לידל־שפּראַך און גראם־צאַצקערייען האט ער נישט געוואוסט. יעדעס ליד זיינס איז אן אויסגעשריי פון לעבעדיקע ממשותדיקע ווייען, יעדעס ליד זיינס איז אן אויפברויז פון אינערלעכע געפילן, אַן אויסדרוק פון האס און צאָרן, איבל און פּראָטעסט, וואס האבן זיך געקליבן אין זיין ליידנפולן האַרץ. און אָט די ווייען, האס און כעס האבן געברויכט דאָס הארבע ווארט, דעם אַנטבלויזטן אויסדרוק, דעם האַסטיקן טעמפּ, די נאַקעטע ליד, וואָס זענען באַרופן צו שלאָגן, קלאַפּן, ווירקן און אויפרייסן, און נישט צערטלען, קיצלען און סתם־בדחנען.

אין אַלע זיינע לידער האט געלעבט דער עיקר דער קאָלעקטיווער, כללישער עלעמענט. ער האט פיינלעך מיט אייגענעם וועזן איבערגענומען די יסורים און פּלאָגן פונם לעבן, אָבער אין די יסורים און פּלאָגן, וואס ער אַליין, מיט זיין וועזן האט אויפגענומען, האָט ער גלייך געפילט די יסורים און מאַטערענישן פונם צווייטן, פון אַלעמען. דאס האט אים באַפליגלט, אים צוגעגעבן מוט און קראַפט פאר זיין דיכטונג. באַגלייך מיטן בילד איז געקומען ביי אים דער פּראָטעסט. אין יעדן ליד כמעט פּראָטעסטירט ער און קעמפּט, רופט צו פּראָטעסט און צום קאַמף. און אין זיינע שווערסטע און ביטערסטע מאָמענטן פון דחקות און פארשקלאפונג רייסן זיך ביי אים שטענדיק די קאַמף־רופן. דאָ איז דער מקור פון וואַנעט ער האט געשעפּט זיין קאמף־קריגערישן ליידנשאפטלעך־פּאַטעטישן שאפן. ער איז דער כללישער דיכטער, הינטער אייגענע פּלייצעס האט ער שטענדיק געפילט דעם ליידנדיקן קאָלעקטיוו און זיך אָנגענומען פאַר אים.

ביבליאטעק

און אָט דער כּלישער, געזעלשאַפטלעכער מאָמענט אין זיין שטענדיק־פּאַטעטישן שאַפן שטערט אים דאָך נישט צו זיין סוביעקטיוו, ליריש די סטרונעס פון זיין וואך הארץ האבן ליידנשאפטלעך געציטערט, געווען שטארק עמפינדלעך צו דער ארומיקערווירקלעכקייט, צו דעם סאציאלן און נאציאנאלן אומרעכט און דאך איז ער ביז גאר סוביעקטיוו, אינדיווידועל, לעבט שטענ־דיק מיט אייגענע איבערלעבונגען און איינדרוקן. אין ליד גופא קומט־פאר דער פּראָצעס פון פארגעזעלשאַפטלעכן זיינע איי־גענע־פערזענלעכע איינדרוקן: דאס אייגענע, סוביעקטיווע ווערט באַלד פארפלייצט פון דאס אַלגעמיינע, געזעלשאַפטלעכע. פון יעדער אייגענער איבערלעבונג שרייט ארויס ביי אים דאָס קאָלעקטיווע. אָט קרעכצט ער און גיסט טרערן אויף פערזענלעכע יסורים און ווייען און גלייך לאָזט ער זיך אין טיפן ים פון כלל־טרערן, פון כלל־אומגליקן און מאַכט שוין דערביי אַלגעמיינע אויספירן. זיין ליריזם הערט־אויף צו זיין ריין פערזענלעך און באַקומט עלעמענטן פון סאָציאַלן ליריזם.

און דערמיט שיידט ער זיך אָפּ פון די פריערדיקע ייד־ישע דיכטער, ווי אליקום צונזער, מיכל גאָרדאן, און אויך ש. פרוג: ביי זיי איז געווען דער עיקר פובליציסטישע סאַטירע איבער געזעלשאַפטלעכע געשעענישן, סענטימענטאַלע דיכטערישע התפעלות פון לעבנס־פּאַסירונגען און לעבנס־פּאַקטן, וואָס זענען כמעט אויסער זייער פערזענלעך לעבן. ביי ראָזנפעלדן שטאַמט אַלץ פון אינעווייניק, און פון אינעווייניק דרינגט ער אַרויס אויף זייטיקס, אויסנווייניקס. ער שלאָגט זיך מיט די געשעענישן, ראַנגלט זיך מיט זיי, ווי מיט שטארקע, שטראָמענדיקע כוואַליעס. זיין דיכטונג קומט פון לעבן גופא און דעריבער האט זי אַזויפיל עלעמענטן פון כראָניק, פון פאסירונג — דאס איז איר חסרון און איר מעלה.

אַלענגערע צייט האט ראָזנפעלד אָרגאַניש, אָן אַ פּאָראויס באַשטימטן און אָנגעצייכנטן ווילן און וויסן אזוי געדיכטעט. שפּעטער אָבער הויבט־אָן פאַר אים אַלץ קלאָר צו ווערן דער

כאראַקטער פון זיין שאפן און דיכטן. פריער האָט ער זיך געקלאגט אויף זיין שווערן גורל, שפעטער הויבט ער אָן צו שטאָלצירן מיט זיין מוזע, מיט זיין שליחות. פון אַן אומגליקלעכן באוויינער ווערט ער אַ סאָציאַלער זינגער, אַ פּראָלעטאַרישער דיכטער.

„אָ, ניט קיין גאָלדענער קאַמערטאָן
שטימט אַן מיין קול צום זינגען,
עס קאָן דער וואונק פון אויבן־אָן
מיין שטים ניט מאכן קלינגען;
דעם שקלאַפס אַ קרעכץ, ווען ער איז מיד,
נאָר וועקט אין מיר די לידער,
און מיט אַ פלאם לעבט אויף מיין ליד!"

אין אַן אנדער אָרט פרעגט מ. ראָזנפעלד פאַרצווייפלט:

„וואָס קאָנען מיר די אָרעמע לייט
פאר אַ באַלוינונג געבן?
זיי צאָלן טרערן פאַר אַ טרער,
דאס אַלעס — וואָס זיי קאָנען".

אבער איצט פילט ער זיין באַדייטונג, און זאגט צו זיך אליין:

„נעם־צו די ברכה פון טויזנטער שקלאַפן".

און מיט אט דער ברכה פון די טויזנטער איז מאָריס ראָזנפעלד געוואקסן און געוואקסן.

אין דעם האט ער געהאט די בארעכטיגונג און דעם שכר פאר זיין שווער לעבן צווישן די שוויץ־ארבעטער אין דעם שוויץ־שאפ. ער זעט אין דעם זיין מיסיע, זיין באַרוף, און אין פאר־שיידנסטע נסחאות חזרט ער איבער זיין איבער־געגעבנקייט צו אַרבעט און ארבעטער, צו די ליידנדיקע און פארשקלאפטע און ווארפט אָפּ, שטויסט אפּ אנדערע געפילן, אנדערע שטימען, וואס ווילן אים באהערשן און באצויבערן.

ער האַסט אפילו די נאַטור פאר איר דינען די רייכע, זאטע, אויסגערוטע. אָט די אַלע לידער זענען פול מיט אויפ־ריכטיקן כעס, שנאה און פאַראכטונג, און מאכן א שטאַרקן איינ־

דרוק, נישט געקוקט אויף דער טענדענציעזקייט זייערע, און אויף דער צופיל־פראָזע, וואָס איז פאַראַן אין זיי.

מאָריס ראָזנפעלד ווייסט עס זייער גוט און דערציילט וועגן דעם פיל מאָל אין זיינע לידער:

„נישט זוך מיך, וואו די מירטן גרינען!
געפינסט מיך דאָרט נישט, מיין שאַץ.
וואו לעבנס וועלקן ביי מאַשינען —
אָ, דארטן איז מיין, רו פּלאַץ."

דאס איז נישט געווען ביי אים קיין צייטווייליקע שטימונג, דאס איז געווען זיין דיכטערישן אני־מאמין, וואס איז ווי אַ רויטער פאָדעם אדורכגעצאַנגען דורך זיינע אלע סאָציאלע לידער.

אין זיין דאָזיקער שטימונג איז ער געווען אויסגעהאלטן ביז גאָר, ביז עקשנות. ער האט זיך נישט געלאזט אַראפפירן פון זיין וועג — פון דעם קלאָגער און זינגער פון ארבעטער־נויט. שאַרף און האסטיק קלינגען די ווערטער אין זיינס אַ ליד „צו די בלומען אין הערבסט". די בלומען וועלקן און אים אַרט עס נישט. זייער גלאַנץ האט געשמייכלט צו די זאטע ברואים. נאר זיי באקראַנצן זיי און דעם, „וואס באָדט זיך אין עינוים", דעם פארבלייבן זיי פרעמד.

„דאָרום ארט מיך איצט נישט, ווען איך זע אייך שטארבן,
קימערט מיך נישט, ווען איך הער דעם הערבסט־ווינט ברומען.
נישט פאר מיר האט איר געבליט אין ליבן זומער,
נישט צו מיר האָט איר געשמייכלט אין מיין קומער, —
סיי־ווי־סיי פארבלייבן פרעמד מיר אייערע פארבן, —
וועלקט! כ'האב פאר אייך קיין טרער, איר שענע בלומען".

די זעלבע אייגנשאַפטן האָט מאריס ראָזנפעלד אויך אין זיינע נאַציאָנאַלע לידער. אויך דארט איז ער הארצרייסנד, אויך דארט איז ער דער „טרערן־מיליאנער", אויך אין די נאַציאָנאַלע לידער זעט ער די געשעענישן אין די טראַגישסטע און פאַטאַלסטע מאָמענטן, און אויך דא איז ער ניט אבסטראַקט.

די ליידן און פלאגן האָט ער אדורכגעמאכט מיט זיין

אייגן וועזן און אין די יסורים זעט ער די טרייסט און דעם וועג צו אויסלייזונג. אויך דאָ איז ער שטאָלץ מיט די ליידן. דער טראגיזם פארשאפט אים פייערלעכקייט, פּאַטעטישע געפילן!

„פילע שיפן גייען אונטער,
און דערגייען ניט צום ברעג,
אונזער שיף גייט שטאָלץ און זיכער,
כאָטש געפערלעך איז דער וועג;
זי לאכט אויס די גרעסטע שטורעמס,
און די ימים ווילד און טיף
אונזער שיף איז פעסט אין אייביק
אונזער שיף, די שטאַרקע שיף.
אונזער שיף, די אַלטע שיף".

אין זיינע נאַציאָנאַלע לידער האָט ער געפילט דעם טראַגישן עבר, אומעטום מישט זיך אַריין דער אָפּקלאַנג פון דער יידישער הערלעכער מארטירער-געשיכטע אין די טרויעריקע טענער פון דער איצטיקערווירקלעכקייט. אָט באַזינגט ער די חנוכה-ליכט, וואָס דערציילן „געשיכטעלעך מעשהלעך אָן אַ צאָל" און „וואונדער פון אַמאָל" און אט שילדערט ער דעם יידישן וואַנדערער „אויפן בוזים פון ים" מיט שוואַרצע פאטאלע פאַרבן, און פון דעם ים מיט צרות און פיין קלינגט הויך און שטאָלץ זיין שטים.

די נאציאָנאלע לידער אבער זענען ביי ראָזנפעלדן שוואכער, ווי די סאָציאלע. אין די נאַציאנאלע לידער איז ער ווייניקער מיט זיך. זיי האבן אין זיך פיל הויכע מליצה און סענטימענטאלע געפילן, וואָס שטאמען נישט פון אייגענע טיפקייטן...

אָפּטמאל, און אפשר שוין צו-אָפּט, געפינען מיר אין ראָזנפעלדס דיכטונג צופיל פּראָזע, צופיל טענדענציעזקייט, צופיל כראָניק-איינדרוקן. אבער מיר זענען עס אים מוחל. דעם „קול דממה דקה" (די שטילע, צאַרטע שטימע) האט ער נישט געהאַט און נישט געוואלט האבן. זיין טאָן איז הילכיק, אפטמאל שרייענדיק, די שכ־אך הארט, שטייף, אפטמאל קריצט זי דעם אויער,

דער פערז–קלינגענדיק, און נישט אלעמאָל פיין געשליפט. דער אויער ליידט אפט דערפון, אבער דאס האַרץ ווערט גערירט, גער׳רט ביז ווייטאג, גערירט ביז ציטער.

מאָריס ראזנפעלד האט קיינמאל נישט גערוט, הן אין די יארן, ווען ער איז אַ פאַרשקלאפטער אין „שאַפּ״ בײַ די מאשינען געזעסן, הן אין די יארן פון זיין אלטוועלטלעכן רום און אויך אין די יארן, ווען ער איז ווי אַ פארגעסענער, ארויסגעשטויסענער געווען. פון קיין הארמאניע האט ער נישט געוואוסט, נישט פון דעם טייג איז ער געקנעטן געווארן. ער איז שטענדיק אויפ־געגט געווען, געראַנגלט זיך תמיד צווישן סתירותדיקע עלע מענטן פון גוטס און שלעכטס, פון אָרעם און רייך, ליבע און האַס, באַאיוויטעט און ברוטאליטעט, טרערן און פרייד, מענטש און חיה, פרייהייט און קנעכטשאַפט, — און דער שטענדיקער געראנגל צווישן אָט די קעגנזייטיקע כּוחות האט באפרוכפּערט זיין דיכטעריש ווען און געשפּייזט זיין אזמרו־גייסט. פון דאנען שטאַמט זיין אויפריכטיקער כּעס, זיין שנאה, און פאראַכטונג און גלייכצייטיק — די מילדע ליבע, די צאַרטע געפילן, — די ביידע הויפּט־עלעמענטן און עיקר־יסודות פון זיין געוויסנהאפטיקן און דורכאויס־לעבעדיקן שאַפן.

1923

שלום אש

א.

עס איז געווען צוריק מיט 25 יאָר, אין האַרבסט 1900. אין איינעם אַ שבת נאָכמיטאָג, איז אַ פּראָווינצער בחור, קוים 20 יאָר אַלט, צוגעקומען אין ווארשע צו צעגליאַנאַ נומער 1. געגאַנגען איז דער בחור צו י. ל. פּרץ, מיט אַ פּאָר יידישע געשריבענע מעשיות אין טאַש. ווען דער יונגערמאַן איז אַריין צו פּרצן אין שטוב, האָט ער דאָרט געטראָפן יעקב דינעזאָן, אברהם רייזען, ה. ד. נאָמבערג און אויך דעם רעדאַקטאָר פון דעם דעמאָלסדיקן זשורנאַל „דער יוד" — דר. י. לוריא.

דער פּראָווינץ-בחור האָט גענומען לייענען זיינע מעשיות, און ווי ער האָט געענדיקט, האָט פּרץ גענומען ביי אים דעם כּתב-יד און איבערגעגעבן דעם דר. לוריא:

— נעמט און דרוקט עס אָפּ אין אייער צייטונג!

און טאַקע גלייך נאָך דעם, אין נומער 48 „יוד", פון 2-טן נאָוועמבער 1900, איז געווען אָפּגעדרוקט אַ סקיצע „משהלע", וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אָט ווי אַזוי: „די רויטע, שענע הימלען פלעגן ביי זייער אונטערגיין שטענדיק מאַכן משהלען פאַרקלערט: נאָר אָפט פלעגט ער זיינע געדאַנקען פאַריאָגן מיט שפּילן זיך „אין פערד און וואָגן"... געוועזן איז משהלע אַ שיין יונגל מיט רויטע בעקלעך, שוואַרצע הערלעך, רויטע ליפּעלעך, בלישצענדע שוואַרצע אויגעלעך"...

אונטער אָט דער סקיצע איז געווען געחתמעט שלום אַש.

אין אַ צוויי נומערן שפּעטער, אין „יוד" נומער 50, איז אָפּגעדרוקט דעם זעלבן שלום אַשס צווייטע זאַך: „דער זיידע

מיטן חנוכה־לייכטערל״. אין דעם קומענדיקן 1901־טן יאָר זענען שוין אין „יוד״ געווען געדרוקט עטלעכע שלום אַשס ערציילונגען: שלוחים, די ערשטע סדר־נאַכט, געלט מאַכט פאַר אַן אָרנטלעכן מענטשן, מאַטעלע, ביים ברעג פון דער ווייסל, א מתנה אונזערע דיכטער. —

דאס זענען געווען די ערשטע ליטעראַרישע טריט פון שלום אַשן אין דער יידישער ליטעראַטור. גלייכצייטיק האט אש געדרוקט אין דעמאָלסדיקן העברעאישן „הדור״ און אין „הצפירה״. און אינטערעסאַנט: אין דעם פּראָספּעקט פון דעם „יוד״ נומער 50, 1901, צווישן די אַלע אויסגערעכנטע שרייבער, וואָס אַרבעטן אין „יוד״, איז שלום אַשס נאָמען נאך נישטאָ. משמעות, מען האט נאָך אַלץ געהאַלטן אַשן פאַר אַן אָנפאַנגער.

די ערשטע פאָר יאָר האט שלום אַש דער עיקר געשריבן קליינע דערציילונגען, פּסיכאָלאָגישע עטיודן, קורצע שילדערונגען און מאמענטאלע איינדרוקן. עס איז נאך אַלץ געווען די אַ. ג. „קליין קונסט״: שטיקלעך און ברעקלעך, מיט וואס די יידישע ליטעראטור איז דעמאָלסט געווען פארפלייצט. אבער די קליינע זאכעלעך פון שלום אש האבן זיך שוין דאָך אויסגעטיילט פון דעם גאנצן המון־סקיצן און נאוועלעכלעך. זיי האבן שוין געטראגן דעם חן און די צארטקייט, די פארליבטקייט און די ראָמאַנטישקייט, וואס איז אזוי כאַראַקטעריסטיש פאר אַשן. צוגלייך אבער מיט די ליב־הארציקע שילדערונגען און געזונט־קרעפטיקע מאָטיוון, איז אין די ערשטע אַש־דערציילונגען געווען פיל טרויער, נידערגעשלאָגנקייט און אָפּהענגטיקקייט.

אין 1902 איז ארויס שלום אשס ערשטעס ביכל בילדער און דערציילונגען אונטער דעם טרויעריקן נאָמען: „א י ן א ש ל ע כ ט ע ר צ י י ט״ (ווארשע, פארלאַג „פּראָגרעס״)

וועגן דעם דאָזיקן ביכל האָט דער יונגער דאַן ב ע ל־מ ח ש ב ו ת אין אַן אַרטיקל „נ י י ע ר ט א ל א נ ט״ (זע — בעל־מחשבות — „געקליבענע שריפטן״, ערשטער באַנד, ז׳ 133—137) געשריבן צווישן אַנדערן: „אין אַ שלעכטער צייט איז

דאס ביכל געשריבן געוואָרן, אין פּיין און עגמת־נפשן, ווען עס ווילט זיך עפּטער וויינען ווי לאַכן, ווען דאס קאַפּעלע נחת ווערט פארטרונקען אין אַ תהום פון אומעטיקייט און הארצ־קלעמעניש"... „איטלעכע מעשה, איטלעך בילד פון די 12 זאכן אין ביכל, לאזן איבער אַ טרויעריקייט אין לעזערס האַרץ"... נאָר קברים פארבינדן דעם יידן מיט דער ערד, מיט וועלכער ער איז נישט צוזאמען געוואַקסן"...

און ווייטער:

„שלום אש קוקט אויף גאטס וועלט מיט די אויגן פון אַ יידישן יתומל: אמאל זעט ער אין גאָטס וועלט די פארלוירענע מאמע, — אמאל זיך אליין, זיין אייגענע קינדערשע נשמה".

אזאַ מין טרויעריקן, נידערגעשלאָגענעם איינדרוק האט גע־מאכט שלום אַשס ערשט ביכל אויף דעם עמפּינדלעכן בעל־מחשבות; אט דאָס איז געווען דער אָנזאָג וועגן דעם נייעם טאלאַנט.

עס איז אַ באַזונדערע און אַ גאַנץ־שווערע אויפגאַבע צו דער־גיין די שפּורן פון דעם אומעט און טרויער, וואָס האָבן באַ־הערשט שלום אשן אין די ערשטע יאָרן פון זיין שרייבן. וועגן דעם קען אונז דערציילן אַש אליין, אדער זיינע נאָענטע חברים פון יענער צייט. און ווער ווייסט, צי וואָלט טאקי שלום אַש, דער נייער קרעפטיקער טאלאַנט, נישט אונטערגעבראָכן געוואָרן אונטער דער שווערער משא פון אט דעם טרויער און אָפּהענ־טיגקייט, ווען נישט דער געוואלדיקער חיות און קוואַל פון לעבן, וואָס האט געשלאָגן אין אים און געטריבן אים אין דער ברייט און אין דער ווייט, אויסער די טרויעריקע ד' אמות פון איינ־זאַמען יידישן אינטעליגענטישן שטיבל פון יענער צייט.

אָבער ס'איז קלאָר און עס פאָדערן זיך נישט קיין ספּע־ציעלע באווייזן, אז די כאַראקטעריסטיק פון בעל־מחשבות זעט אויס איצט עפּעס פרעמדלעך און כלל נישט צוגעפּאַסט צו שלום אַשן און צו זיין דיכטעריש וועזן.

פאר די עטלעכע און צוואנציק יאָר, וואס שלום אש שאַפט

האט ער באַוויזן גאר אַנדערע אייגנשאַפטן פון זיין טאלאנט, גאר אנדערע מאטיוון און טענער, — וואס זענען אינגאַנצן סותר די דערמאנטע כאראקטעריסטיק. שלום אַש דער פריידפולער, לעבנסלוסטיקער, קרעפטיקער און באַדנפעסטער דיכטער, איז לגמרי ווייט פון „אומעטיקייט און האַרצקלעמעניש", און אויף גאָטס וועלט קוקט ער נישט ווי א יידיש יתומל, נאר אדרבא ווי א געזונטער מענטש מיט א ברייט האַרץ און ברייטן פארנעם נעמט ער אויף דאס יידישע לעבן.

שלום אַש אבער איז זיך צעוואַקסן ערשט שפעטער און אין דעם זין איז פאַראן אן ענלעכקייט צווישן שלום אַשס ערשטע ליטעראטישע טריט מיט ח. נ. ביאַליקס. אויך יענער האט די ערשטע יאָרן אויסגעדרוקט פרעמדן טרויער, אויסערע בידערגעשלאָגנקייט. שלום אַש איז אין די ערשטע יאָרן פון זיין שאַפן געווען צוגעשמידט צו דער אָרעמער ווירקלעכקייט, צו טרויעריקע בילדער, צו איינזאמע איינצלנע מענטשן, וואס האבן געהאט ארום זיך „אלערליי פיין און עגמת־נפש", ער האט זיך גענומען צו שילדערן אט די טרויעריקע בילדער, בעת ער אליין האט אין זיך פארמאָגט חיות און קראַפט, פרייד און לעבנסלוסט.

אין אט דער סתירה פון פרייד און טרויער, פון קראפט און פיין, פון לעבנסלוסטיקייט און הארצקלעמעניש האט זיך שלום אש געפונען די ערשטע יאָרן.

שלום אַש איז געקומען קיין ווארשע פול אָנגעלאָדן מיט מונטערקייט פון זיין געזונט און קרעפטיק שטעטל קוטנע. אין יענער צייט איז י. ל. פרץ מיט זיינע מקורבים געווען פארטון אין זאמלען פאָלקס־לידער, פאלקס מעשיות, פאלקס־מאטיוון. פרץ האט דאן אָנגעצונדן הערצער און נשמות און געשפרייט אַרום זיך יום־טוב און נשמה־יתרה־שטימונג און אש איז גלייך געוואָרן אנגעשטעקט פון דער שטימונג. דאס פילן מיר אין אייניקע זאכן, וואָס אש האט געשריבן אין יענער צייט אבער גלייכצייטיק מיט דער דערהויבונג האָבן געהערשט

ארום און אַרום אין יידישן לעבן טרויעריקע מעשים, אפהענטיקייט און אפגעלאזנקייט. אויסער דעם פייערלעכן טאָג שבת האבן זיך געצויגן זעקס וואכן־טעג מיט טאָג־זארגן, מיט דאגות־פּרנסה, מיט אָרעמקייט פון דעם האָרעפּאַשנעם ייד און פון דעם יידישן אַרבעטער און האַלב־אינטעליגענט, וואס האָט שווער זיך גע־ראַנגלט פאר זיין לעבנס־עקסיסטענץ. ארום דער פּרצישער ראָ־מאנטיק, וואס איז געווען אדורכגענומען מיט דער יידישער נשמה־יתרה, מיט דער יידישער איבער־וועלט האט געהערשט דער וואָכעדיקער, ניכטערער, גריבלענדיקער ריאליזם פון א. רייזען און ה. ד. נאמבערג. פרץ האט געשפּונען די בונטע שטראַלנדיקע פאָלקסטימלעכע געשיכטן און חסידישע מעשיות, רייזען און נאמבערג האבן געגעבן רעאלע טרוקענע שילדערונגען פון פאָלקס־מענטש און יידישן יונגערמאַן אין זייער שווערן גורל פון נישטיקן לעבן אין דער פארפרעמדטער גרויסער שטאט.

און אט די צוויי באזונדערע עלעמענטן האָבן זיך גע־ראַנגלט אין אַשס שאפן אין די ערשטע יאָרן. און די לאַסט פון דעם געראַנגל פילן מיר אויף אשס שאַפן אין די ערשטע יארן פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט.

גאר אינגיכן אבער האט אַש זיך אָפּגעטרייסלט פון די טרויעריקע בילדער און געשטאַלטן, פון די טרוקענע, בלוטלאָזע טיפּן, וואס זענען אין תוך דאך פרעמד זיין געזונטן און מונטערן כאראַקטער.

ער איז צוגעפאלן צו דער „מאמע־ערד", אריינגעזויגן אין זיך איר זאפט און קראפט, זיך באהעפט צו די קרעפטיקע, ווילדע יונגען פון קוילער־גאַס, איז באשטראַלט געוואָרן פון דער אידילישער, שטעטלשער פּאטריאַכאלישער שיין. שוין אין די יארן 1903 — 1904 האט אַש אנגעהויבן צו שאפן די שטראַל־דיקע, קרעפטיקע נאוועלן און דערנאך אויך זיין שפּעטער בא־רימט־געוואָרן „שטעטל", וואו ער האט געגעבן קערנדיקע פאר־וואָרצלטע טיפּן, וואס זענען ביז אים אין דער יידישער ליטע־ראטור נאָך נישט געווען. און אָט די שילדערונגען פון דער

באטור און שטעטל־לעבן האָבן גלייך אוועקגעשטעלט שלום אַש אויבן אָן פון דער נייער יידישער ליטעראטור.

דער קורצער הקדמה־אריינפיר פון שלום אַש אין זיין „שטעטל" איז נישט־באטירלעך און פרעטענציעז. אש קומט ניט צום שטעטל ווי אַ פ ר ע מ ד ע ר, ז ײ ט י ק ע ר אורח. אדרבא, ער שטאמט פ ו ן שטעטל און גייט פ ו ן דאָרט. ס'איז נישט אַ באַאָבאכטונג פון א ו י ב ן ־ אַ ר אָ פּ, נאר אַ דערפילונג פון א י נ ע װ י י נ י ק, אַן אויס־געזינגען ליד, אַ פּאָעמע פ ו ן טיפענישן פון אייגענעם הארץ. אין שטעטל ליגט אַשס סטיכיע, זיין נשמה, און פון דאָרט קומט עטענדיק און אויך שפּעטער זיין יניקה.

אש אבער איז נישט פארבליבן זינקען און זינגען אין שטעטל. ער איז באשאָנקען פון דער באטור מיט אַ זעלטענער עמפּינדלעכקייט, וואס צינדט אים אָן אָן אויפהער און לאָזט אים נישט רוען אויף איין אָרט. איין אָנרעגונג רייצט ביי אים די צווייטע, איין געפיל שטעקט אָן דעם אנדערן, און זיין שעפעריש ווען האלט אין איין ברויזן און קאָכן. מיט דער גאַנצער עשירות פון הארמאָניע, לירישקייט, סענטימענטאַלקייט, וואָס ער פאַרמאָגט, קאָן ער דאך נישט ביישטיין פון איינדריקן, השפעות, אָנרעגונגען פון לעבעדיקן לעבן, און דאס טרייבט אים פון זיין אינערלעכער שרייבערישער „נאָרע" אין דער ברייטער וועלט פון אידעען, איבערלעבונגען, צוזאמענשטויסן און קאָנפליקטן, וואָס קומען־פאָר אין שטחים, צענטרען, צייטן און געגנדן, וואָס זענען אויסער אים. און אָט דער ס ו ב י ע ק ט י װ ס ט ע ר שרייבער, וואָס לעבט אומבאַדיגט שטענדיק אליין איבער דאס, וואס ער באַשרייבט און שילדערט, איז דאך מיט דער צייט געוואָרן אַ ראָמאַנען־און דראַמען־שרייבער, וואו עס זענען דאָ פיל אָ ב י ע ק ־ ט י װ ע און זייטיקע עלעמענטן.

II

גאר גיך, אין פאַרלויף פון אַ פיר־פינף יאָר, דרייט זיך שלום אַש אַריין אינם קאראהאָד פון יידישן און נישט־יידישן

געזעלשאַפטלעכן און קינסטלערישן לעבן, רעאַגירט מיט לייב און לעבן אויף די וויכטיקסטע פּאַסירונגען פון דער ווירקלעכקייט, און פון דאַן אָן איז שוין שלום אַש דער אומרו, מיטגייער און מיטבאַגלייטער פון דער יידישער ווירקלעכקייט אין אַלע אירע קרומע און גלייכע וועגן. און די גאַנצע לעצטע צוואַנציק יאָר האָט אַש אזוי אדער אנדערש געפּרובט צו פאַרקערפערן אַט דעם זיגזאַגן-וועג פון יידישן לעבן אין זיינע פאַרשיידנאַרטיקע ווערק, — אין די נאָוועלן, דראַמען, ראָמאַנען און אויך אַר-טיקלען.

פון א סקיצן-שרייבער און נאָוועליסט איז שלום אַש געוואָרן דער יידישער שרייבער. איבעררעכענענדיק בקיצור נאָר די הויפּט-ווערק לויט די יאָרן, ווען זיי זענען געשריבן געוואָרן, באַקומען מיר גלייך א געטריע פאַרשטעלונג פון שלום אַשס פּאַר-נעם, פון זיין ברייטקייט, פון זיין פילזייטיקייט. גאַנצע תקופות האָט ער געגומען אָפּצושפּיגלען אין זיינע ווערק: לענדער און געגנדן, שיכטן און טיפּן: „א שטעטל" (געשריבן אין יאָר 1904), די דראַמע „מיטן שטראָם" (1904), — אין העברעאישן „יצא וחזר"), „משיחס צייטן" (1906), „גאָט פון נקמה" (1907), „שבתאי צבי" (1908), „מאָמענטן" (1909), „אַמעריקע" (1910), „מערי" (1911), „ארץ-ישראל" (1912), „דער וועג צו זיך" (1913), „חורבן פוילן", „שנירעל פּערל" (1915), „מאָטקע גנב" (1917), „קידוש השם", כישופמאַכערין" (1920), מאַראַנען" (1922), „די מוטער" (1923) „טויט-אורטייל" (1924). און דאָס זענען דאָך נאָר די גרעסערע ווערק; ווען מיר נעמען די הונדערטער קלע-נערע זאַכן און די אַלע דראַמעס און אַרטיקלען און ציען די די פעדים, וואָס געפינען זיך צווישן דעם לעבן מיט די ווערק, — באַקומען מיר דאַן אַ ביז-גאָר אינטערעסאַנט בילד, ווי גרויס עס איז געווען די פאַרבינדונג פון אַשן מיטן קאָנקרעטן לעבן. אין איין ווערק האָבן מיר די אַלגעמיינע שטימונגען, דעם געזאַנג פון דער צייט. אין אַ צווייטן — האָבן מיר פּראָבלעמען, לעבנס-סיטואַציעס, אידעען-געראַנגל, ווי זיי ווערן פאַרקערפּערט אין

לעבעדיקע מענטשן, טיפן; דאָ געפינען מיר דעם ווייטן אָפּקלאנג, דעם אָפּהילך פון דער איצטיקער צייט אין די געשיכטלעך־אויפגעבראכטע עראינערונגען־ראמאנען. און דערצו: וואו דאס יידישע לעבן שלאָגט וואָרצלען אין נייער ערד, אין נייעם באָדן, דארט גראָבט זיך שוין שלום אַש און נעמט זיך ארויסצוברענגען פון ־ארט נייע מענטשן, נייע פּאַסירונגען, נייע לעבנס־האַנדלונג.

און עס איז געוויס קיין צופאל נישט, וואס וועגן שלום אַשן הערשן אזוי פיל פאַרשיידנאַרטיקע, סתירותדיקע מיינונגען. און נאך מער: ס'איז גאָר קיין חידוש נישט, וואס א יעדער איינער האט צו אַשן אַ פאַרשיידנארטיקע און זיך־טוישנדיקע באַציהונג: אָט גאר א פּאָזיטיווע, א באַגייסטערטע, און באלד — אַ נעגאטיווע, א צוריקגעהאלטענע. ס'איז דערפאר, וואס שלום אש אַליין איז פול מיט סתירות און ער אליין איז וויניק, גאר וויניק אויסגעהאלטן און באשטענדיק. ער בייט זיך זייער אָפט און טוישט זיינע פארבן און פאָרמען. און ס'איז נישט קיין סימן ביי אים פון אינעווייניקסטער דלות און פוסטקייט, עס איז נישט סתם אַן אויסערלעכער קליידער־אויסטויש. עס איז די פאַרשיידנאַרטיקייט און פאַרשיידנפאַרביקייט פון גרויס אימפּעט און עשירות, פון שטארקן איבערפלוס, פון ראַנגלענדיקע כוחות און השפעות. אַש איז שטראָמיק, עס זעצט פון אים פּאַטאס און ווילן און אומרו, און שליידערט אים פון איין שטח צום צווייטן, פון איין לעבנס־שטאָף צום אַנדערן. אין דעם שטאַרקן שטראָמען פארפלייצט ער אמת גאנץ אָפט זיין אייגענעם איך, ער פארכאַפּט און פארפלייצט אויפן וועג זאכן און חפצים, וואָס זענען אים אליין ליב און טייער.

אבער *דאס* איז אַש. אָט *אזעלכן* דארפן מיר אים אויפנעמען, — אים אליין און זיין 25 יעריקן שאַפן, וואס האָט געהאַט וועגן און אומוועגן, וואס איז זיך צעגאנגען אין דער ברייט פון איצטיקן יידישן לעבן און אין דער טיף פון יידישער פארגאנגענהייט, וואס האט זיך איבערגעוואָרפן פון איין לאַנד צום צווייטן, פון איין יידישן קיבוץ צום אַנדערן.

קיינע צוימען פון צייט און רוים, פון שאפונגס־

ווילן און שאפונגס־פּאָרמען. און אויך קיינע צוימען און גרענעצן פון שפּראַך און סטיל.

ווייל אַ נאַטור אזאַ. ער האט נישט געקאָנט זיצן און וואַרעמען און אויסווארעמען, צאַצקען און אויסצאצקען דעם יידישן אַמאָל, ווי זיינע פאָרגייער.

איז דאָך מענדעלע מוכר ספרים געזעסן אַ דרייסיק יאָר אין דער גרויסער שטאָט אָדעס ביים שטורמישן שוואַרצן ים און אַלץ געהאַט פאר זיך דעם גאנצן האַרמאָנישן קבצנסק מיט גבילאָפּיאַטאווקע און אַלץ געכאָוועט די אַמאליקע יידישע פאַרשוינען מיט זייער לעבנס־שטייגער און מיט אַלע זייערע פּיטשעוועס. און האט דאָך דער געניאַלער שלום־עליכם מיטגעפירט זיין מנחם־מענדל מיט מאָטל פּייסי דעם חזנס אין דער גרויסער שטאט אַריין און אים פארפירט אפילו קיין ניו־יאָרק. און די ביידע, פארברייינגענדיק אין דער שווייץ עטלעכע יאָר, האבן נאָך אַלץ זיך געצערטלט מיט די כתרילעווקעס און טוניעיאַדאווקעס און מיט זייערע קליינשטעטלדיקע געמייזאַכצן. און פּרץ, דער גרויסער אומרו און צוימען־ברעכער, האט דאָך געלעבט מער אין אבסטראַקטער וועלט פון וויזיעס און פּראָבלעמען, געזען דער עיקר גילגולים פון ניגונים און פיר דורות — פיר צוואות אין אייגענעם ארום. שלום אַש אָבער האט עוקר געווען פון יידישלעכע ד׳ אמות, פון יידישער איצטיקער אַטמאָספער און זיך געלאָזט אין דער וועלט. אים האט מיטגעהאָלפן דאס, וואס ער איז נישט אזוי פעסט ווי די ערשטע דריי געווען פארוואקסן און פאַרוואָרצלט אין יידישערווירקלעכקייט, אין יידישן באָדן, און גרינגער איז אים געווען זיך אַוועקלאָזן אין ווייטן. דערצו, דאַרפן מיר געדענקען, האט זיך פאר די לעצטע 20 יאר אויך דאָס יידישע לעבן גופא א שטאַרקן רוק געטאָן פון זיין פארגליווערטקייט און גענומען רירן, באַוועגן זיך און לייכטער ענדערן זיינע געגנען און אייגנשאַפטן, און אָפּטמאָל זיך גענומען פּלאָנטערן און בלאָנדזשען איבער אייגענע און

פרעמדע וועגן. און טאַקע אָפּטמאָל געווען ניט אויסגעהאַלטן און פול מיט סתירות און ווידערשפּרוכן.

און דער אימפּעטפולער און מיטן לעבעדיקן לעבן פאַר־קניפּטער שלום אַש האט זיך דעריבער נישט געהאַלטן ביי זיינע וואָרצלען, און ער איז דורך דעם לעבן און דורך זיך אליין איבערגעזעצט געוואָרן אין לויף פון די לעצטע צען־פופצן יאָר אויף פאַרשיידענע באָדנס. אט אין ארץ־ישראל, אט אין אַמע־ריקע, אט גאָר אין מיטלאַלטער און ווידעראַמאל אין פוילן און אָבער אמאָל אין אַמעריקע. און אט די „לייכטקייט" פון איבער־וואַנדלען און אָט דער טויש פון די שטאָפן האט געמוזט אַרויפ־לייגן זיין שטעמפּל אויף דעם כאַראַקטער און מאַניר פון אַש שאַפן. עס פעלט דעריבער ביי אים קינסטלערישע השלמה, פאַרגאַנצטער סטיל און פאַרגאַנצטע פאָרם. ער איז פאַרכאַפּט פון געשעענישן, וואס יאָגן איינער דעם צווייטן, פון לעבנס, וואס האָבן זיך נאָך ניט אויסגעקילט, פון צוזאַמענשטויסן, וועלכע זיינען נאָך נישט האַרמאָניזירט ווי ס'דאַרף צו זיין און פון שטאָף אויף שטאָף, וואס ליגט הויפנווייז, נישט איינגאַנצן פונאַנ־דערגעטיילט און אָפּגעטיילט צופעליקעס פון עיקרדיקס. און דעריבער ליידן פיל פון אַשס ווערק פון צעפלאָסנקייט, פון צייטונגס־ארטיקעס אין נישט־אויסגעטראָגן. אָבער אַש און זיין שאַפן ווי קיין יידישער שרייבער נישט זיינען געבונדן מיט דעם איצטיקן יידישן לעבן, מיט דעם יידישן לעבן, וואס קומט־אויף און אַנט־פּלעקט זיך אָט־דא און אט דאָרט, מיט דעם יידישן לעבן, וואס בייט זיינע פאָרמען און אויסזען.

אַשס שאַפן איז נישט גאָר איינהייטלעך, נישט פאַרגאַנצט דורך און דורך, און איז פול מיט סתירות, מיט אינעווייניקסטע ליכט און שאָטן.

ווייל א נאטור אזא. ווייל א צייט אַזאַ.

און טאַקע מהאי טעמא גייט שלום אַש איבער פון איין

טעמע צו דער צווייטער, פון איין לעבנס־שטאָף צום אַנדערן. אָפטמאָל איז נישטאָ קיין סמיכת־הפרשיות צווישן איין ווערק און דעם צווייטן, וואָס ער שאַפט כמעט אין איין און דער זעלבער צייט.

און דעריבער אויך שאַפט ער אין פאַרשידענע ליטעראַריש־קינסטלערישע פאָרמען. אָט שרייבט ער אַ פּאָעמע, — דאָס סוביעקטיווע אויסלאָדעניש פון אינערלעכע שטימונגען, — און גלייך פאַרפאַסט ער אַ דראַמע, וואו עס לעבן און האנדלען, טוען און ווירקן אין אָביעקטיווע לעבנס־סיטואַציעס פאַרשיידענע טיפּן און כאַראַקטערן.

בכלל איז שלום אש פאַרוועבט און פאַרשפּינען אין טראַדיציע, אין קאַנאָניזירטע נסחאות און הייליגקייטן. און יעדער קלאַנג רופט ביי אים אַרויס אָן אַ שיעור אָפּקלאַנגען פון אַמאָל, פון פאַרגאַנגענהייט, פון דורי־דורות לעבנס, שוין לאַנג פאַרוועלקטע און פאַרמצבהטע. ביים אָנבליק פון בילדער, שילדערונגען פון איצט, קומען־אויף ביי אים זעהונגען און געשטאַלטן פון אַמאָל. און פונקט ווי דער איצט שפּייזט אים אָן אויפהער, רעגט אים אָן צו שעפערישע קאָמבינאַציעס, אַזוי אויך איז די יידישע פאַרגאַנגענהייט ביי אים אַ קוואַל, פון וואַנען ער שעפּט שטענדיק מיט פולע הויפנס, און ער קאָן זיך גאָר זאַט נישט אָנזעטיקן.

און לייענען מיר אַשס היסטאָרישע ראָמאַנען: זיין „קידוש השם" און „כישופמאכערין פון קאַסטיליען", זיין ווייניק־באַקאַנטע דראַמע „מאַראַנען", זיינע איינדריקן פון די אַלטע יידישע שטעט אין דייטשלאַנד (אין באַנד „נייע ערציילונגען") און די „בריוו פון שפּאַניען", — זעען מיר, ווי דאָס פאַרגאַנגענע געשיכטלעכע יידישע לעבן איז וואַך און לעבעדיק ביי אים. מיט דעם זעלבן מיטגעפיל, ליבע און באַהאַרצטקייט שטעלט ער אויף תקופות און געשעענישן פון אַמאָליקער יידישער געשיכטע. און ער זינדיקט שטאַרק קעגן דער געשיכטע, ער בינדט צונויף נישט גאָר פּינקטלעך עקן און ווייטן. ער ווערט גע-

טריבן צופיל פון מעלאָדראמאטישע מאמענטן, ווייל דאָס זענען נישט בלויז רעסטאַווריטע אַלטערטימלעכקייטן, טרוקענע באַשרייבונגען פון געשיכטלעכע פאקטן, נאר אויפגעלעבטע לע־בנס, מיט א צאַפּעלדיקן, פילפאַרביקן געשפיל פון לעבנס־גע־שעענישן און אויפגעוואַכטע געשטאלטן.

אַשס לעצטע גשיכטלעכע ווערק שיידן זיך שטארק אָפּ פון די פריערדיקע (אמנון און תמר, יפתחס טאָכטער, שבתאי צבי), וואו עס איז געווען מער סכעמע, מער געדאנקען־גאנג, מער דיאלאָגיזירטע דיכטונג, ווי ברייט־פארצווייגטע האַנדלונג, ווי אמתע לעבעדיקע געשטאלטן מיט א מאסע, מיט געשעענישן, מיט אן ארומיקער סביבה...

און זיין פארוועבט זיין אין געשיכטלעכע ווייטן שטערט נישט אשן צו זיין געזעלשאפטלעך, צו פילן שטענדיק און אָן אויפהער דעם לעבעדיקן דופק פון לעבן. אש איז דער געזעל־שאפטלעכסטער צווישן אונזערע שרייבער. קיין איין וויכטיקע געשעעניש פון די לעצטע יאָרן אויף ביידע זייטן פון אָקעאן איז נישט אדורך, וואו ער זאל זיך נישט פילן געבונדן און וואו ער זאָל נישטווירקן און ווערן באווירקט. אויף די וויכ־טיקסטע פאסירונגען אין לעבן האט שלום אש באזונדערס רעא־גירט מיט שטארקע מאַניפעסטן־אַרטיקלען, וואָס שטעלן אַשן צווישן די באגייסטערטע יידישע פובליציסטן. זיינס אַן אַרטיקל איז שטענדיק געשריבן מיט האַרץ, מיט פארנעם, אויף דער העכסטער אָקטאַווע און ער רירט אפילו שטיינער.

און עס איז שווער צו זאָגן, צי עס רירט אים מער סאָציאלער אָדער נאציאָנאלער אומרעכט. אין זיינע ווערק מישן זיך שטארק די צוויי עלעמענטן, — דער סאָציאלער און נאצי־אָנאלער. אין „מאָטקע גנב", „אָנקעל מאָזעס", „גאָט פון נקמה" איז ער מער סאָציאלער דיכטער, אין די איבעריקע — מער נאציאָנאלער. ער איז בכלל מער געטריבן פון נאציאָנאלן פאטאָס, פון נאציאָנאלע פריידן און ליידן. דאָ איז ער מער ביי זיך אין דער היים, אין דער אייגענער אטמאָספערע.

ווייל בכלל זעט שלום אַש פריער דעם כּלל און דערהויפּט דעם ייִדישן כּלל. ער זעט קודם־כּל געשעענישן, פּאַסירונגען, באַוועגונגען און ערשט דערנאָך שיילט זיך פּאַר אים אויס דער מענטש, דער יחיד, דער אינדיווידואום. און דעריבער גיט אַש שטענדיק מער קאָלעקטיווע באַגייסטערונג, פּאַראַלגעמיינע איבער־לעבונגען און ווייניקער — אינדיווידועלע קנייטשן, פּערזענלעכע איבערלעבענישן. אויך אַשס איינצעלנער מענטש איז מער אַלגע־מיינער טיפּ, פאָרשטייער פון אַ שיכט, פון אַ גרופּע, פון אַ קלאַס. אַזוי איז ביי אים הן בנוגע די אַלטע טיפּן, און אַזוי אויך בנוגע צו יונגע טיפּן. ווייל אַשן איז פרעמד דאָס גריבלען זיך אין דעם איין מענטשנס נשמה, דאָס שטענדיקע פּיקן אין איין פּינטל. ער איז צו־באַוועגלעך דערצו, צו אימפּעטפול, צו האַסטיק און ראַשיק.

זיין שרייבן בכלל מאַכט דעם אַיינדרוק, ניט ווי ער וואלט פּאַמעלעך אָנגעלאָדן זיין דיכטערישע שיף, און קלויבט זאָרגזאַם און ברענגט און פירט־אריין אין די קעמערלעך פון ווערק שטאָף און מאטעריאַל. פאַרקערט: ער דערנענטערט זיך מיט זיין פול־אָנגעלאָדענער שיף צו אַ ברעג, פאַראַנקערט זיך אויף אַ צייט און האַלט אין איין אויסלאָדן דאס איבער־געפולטע, וואָס איז אין אים. און דער דראַנג, וואס גיכער זיך צו באפרייען זיך פון דער משא, איז ביי אים גרויס, און ער ארבעט טאַקי אויף אַלע כּלים אראָפּצוּוואַרפן פון זיך די לאַסט. און נישט אלע מאל איז ער אזוי שטאַרק אויסגערעכנט און באַרעכנט. ווייל שוין גלוסט זיך אים ווידעראמאָל אַוועק אין די ברייטע וואַסערן פון לעבן און פאַנטאזיע, און אויפסניי אָנפולן זיינע קאמערן און קעמערלעך... און דער זעגל איז שוין פאַנאַנדער־געוויקלט און ער רייסט ווידער אין וועג...

און אט ווערט אַש פאַרפאַלן אויף עטליכע חדשים פון אונז, און מיר זענען זיכער, אז ווידער וועט ער קומען, פול אנגעלאדן מיט עפּעס נייעס, אינטערעסאַנטעס, אומערוואַרטעטעס...

III

מען זאָגט: שלום אַש איז פאַרבליבן מיט זיין „קאָנסקע וואָליע״. ס׳איז אָבער דורכאויס פאַלש. אַש האָט געגעבן די נייע יידישע שטאָט אין איראָפּע און אין אַמעריקע. מיט די אַלע חסרונות, וואס „מערי״, „דער וועג צו זיך״, „מאָטקע גנב״, „אָנקעל מאָזעס״ און „די מוטער״ פאַרמאגן אַלס גאנצער ראָמאַנען, האבן מיר אין זיי גלענצנדע שילדערונגען פון דעם איצטיקן יידישן לעבן אין דער גרויסער שטאָט, וואס קיינער פון די יידישע שרייבעס האט אַזעלכע נישט געגעבן ביז אַשן — און נישט נאָר שילדערונגען. שלום אַש ברענגט אינז פיל נייע יידישע טיפּן, וואס טרעטן־אויף אין דער יידישער ליטעראַטור צום ערשטן מאָל. און נישט נאר טיפּן. מיר האָבן פאַר זיך צום ערשט אין דער יידישער ליטעראַטור אמתעווירקלעכע שטעט און טייכן און לאנדשאַפטן, וואס ביז אַשן האבן מיר וועגן זיי אין דער יידישער ליטעראטור נישט געוואוסט.

ביז אַשן האבן מיר געהאט ביי אונז אין דער ליטעראטור אַ שטעטל, אַ שטאָט, א טייכל, — אַ שם־כולל פאר יעדער שטאָט און יעדן טייך. עס איז געווען אַ מין משל פאר אַ נמשל. מענדעלע, שלום־עליכם און פרץ האָבן אונז געגעבן אלגעמיינע נעמען פון שטעט און טייכן און לאנדשאפטן. עס זענען געווען אלגעמיינע באגריפן, אָן וואָסערע ס׳איז אייגנטימלעכע, אייגענע אייגנשאַפטן: יעהופּעץ און קרייז־שטאט. און דאס גאָר. ס׳איז געווען דער עיקר דער סימבאָל פון אַ נייעם קאָכעדיקן צענטער, וואו דער קליינשטעטלדיקער טיפּ איז אריינגעפאלן און זיך געפילט שלעכט, איבעריק און פרעמד. און די שטאָט וואלט געקאנט זיין קיעוו און אדעס און ווארשע און מאָסקווע און פּעטערבורג. דער שרייבער איז צוזאמען מיט זיין געשילדערטן טיפּ בשתּומם און פארטומלט געוואָרן אין דעם שטאָטישן גערויש, וועלכן ער האט נאך נישט תּופס זיין. ס׳איז געווען דער געפיל, ווי די ניי־אויפגעקומענע שטאָט האט זיך גענומען אַ תּל צו מאכן פונם אמתן יידישן לעבנס־שטייגער און צעשטערט און צעמאָלט דעם יידישן מענטש.

און דעריבער האט דער שטאָט, וואָס איז געווען געמאָלט דורך די פריערדיקע יידישע שרייבער, געפעלט נוסח און כאַראַקטער און סטיל. און זעט: דווקא דער „קליינשטעטלדיקער" שלום אַש האט דער ערשטער כמעט אָנגעהויבן צו פילן זיך, זיך און זיינע טיפן, אין דער נייער גרויסשטאָטישער אַטמאָספער אָרגאַניש און נאַטירלעך. ער גיט אונז אין זיינע נאָוועלן און ראָמאַנען אמתע, ווירקלעכע שטעט: וואַרשע, קראָקע, פעטערבורג, ירושלים, ניו־יאָרק, פאַריז, ווילנע. און אויך האט ער דער ערשטער געזען, געפילט און געשילדעדט די אמתע ווייסל. ער איז אויף איר דערצויגן געוואָרן, זי האָט גערעדט צו זיין האַרץ און צו זיינע געפילן. זי איז אין זיינע שילדערונגען נישט ס ת ם אַ טייך, נאָר ז י י ן טייך, מיט אייגענע קאָלירן און פאַרבן, מיט אייגענעם כאַראַקטער און אויסזען. און ס'איז גאָר קיין קלייניקייט נישט. אַזוי לאַנג האָט מען געלעבט אין געשיכטלעך־ווייטע רוימען, אַזוי פיל האָט מען זיך געשפּייזט פון קינדוויייז אָן מיט דעם א ט אָ ל, מיט דעם אויסגעחלומטן דורך דעם חומש „ירדן" און „הר־הכרמל" און „עיר הומיה", אַז מען האָט אויפגעהערט צו זען דאָס נאָענטע, קאָנקרעטע, ממשותדיקע. אַש האָט אַמאָל אין אַ פּאָלעמישן אַרטיקל בדרך־אגב גערעדט וועגן זיין שטאַרקן צובונד צו די אַרומיקע גאַסן און מויערן פון אַ וואַרשע און קראָקע און זיך געשטיצט אויף דורי־דורות לעבן אין זייערע מויערן. אַש האט אויפגעהערט צו פילן זיך ווי אַ זייטיקער, פרעמדער, איזאָלירטער אין דער נייער גרויסער שטאָט. און הן זיין פשוטן פאָלקס־מענטש און הן זיין ראַפינירטן אינטעליגענט האט אַש געזען און געשילדערט אין קאָנקרעטע אַלגעמיין־וועלטלעכע לעבנס־פאָרמען און לעבעדיקער סביבה.

און דאָס באַטייט, אַז אַש האט פאַרמאָגט אַ נייעם צוגאַנג צום אַרומיקן לעבן. עס איז אַ נייער אַרט אויפפאַסן און אויפנעמען די אַרומיקע ווירקלעכקייט. און מיט זיין גאַנצער סימפּאַטיע צום ציוניזם, וואָס ער ווייזט אַרויס פון צייט צו צייט,

איז שלום אַש דאָך איינער פון די שטאַרקסטע „מחייבי־הגלות" צווישן די יידישע קינסטלער.

שלום אַש איז דער סאַמע פּראָדוקטיווסטער, פאַרצווייגטער און פאַרשיידנאַרטיקער יידישער שרייבער.

ער איז נישט קאָנצענטרירט אין איין פּונקט, נישט געווענדט אין איין ריכטונג. ער איז שטענדיק וואַך און אויפגערעגט, שטענדיק פאַרכאַפּט פון אַן אַנדער טעמע, פון אַן אַנדער פּראָבלעם, פון אַן אַנדער לעבנס־וועלט. ער איז דורך און דורך אַ קינסטלער. פון אַלץ אַרום שאַפט ער און זוכט שטאָף פאַר זיין שאַפן. אויף יעדער נייער טעמע וואַרפט ער זיך מיט ערשטער ליידנשאַפט, איז שטאַרק אַנטציקט פון איר און גיט זיך איר איבער מיט יוגנט־אימפּעט.

און אַלץ איינס, פון וואַנעט ער שעפּט דעם שטאָף צום שאַפן: פון ווירקלעכקייט, צי פון נאָענטער פאַרגאַנגענהייט, פון מיטלאַלטער אָדער גאָר פון ביבלישע מאָטיוון. ער קאָן זיך זאָט נישט אָנזעטן מיט זיין שאַפן. אַט האַלט ער נאָך אין מיטן שפּינען איין ווערק, און אַ צווייטע וועלט — פון ווירקלעכקייט אָדער פון טרוים—ציט אים שוין צו, און די אויפרעגונג וואַקסט און מיט איר—די בענקשאַפט, די לעכצעניש צו דעם נייעם דיכטערישן שטאָף. און האָט ער די טעמע, דעם שטאָף—פאַלט ער אָן אויף דעם ווי אַ רויב־חיה, מיט נעגל, מיט דורשטיקייט און מיט ווילדן אימפּעט. אין פּראָצעס פון שרייבן אַנטפּלעקט זיך ערשט זיין באַרמהאַרציקייט, זיין פּאַטאָס און בילדערישקייט, דער גאַנצער קוואַל פון ליבע און חנעוודיקייט. עס קומט די ראָמאַנטישקייט, וואָס באַשיינט און באַהנט די אַלע מעשים און פּאַסירונגען, מענטשן און בילדער פון דער געגעבענער תקופה אָדער געשעעניש. און פון די געדיכטענישן פון זיין אימפּעט, פון די „דונערן און בליצן" וואָס באַרעשן אים אַליין, — הייבט זיך אָן פאַנאַנדערוויקלען אַ שיינע באַהאַרציקטע וועלט, פול מיט האַרמאָניע און לעבנס־לוסט, פול

מיט צאַרטער ליבע און אינעווייניקסטער אַנטציקונג.

אָפּטמאָל קאָן זיך אויסווייזן, אַז שלום אַש גייט אויף זיבן וועגן, — אַזוי פאַרשיידנאַרטיק זענען זיינע שאַפונגען. אָפּטמאָל קאָן מען מיינען, אַז אַש איז דורכאויס פאַרכאַפּט פון פרעמדע, אויסנווייניקסטע איינדרוקן און ווירקונגען, — אַזוי גרויס איז דער מהלך פון איין ווערק צום צווייטן. אין אמתן אָבער ווערט אַש געטריבן פון איין קראַפט, פון טיפן אינעווייניקסטן ווילן צו שאַפן, פון ווילן אַרויסצואַנטפּלעקן פון לעבנס־חלל, פון געשיכטע־חלל לעבעדיקע געשעענישן. ער באַהעפט זיך צו אַ תּקופה, צום קנויל פון אירע פּאַסירונגען, דרינגט אַריין אין איר תּוך, אין איר אינהאַלט און גלייך באַהערשט ער זי. זיין אינעווייניקסטע אינטויציע און דיכטעריש וועזן איז כמעט שטענדיק שטאַרקער, ווי דער שטאָף, ווי דער רויער מאַטעריאַל. גלייך שטראָמט־אָן אויף דער געשעעניש, אויף דעם געשטאַלט זיין אינעווייניקסטער חיות, פאַרפלייצט די צונויפגעקליבענע ליים און ציגל און טראָגט זיי אָפּ מיט זיין אימפּעט־שטראָם. זיי פאַרלירן די אייגנשאַפטן פון זייער באָדן, פון זייער שטאַם, און זיי באַקומען די שטריכן און אייגנשאַפטן פון אַשס וועזן. אַזוי זענען אַשס רעאַליסטישע סקיצן און נאָוועלן, אַזוי זענען אַשס ביבלישע דראַמען, אַזוי אויך זענען די היסטאָרישע ראָמאַנען.

דער אָנהויב־וועג ציט זיך פון ווירקלעכקייט, פון רעאַלע פאַקטן און פּאַסירונגען, דערנאָך רוט שוין אויף זיי אַשס ראָמאַנטישער הויך, זיין באַגייסטערטער פּאַטאָס און ליבע...

אַט די שטאַרקע עמפּינדלעכקייט, אַט די שטענדיקע גרייט־קייט געווירקט צו ווערן האָט אין באַשטימטע פּעריאָדן ביי שלום אַשן געהאַט אירע שלעכטע זייטן. די עמפּינדלעכקייט האָט טאַקע פאַרברייטערט אַשס קינסטלערישע האָריזאָנטן, אַרויסגעצויגן אים פון דעם ענגן ד' אמותדיקן אינטערעסן־קרייז, געטריבן אים אין פאַרשיידענע עקן וועלט, געשטעלט אים פּנים אל פּנים מיט פאַרשיידענע פּראָבלעמען, סיטואַציעס און טעמעס. אָבער פון דער צווייטער זייט — נישט געגעבן אַשן די מעגלעכקייט צו קאָנ־צענטרירן זיך אויף איין פּונקט, צו שעפּן פון איין קוואַל. אָפּט־מאָל איז שלום אַש געשטויסן געוואָרן פון איינדרוקן און וויר־

קונגען פון דער פרעמד. זיי האָבן אים פארכאפט, איידער ס'איז געקומען די פארקערפערונג, די פארגעשטאַלטונג. אין א גאנצע ריי ווערק הערשט מער די אידעע, דאס פּראָבלעם, און די טיפן, די געשטאַלטן זענען נישט קלאָרע, נישט אינגאנצן אויסגעטראָגן; אין „מיטן שטראָם", „משיחס צייטן" „שבתי צבי", און אין א געוויסער מאס אויך אין „גאָט פון נקמה", „מערי", „דער וועג צו זיך" זענען דער עיקר די נאקעטע אידעען, וואס זענען געווען אויפגעכאפּט פון ארומיקן ברויזנדיקן לעבן. און די אידעען און פּראָבלעמען זענען נאך נישט באוואקסן געוואָרן אינגאנצן מיט קאנקרעטע ווירקלעכע שטריכן, מיט בלוט און פלייש פון לעבע־דיקע מענטשן, די ווערק זענען טאקע צו אבסטראקט : ס'הערשט אין זיי די אידעע, דער געדאנק, דער ספור־המעשה.

אבער לסוף האָט אַש פיל גובר געווען די אויסערלעכע, איסנוויינקסטע איינדרוקן און השפעות. ווי אין די צייטן פון זיין „שטעטל" „ר' שלמה נגיד" און פון זיינע נאוועלן פון שטעטל, אזוי קומט ער אויך איצט אין זיינע גרויסע דערציילונגען פון יידישן לעבן אין אמעריקע פון דער עצם־ווירקלעכקייט, ער ברענגט ארויס לעבעדיקע רעאלע מענטשן, וואס דערהויבן זיך אפטמאָל צו אמתע טיפן, פאָרשטייער פון זייער צייט, פאָרשטייער פון שטאנדן און געוויסע תקופות אין לעבן.

און אינטערעסאנט זענען אַש לעצטע היסטארישע ראָ־מאנען. ער איז צוגעפאלן צו די רייכטימער פון דער יידישער הערזאָישער געשיכטע, צוגעפאַלן צו זיי מיט לייב און לעבן, דאס זענען נישט בלויז פון אויסן־געקומענע אידעען און פּראָ־בלעמען. נאר פון טיפע־טיפענישן ארויסגעקוועלטע חיות און שפע. דא האָט זיך פונסניי צעפלאקערט אשס באגייסטערטע, קינסטלערישע אינטואיציע. „קידוש־השם", „כישופמאכערין פון קאסטיליען", „די מאראַנען" — ווידער אמאָל האבן מיר פאַר זיך אשס ראָמאנ־טיזם, אשס דיכטערישע באגייסטערטער נשמה. שלום אש האָט לעבעדיק געמאכט גאנצע פארגעסענע לעבנס־תקופות פון אונזער

פאַרגאַנגענהייט, ער האָט זיי אויפגעלעבט אין אַ נייעם יום־טוב־דיקן אויסזען.

אמאָל האט ער באשיינט און באהנט דאס וואָר־ווירקלעכע יידיש שטעטל, איצט האט ער באשיינט און באהנט פאַרגאַנגענע געשיכטלעכע לעבנס־תקופות.

אויך איז אינטערעסאַנט פאר אַשס דיכטערישן וועג זיין ראמאַן „די מוטער". עטלעכע יאָר איז אש געווען ווי פארליבט, פאַרקאָכט אין דעם ווערק. ער האט אַריינגעלעגט אין אים שטיקער פון זיין נשמה און געוואָלט זען אין אים דעם קרוין פון זיין שאַפן.

„די מוטער" איז געשריבן אין אַ באהארציקסטן פאלקס־טימלעכן טאָן. אש אליין האָט געזאָגט, אז ער וויל דא זיין א צווייטער דינעזאן. אזוי ווייכהארציק און סענטימענטאל. און באמת: שוין אין די ערשטע זייטלעך פילן מיר, ווי דער קינסטלער לעבט־מיט מיט די געשילדערטע מענטשן. שלום אש שרעקט זיך נישט פאר סענטימענטאלקייט. ער נעמט־אויף דאס פשוטע לעבן פון די פּראָסטע יידן און יידענעס מיטן פולן הארצן, וויל נישט באהאַלטן זיין צערטלעכקייט, פיעטעט און ליבע בנוגע די אלע קליינע קלייניגקייטן פון זיינע מענטשן, ער איראָניזירט נישט איבער זיי, ער פארלירט אפטמאל זיין קינסטלערישע מאס און ווערט פארכלינעט פון מיטגעפיל. די טיפן פילן זיך דערי־בער גאַנץ גוט, זיי „פיעטשען" זיך פאר אשן, עס רוט א ווארעמע הויך איבער די געשילדערטע מענטשן, איבער זייער סביבה. די אלע קאפיטלעך פון דער אלטער היים, פון שטעטל זענען באַגאָסן מיט דער אויפריכטיקן ראָמאנטישן, יוגנט־לעכן שיין, מיט וועלכן עס איז באַגאָסן די ליכטיקע זייט־לעך פון אַ֫ס אמאליק שטעטל, מיט דעם אונטערשייד, וואס דארט איז געווען מער ל י ר י ש ע ד י כ ט ו נ ג, און דא איז מער ר ע א ל ע א ו י ף פ א ס ו נ ג.

און אגב — אַ נייער אומגעריכטער, מערקווירדיקער צוגאב: די ערשטע שטראַלנדיגע יוגנט־אימפּולסן, די ערשטע וועלטלעכע שטרעבונגען פון די שטעטלדיקע יונגע־לייט ווערן ביי אַש באַגלייט מיט פּרצס ווערק, מיט פּרצס ביכלעך, מיט זיין „באַנצע שוויַיג" און „שטריימל". די „תּורה שבכתב" ווערט אַ „תּורה שבעל־פּה": די פאַרקערפּערונג פון דיכטונג אין לעבן, די צאַפּלדיקע השפּעה פון דער יידישער ליטעראַטור אויף יונגע הערצער און געמיטער.

„די מוטער" איז נישט אינגאַנצן אויסגעהאַלטן. איבערהויפּט אין דריטן טייל ווערט דער ראָמאַן אריינגעצויגן אין אַ נייעם טעמפּ, אין אַ נייעם טאָן, וואָס איז אַנדערש און פאַרשיידן מיטן כאַראַקטער און הויפּט־אידעע פון די ערשטע טיילן פון „די מוטער". אָבער דער ראָמאַן איז דאָך פון די באַהאַרציקסטע, יידישיסטע ביכער אין דער יידישער ליטעראַטור, און שרה — רבקה — די אַלטע יידישע מוטער — וועט פאַרבלייבן לעבן ביי אונז ווי אַ הערלעכע, וואונדערבאַרע געשטאַלט, ווי שלום־עליכמס „טוביה דער מילכיקער".

IV

צו דעם חוט־המשולש פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, צו די דריי קלאַסיקער פון דעם מאָדערנעם יידישן שאַפן — מענדעלע, שלום־עליכם און פּרץ — קען מען שוין איצט אָן קיין שום ספק צוגעבן אַ פערטן שלום אַש.

ווי יעדער איינער פון די דריי קומט אויך שלום־אַש פון אונזער עצם־לעבן, נעמט ארום ברייטע שטחים, ווייטע שטרעקעס אין אונזער פאָלקס־שאַפן, און מיט זיין קינסטלערישע וועזן שטעלט ער מיט זיך פאָר אַ גאַנצן, פאַרענדיקטן יש. פּונקט ווי די נעמען מענדעלע, שלום־עליכם, פּרץ סימבאָליזירן פאַר אונז אַ שטיק פון אונזער נייער קולטור, פון אונזער נייעם

מאָדערנעם שאפן, אזוי אויך באַטייט דער נאָמען שלום־אַש אַ שטיק פון אונזער נייער שאפנדיקער געשיכטע.

פאַראַן אָבער אַ טיפער אונטערשייד צווישן די ערשטע דריי און שלום אַש. אין אָט דעם אונטערשייד ליגט דער צייכן פון דער צייט, און אָט דער אונטערשייד כאַראַקטעריזירט אַשס קינסטלעריש וועזן, זיינע מעלות און חסרונות.

די ערשטע דריי — נישט געקוקט אויף דער פאַרשיידנ־אַרטיקייט פון זייער אַרט־שאפן, — שלאָגן זיך דורך אַ וועג צו דער ליטעראַטור אָן פרעמדע וועג־ווייזער, אָן פרעמדע וועג־צייכנס. זיי רייסן זיך ווי פון געדיכטן פאַרוואַקסענעם וואַלד אַרויס, שלאָגן פון פאַרלאָזטע, פאַרשטאָפּטע קוואַלן. זיי זענען פאַרוועבט און געבונדן אין דעם אייגנאַרטיקן לעבנס־שטייגער. אין זייער לעבן און דענקען זענען זיי געווען תּלמידי־חכמים, זיי האָבן גע־שטעקט אין געדיכטער געדיכטעניש פון דורות, ספרים, קאַנאָ־נייזירטע באַגריפן און פאַרשטעלונגען, וואָס דאָס פאָלק האָט אין זיין אָפּגעזונדערט לעבן געשאַפן. פאַרוואָרצלט איז דער שטאַם פון די ערשטע דריי מאָדערנע קינסטלער אין דער ריין־יידישער ערד, און זייער שאפן איז פריער פון אַלץ און דער עיקר דער וועג פון זיך, דער וועג פונעם יידיש וועלטל אין דער גרויסער אויפגעעפנטער און אָפענער וועלט. און ווי זיי האָבן זיך נישט געריסן, זענען זיי דאָך געבליבן שטעקן אינגאַנצן אין דעם יידישן תּחום, מיטן אינהאַלט און נאָך מער מיט דער פאָרם. מענדעלע, שלום־עליכם און פּרץ זענען פאַרבליבן גאַנצע, פאַר־ענדיקטע פיגורן, ווי פון איין שטיין אויסגעהאַקט. זיי זענען צו־נויפגעוועבט מיט דער תּקופה, אין וועלכער זיי האָבן געלעבט, מיט דער אַ־ומיקער סביבה, פון וועלכער זיי זענען אַרויסגע־וואַקסן. זייער שאפן פונעם אָנהויב ביזן סוף איז לויט דער גע־שטאַלט און פאָרם פון זיי גופא, פון דעם נוסח און שטייגער פון יידישן לעבן. זיי האָבן מיט זייער פערזענלעכקייט גובר געווען דעם אויסערלעכן קינסטלערישן שטאָף, געמאַכט אים פאַר אַ טפל. דער עיקר איז געווען די יידישע מליצה, די יידישע

ווירקלעכקייט, דער נאַציאָנאַלער עלעמענט, די ירושה פון דורות, די יידישקייט מיט אירע ליבט און שאָטן.

און דאס בייע, אומגעריכטע ביי שלום אַשן לגבי די דריי ערשטע יידישע גרויסע שרייבער, מענדעלע, פּרץ, שלום עליכם, איז, וואס ער איז נישט פאַרבונדן ווי זיי דורכאויס מיט דער אַלטער, פעסט-געבויטער יידישקייט, מיט די ד׳ אמות בלויז פון יידישן לעבן. ער איז שוין נישט ווי זיי אזוי שטארק פאַר-וואקסן אין געדיכטן וואַלד פון ספרים, מנהגים, נוסחאות, רגילותן, — ער האט שוין געזען די וועלט און מענטשן מיט מער-וועלט-לעכערע אויגן, און די פאָרמען און מעטאָדן פון שילדערן און אויפפאסן דאס געזעענע און געהערטע, איז שוין אויך ביי אים מער וועלטלעכער. שלום אַשן איז גרינגער אָנגעקומען דאס באהעפטן זיך מיט וועלטלעכע פּראָבלעמען און אידעען. און אויב ביי מענדעלע, שלום עליכם און פרץ איז געווען איין פּראָבלעם, איין לעבנס-אויפפאַסונג, איין אַטמאָספער, האט זיך שלום אַש געווארפן פון איין פראבלעם צום צווייטן, פון איין אטמאָספער צו דער אַנדערער, און דאס איז אייגנטלעך שלום אַשס מעלה און אויך זיין חסרון. דעריבער טאקע טרעפן מיר ביי אשן פּראָבלעמען, וואס שטאמען נישט פון זיין עצם איך, זיי זענען נישט דורך און דורך אויסגעווייטיקט און אויסגעטראָגן אַליין דורך אים. זיי זענען שוין דורך אים איינגעזאַפּט פון לעבן, ער האט זיי דערשפּירט ווי אַ קינסטלער, זיי אויפגענומען און באַשטראַלט מיט זיין דיכטערישן חיות. עס זענען דער עיקר צייט-מאָטיוון, צייט-שטימונגען, וואס קומען פון אויסן, פון ליטעראטור און לעבנס-השפעות.

שלום אַש איז דער ערשטער גרויסער יידישער שרייבער, וואס האט די ירושה פון דורות נישט געפילט אויף זיך ווי אן עול. פון זיינע ערשטע ליטעראַרישע טריט איז ער געקומען אלס קינסטלער מיט אן אָפן האַרץ, אויג און אויער און מיט דער פולער מעגלעכקייט צו פילן, אויפנעמען און רעאליזירן וועלטלעכע פאָרמען. די טעמע, דער שטאָף איז ביי אים נישט

בלויז פון קולטור-היסטארישן אדער סאציאל-שטייגערישן כאראקטער. ער איז נישט דורכאויס פארצוימט אין די ד' אמות פון יידישער וואָר-ווירקלעכקייט .זיין שאפן האט אין זיך מער בילדערישע, מער קינסטלערישע עלעמענטן. צו די לעבנס-געשעענישן און לעבנס-פראבלעמען פון איצט און אַמאָל איז ער צוגעטראטן מעשה-קינסטלער, מיט קינסטלערישע קאָמבינאציעס, פון וועלטלעכע פאָרמען און מעטאדן. זיין נשמה איז נישט אזוי פארשפינט און פארוועבט אין נעצן פון אלטער יידישקייט, און מהאי טעמא האט ער אריינטראָגן אומעטום שטיקער פון אייגענעם קינסטלערישן וועזן. ער איז אפטמאָל געקומען צו וועלט-פראבלעמען, וואָס זענען נישט געווען אינגאַנצן פון זיין עצם, נישט געווען דורך און דורך אויסגעטראָגן און אויסגעווייטיקט אין אייגעגעם האַרץ און נשמה. ער האָט מיט זיין וואַך הארץ אויפגענומען פראבלעמען, וואָס האָבן געלעבט און געשוועבט אין ארומיקן לעבן. ווי א קינסטלער האט ער זיי דערשפירט און באשטראלט דערנאָך מיט זיי זוניקן שאפן.

שלום אַש האָט גענומען שאַפן אין א צייט, ווען דאס יידישע לעבן איז שוין נישט געווען אינגאַנצן פארשלאָסן אין זיך, און ער אליין, לויט זיין כאַראקטער איז אויך מער מסוגל געווען ווי די פריערדיקע יידישע שרייבער אונטערצוואַרפן זיך אונטער דער השפעה פון זייטיקע, אויסערלעכע כחות. אזוי ארום איז ער געווען דער ערשטער אין אונזער יידישער ליטעראַטור, וואָס האט אָנגענומען פעסטגעשטעלטע אייראָפּעאישע ליטערארישע פאָרמען. און נישט אומזיסט איז ער געוואָרן מפורסם און באַליבט ביי נישט-יידן און אויך ביי יידן, וואָס זענען דערצויגן געוואָרן אויף פרעמדע ליטעראטורן, — ער איז ווייניקער יידישלעך געווען און מער-וועלטלעך פאר אונזערע ערשטע דריי קלאסיקער.

פאַר אַשן איז שוין דאָס יידישע לעבן, די יידישע ווירקלעכקייט נישט בלויז איין כלל, ער זעט שוין איינצעלנע זייטן, איינצעלנע ווינקלען אין יידישן לעבן. דאָס יידישע און מענטש-

לעכע, ווענוס און שולמית, שטעטל און שטאָט זענען ביי אים נישט קיין באזונדערע, פאנאנדערגעטיילטע וועלטן, מיט אטיפן תהום אין מיטן. דאָס יידיש לעבן איז פאר אַשן און ביי אַשן שטאַרק פארוועלטלעכט געוואָרן און אין פיל ווערק איז אַש נישט בלויז ייד, יידישער קינסטלער, נאר — מענטש, הומאניסט. נישט אומזיסט האט אַש ארויסגעפירט אין זיינע ווערק פיל טיפן נישט־יידן, אמתע גוים, נישט קיין יידישלעכע גוים, ווי ביי מענדעלע, שלום־עליכם און פרץ. און אין דעם איז דאָ אַ וויכטיקער צייכן פון דער מאדערנער צייט, אין וועלכע מיר לעבן; די געטא־ווענט פאלן זיך פאנאַנדער, און מיט זיין גאנצער יידישלעכקייט, איז אש דאך דער ערשטער וועלטלעכסטער שרייבער ביי אונז.

שלום אַש ווערט וואס ווייטער אלץ מער צעצווייגט, פאַנאַנדערגעוואָקסן. זיינע ווערק זענען אלץ וויכטיקע שטאפלען אין אשס וואקסן און שטייגן, און אויך שטאפלען און צייכנס פון אונזער קולטור־שאפן אין דער נייער צייט.

צו די דריי זיילן, אויף וועלכע עס שטייט דער נייער יידיש־ליטערארישער קונסט־בנין, איז צוגעקומען א פערטער, פעסטער זייל —

שלום אַש.

1925

דוד פרישמאן

כמעט פערציק יאר האט זיך געצויגן זיין רייך און פיל־פארביק ליטעראריש לעבן. ער איז געווען אַ גייסטרייכער ליטעראטור־מענטש, אליין דורך און דורך אַ ליטעראריש ווערק.

אריינגעטראטן איז ער אין דער העברעאישער ליטעראטור ווי אַן אמת „וואונדער־קינד״, און גלייך האט זיך אָנגעהויבן די לאַנגע קייט פון זיין פילזייטיקער, פראדוקטיווער ליטעראַרישער אַרבעט. פריער נאָר אין העברעאיש, שפעטער אויך אין יידיש און ענדלעך, די לעצטע יארן, ווידער כמעט־אויסשליסלעך אין העברעאיש.

דוד פרישמאַן איז געשטאַנען אין דער מיט פון דער העברעאישער ליטעראטור אין משך פון טעלעכע צענדליק יאר. און צוריק מיט אַ 20 — 25 יאר, ווען די יידישע ליטעראטור איז געווען געקניפט און געבונדן מיט דער העברעאישער און זי האט געצויגן דער עיקר יניקה פון די זעלבע העברעאיסטיש־משכילישע און בעל־הביתיש אינטעליגענטישע קרייזן,—איז דוד פרישמאן אויך געווען אין דער מיט פון דער יידישער ליטעראַטור -- און געמאָנט און גערופן, פּאָלעמיזירט און געטאַדלט. ס'איז געווען אַ ברייט פעלד פון ווילד־גראָז — די דאַמאָלסדיקע יידישע ליטעראַטור. די יידישע ליטעראַטור, הן אין העברעאיש, הן אין יידיש, האט זיך דאַן געפונען ·גאָר אין אַ נידעריקן גייסטיקן און קינסטלערישן מצב. אויסער אייניקע גליקלעכע אויסנאַמען האָט געהערשט אומעטום די פּוסטע מליצה, קינסט־לערישע אומבאַהאָלפנקייט. דער ערנסטער גערדאַנק, די אַקטועלע טאָג־פראגן, די וויכטיקסטע פּראָבלעמען זענען געווען

פאַרגאָסן מיט אַ ים צעפלאָסענע מליצות און בטלנות. און ווי אין פובליציסטיק, אַזוי אויך אין ליטעראַטור, אין פּראָזע און פּאָעזיע. די יידישע ליטעראַטור איז געווען אָפּגעבאַזונדערט פון גאר דער וועלט און געלעבט מיט קליינשטעטלדיקע מאָסן און באַגריפן, נישט געהאַט קיין דירעקטע, געזונטע השפעה פון די ארומיקע קולטורן, און אפילו די אָפּגעריסענע גרוסן פון דער ברייטער וועלט, ווען זיי זענען אריבערגעטראָגן געווארן „באהלי־שם" (אין די יידישע געצעלטן), זענען זיי ספּעציעל פאריידישלעכט געוואָרן. דער בטלן, דער בעל־מאמר, דער שיינער בעל־מליץ האט זיך ברייט פאַנאַנדערגעשפּרייט איבער דער פּרעסע און מאספים. און אין אט דעם תוהו־ובהו פון לעבן און שאפן איז געקומען דער יונגער דוד פרישמאַן מיט איידעלן חוש פאר ליטעראטור, מיט ברייטע פאָדערונגען פאר אייראָפּעאיזם און מיט זיינע שארפע פאמפלעטן איז ער ארויס קעגן בטלנות־דיקן געמייזאכץ.

דוד פרישמאַן איז בלי ספק איינער פון די וויכטיקסטע און געציילטע ליטעראטור און קולטור־בויער אין דער נייער און נייסטער העברעאישער ליטעראטור פאר די לעצטע פערציג יאָר. שוין די ערשטע עטלעכע לידער, וואָס ער האָט געדרוקט אַלס א יינגל פון דרייצן־פופצן יאָר — אין א. ב. גאָטלאָבערס „הבוקר אור" און אין פרץ סמאָלענסקינס „השחר" — האָבן פארוואונדערט די העברעאישע לעזער. פרץ סמאָלענסקין איז באַגייסטערט געווען פון דעם „נייעם שטערן, וואס האָט זיך באַוויזן אויף די הימלען פון דער העברעאישער דיכטונג". אגעוואַלדיקן רושם האָט געמאַכט אין עטלעכע יאָר ארום (1883) זיין העברעאישע בראשור „תוהו ובוהו",*) וואָס איז מיט אַן אויסערגעוויינלעכער אין יענער צייט דרייסטקייט און העזה אנגעפאַלן אויף דער בטלנות און מליצהדיקער פוסטקייט אין דער העברעאישער ליטעראַטור. דורך דער בראָשור איז פרישמאן —

*) תוהו ובוהו (סגלה לדבר אחר), נתונה ומסורה לכל עדת בני ישראל חוץ מן המחברים והגולים והסופרים, ווארשא, תרמ"ג. 60 זייטן.

באַך דאָן קוים 20 יאָר אַלט — גלייך פאַררעכנט געוואָרן פאַר איינעם פון די ערשטע קעמפער אין דער ליטעראַטור. פון דעמאָלט אָן האָט זיך אָנגעהויבן ביי ד. פרישמאַן אַ גייסטרייכע און פילפאַכיקע אַרבעט אויף אַלע געביטן פון דער ליטעראַטור. ד. פרישמאַן האָט געשריבן לידער, פּאָעמעס, דערציילונגען, קריטישע אַרטיקלען, פעליעטאָנען, וואָס אַ טייל פון זיי זענען אַריין אין 16 בענדער, מוסטערהאַפט איבערגעזעצט אין העברע־איש אַ גאַנצע ריי ווערק: א. בערנשטיינס 21 חלקים — „ידיעות הטבע" (1887), דזשאָרדזש עליאָטס — „דניאל דיראָנדע" (1893) יוליוס ליפּערטס — „תולדות השלמת האדם" (1899 = 1909), ה. שומאַכערס — „ביריניקה" (1905), ר. אַנדערסענס — הגדות וספורים (1906), פר. שפּילגאַגענס — „על שפת הים" (1906) פּושקינס — „שירים" (1909), לאָרד בייראָנס — „קין" (1910), ה. איבסענס — „נורה", טעאָדאָר הערצלס — „פיליטונים", פר. ניטשעס — „כה אָמר זרתוסתרא" (1912), א. אויילדס — „ממעקים" — (1919), ראַב. טאַגאָרס — „שוספי פרי", „גיטניאַלי", „הגנן", „חיטרא", „הירח העולה" (1922) אַ. פראַנס — „תאיס" (1922), און אַחוץ דעם רעדאַקטירט און אַרויסגעגעבן דעם „הדור" (1901, 1904), „ספרות (1910), „רשפים" (1911), „הבוקר" (טאָג־בלאַט, 1911), „התקופה" (זאַמלביכער, 1919־1921). דער אינהאַלט אַליין פון די גרויסע זעכצן בענדער פון „כל כתבי פרישמאַן ומבחר תרגומיו" (אַלע שריפטן פון פרישמאַן און זיינע בעסטע איבערזעצונגען), וואָס זענען אַרויס אין 1914 צו זיין 50־טן געבורטס־טאָג, באַווייזט וואָס פאַר אַ געוואַלדיקע אַרבייט ד. פרישמאַן האָט אָפּגעטאָן פאַר דער העברעאישער ליטעראַטור.

אין דער העברעאישער ליטעראַטור איז ער געווען דער דורך און דורך איינוויניקסטער מענטש, דער אָרגאַנישער בויער. מיט לייב און לעבן איז ער געווען געבונדן צו אַלע אירע ערשיינונגען, מיט אַ וואַך אויג און אויער צוגעזען און צוגעהערט צו אַלע תנועות און העוויות, אַריינגעדרונגען אין

אַלע ווינקעלעך און געפילט אויף זיך די אחריות און באַרופֿנ־קייט אויסצוּעקערען די בטלנות און אריינצוטראָגן אָן אויפהער און ביי אַלע געלעגנהייטן נייע וועלטלעכע מאָטיוון, נייע שאַ־פונגען. און ווי אַן אמתער פיינשמעקער האָט ער געשליפט דעם העברעאישן וואָרט, מיט ליבע און באַגייסטערונג געקעכלט און געצערטלט די שפּראַך, אליין אריינגעבראַכט דורך זיינע איבער־זעצונגען אָן אַ שיעור סטיל און שענקייט. אליין רעדאגירט דעם זשורנאַל „הדור" (דעם „גרויסן" „הדור" און דעם „קליינעם" „הדור"), „הזמן", די זאַמלונגען „רשפים" „התקופה א. א. וו.

אָבער אָט דעם שאַפונגס־פּאַטאָס און אימפּעט, וואס ער האט פאַרמאָגט בנוגע צו דער העברעאישער ליטעראַטור, שפּראַך און קולטור, האט פרישמאַנען געפעלט ביי זיין ליטעראַרישער אַרבעט אין יידיש. אין דער יידישער ליטעראַטור האָט ער זיך געפילט ווי אַן אורח, ווי אַ גאַסט. ער האט זיך, אפשר קעגן זיין אייגענעם ווילן, נישט געקאָנט באַפרייען פון דעם אמאָליקן קוק אויף דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור פון אויבן אַראָפּ, ווי אויף עפּעס אַ צייטווייליקע, פאַראיבערגייענדיקע ערשיינונג, אָן דער לדורות־זיכערקייט, וואס ס׳האט אים באַגלייט ביי זיין ליטעראַרישער אַרבעט אין העבראיש. זיינע יידישע ווערק זענען אין פאַרגלייך מיט זיינע העברעאישע ווערק ווי אָפּפאַלן פון זיין רייכן טיש אין העברעאיש, עס פעלט אין זיי דער גלאַנץ, די מייסטערשאַפט פון שפּראַך און סטיל. דערצו איז זיין אַרבעט אין יידיש געווען מיט גרויסע הפסקות אין מיטן.

דאס יידישע לעבן האט זיך גענומען ביטן. עס איז אויפ־געשטאַנען אַ נייער דור, וואס האט איבערגעריסן מיט דער פאַרעלטערטער קולטור און מיטן גאַנצן קליינשטעטלדיקן שפּינ־וועבס. די יידישע ליטעראַטור האָט זיך באַפרייט פון דער העגעמאָניע פון דעם משכּילישן בעל הביתל און זיך גענומען באַהעפטן צו די ברייטע פאָלקס מאַסן און אָנגעהויבן מיטלעבן מיט זייער לעבן. עס וואַקסט אויס צוביסלעך אַ נייע מאָדערנ־

יידישע קולטור, וואָס זוכט און געפינט נייע פֿאָרמען און נייעם סטיל. עס קומען אין דער יידישער ליטעראַטור נייע קרעפטיקע דיכטער און שרייבער. וועלכע שפּייזן זיך פֿון דעם נייעם פּאַטאָס און חיות פֿון דעם אויפגערודערטן יידישן לעבן. און אויך די פֿריערדיקע שרייבער ווערן מיטגעצויגן מיט דעם נייעם בּרויזנדיקן שטראָם און זענען ווי אָפּגעפרישט געוואָרן. דוד פרישמאַן אָבער איז פֿאַרבּליבּן ווי אַן אַ זייט דער זעלבער סקעפּטיקער און צווייפֿלער ווי אַמאָל, מיט דעם זעלבן ביטול-שמייכל אויף די ליפּן. אין דעם אַלגע-מיינעם אויפוואַכנדיקן אויפבּרויז אין דער יידישער ליטעראַטור האָט דוד פרישמאַן נישט געקאָנט מיטגיין און מיטשאַפֿן.

אין די לעצטע יאָרן פֿון זיין לעבן, ווען ער איז געווען פֿול מיט אַרבּעט און פּלענער פֿאַר דער העברעאישער ליטע-ראַטור, האָט ער די יידישע ליטעראַטור כמעט ווי פֿאַרלאָזט. ער האָט פֿאַר איר קיין באַגייסטערונג און קיין ברכה נישט געהאַט.

אָבער ס'וועט זיין אומגערעכט ניט צו דערשאַצן זיין וואָרט און באַטייטונג אין פֿאַרשיידענע פּעריאָדן, איבּערהויפּט פֿאַר דער יידישער פּרעסע. צייטנווייז זענען זיינע פֿעליעטאָנען אין יידיש געווען אַ חידוש, אַן איבּערראַשנדיקער חידוש אין אונזער צייטונגס-ליטעראַטור. און דאָס אָפּצושאַפֿן ווי-געעריק וואָלסטו געקאָנט זיינע „צייטונגס-גענאָסן”, וואָס זענען מיט אים צוזאַמען געשטאַנען בּיי דער טאָג-אַרבּעט.

יידיש האָט פרישמאַן אָנגעהויבּן צו שרייבּן אין 1888 (אַ ליד אין פּעטערבּורגער „יידישן פֿאָלקס-בּלאַט”). אין דעם זעלבן יאָר האָט ער אָפּגעדרוקט אַ ראָמאַנטישע פּאָעמע „אופיר” בּיים שלום-עליכמען (אין דער „יידישער פֿאָלקס-בּיבּליאָטעק”) וואָס האָט שטאַרק אויסגענומען בּיי שלום-עליכמען און בּיי דער דעמאָלסדיקער קריטיק. פֿיל האָבּן געהאַלטן די פּאָעמע פֿיל אינטערעסאַנטער, ווי פּרצס „מאָניש”, וואָס איז געווען געדרוקט אין זעלבּן זאַמלבּוך, ווו פרישמאַנס „אופיר”. אַן אויסוואַל פֿון פרישמאַנס יידישע ווערק איז ערשינען דערנאָך אין פֿינף בּענדער, (טעאַטער און ליטעראַטור, שאָטנבּילדער, פֿעליעטאָנען

און 2 בענדער דערציילונגען). די אַלע זאכן, וואס זענען אריין אין די בענדער, זענען דער עיקר איבערזעצונגען פון זיין העברעאישן שאַפן. דערמיט שעפּט זיך געוויס נישט אויס אפילו אַ טייל פון פרישמאַנס שאַפן אין יידיש, וואס וואַרט ערשט, מ׳זאל עס צונויפקלייבן און גרופּירן.

* * *

אומצופרידנקייט און נישט־באַפרידיקייט — דאס איז געווען דער הויפּט־יסוד פון זיין שאַפונגס־טעמפּעראַמענט. פון אויפרעגונגס־שטאָף האט ער געשאפן פּאָזיטיווע דאס איז געווען אָנגעמאסטן פאר דער צייט, ווען ער איז צוערשט אַרויסגעטראָטן אין דער העברעאישער ליטעראַטור. דעמאלט האט זיך די ליטעראַטור געפונען אין גאָר אַ נידעריקן מצב. און דער „בעזים", מיט וועלכע דוד פרישמאַן האט זיך גענומען אויסצוקערן דעם מיסט פונם געמויזעכץ, האט טאקע געהאט אַ סך וואס אויסצוראַמען.

די דאזיקע קאַמף־לוסטקייט האט פרישמאַנען נישט אָפּגעלאזט אפילו דעמאָלט, ווען די ליטעראַטור, — די העברעאישע און יידישע, — האט אנגעהויבן שאַפן באדייטענדע ווערק, וואס האבן געקענט צופרידן שטעלן מענטשן מיט אַ פיינעם חוש. אויך דאן האט ער זיך נישט אויפגעהערט צו פילן אין דער ראָלע פונם איינציקן קערער און רייניקער. און אט דאס געפיל פון שטענדיקער אומצופרידנקייט האט אים פיל מאָל אַראָפּגעפירט פון וועג. דאס שטענדיקע לייקענען און טאדלען האט אים דערפירט זייער אָפט ביז אבסורדען. גענוג צו דערמאָנען זיין אומגערעכטע, פיינדליכע באציהונג צו פּרצן. אין יאר 1894, האט ד. פרישמאן ארויסגעלאזט שאַרפע פּאמפלעטן קעגן פּרצן אונטערן פּסעוודאָנים א. גאָלדבערג („לאָקשן", אַ פלוי פון תשעה באב"). ער האָט נישט אויפגעהערט אָנצופאלן אויף פּרצן, ווען פּרצס טאלענט האט שוין דערגרייכט זיין העכסטע מדרגה. מיט די זעלביקע מאסן און ווערטער, וואס ער איז צוגעגאנגען אַ מאל צו דער בטלנישער מאמריסטיק, האט ער שפּעטער געפּרואווט „ארונטעררייסן" פּרצס גייסטרייכע שאפונגען. ער האט

געוואָלט זיין שטענדיק צו ניכטער און צו־קלוג און דער אַרט־קוקן פון אויבן־אַראָפּ האט אים קיינמאָל נישט אָפּגעלאָזט, און אין צושטאנד פון „אָפּענסיווע" איז פרישמאַן געווען צו דעם רוב יידישע און העבראַישע קינסטלער, אויף וועלכע ער האט ניט אויפגעהערט צו קוקן פון אויבן אַראָפּ. צוליב איינצלהייטן (אַמאָל אפשר גאַנץ וויכטיקע) האט פרישמאַן אָפטמאָל פארזען דאָס גאַנצע, גרויסע. ער האט געזוכט און געווען צופרידן צו געפינען דאס נישט־רייפע, נישט־אויסגעטראגענע, קאָמישע און לעכערלעכע, און דאָס האָט פאר אים פארשטעלט דאָס באַדייטענדע. ער האָט הנאה געהאַט צו קומען גראָד צו דעם אָנגענומענעם און פאַרהייליקטן און מיט בייזער צופרידנקייט אַראָפּרייסן דעם שלייער און אַריינלאַכן גלייך אין פנים אריין. דאָס שטענדיקע אָנגעשטויסנקייט, דער שטענדיקער ביטול־געפיל צו אַלץ, וואָס דער יידישער גייסט שאַפט, האט געבראַכט דערצו, אז ער איז ניט געווען ביכולת באַגייסטערט צו ווערן פון דעם אמת־טאַלענט־פולן, וואָס דער וועלטלעך־יידישער גייסט האָט געשאַפן. און ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן האט ער אַלץ נישט אָנערקענט און נישט געוואָלט אויפנעמען די יידישע ליטעראַטור, ווי אַ פאַקט פון גרויסער, וויכטיקער קולטורעלער און קינסטלערישער באַדייטונג.

און אין דעם זין איז דוד פרישמאַן באמת געווען אַ טראַגישפולע פערזענלעכקייט. געלעבט שטענדיק מיטן יידישן שאַפן, און גלייכצייטיק שטענדיק געווען אויפגערייצט און אומצופרידן. אַליין געזייט און געפלאַנצט און אַליין מיט כעס אויסגעריסן די פלאַנצונגען און פאַרטיליקט זיי. און דעריבער, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער איז דורכאויס געווען געבונדן מיט דעם יידישן שאַפן די לעצטע צוואַנציק דרייסיק יאָר, איז ער דאָך נישט אינגאַנצן איינגעפלאָכטן אינעווייניק. ער, דער דורכויס ליטעראַטור־מענטש, איז פאַרבליבן ווי אַרום דער ליטעראַטור, — באַאָבאַכטער, צוקוקער און אויסקוקער. אַליין געשלעפט און מיטגעשלעפט דעם גייסטיקן וואגן פונם יידישן נייעם וואָרט און

ווען דער וואָגן האט זיך געריררט פון אָרט און אַוועק אויפן ברייטן שליאַך פון שאַפן, — איז ער געבליבן שטיין אָן דער זייט, פון ווייטן.

און דערצו קומט נאך צו די טראַגעדיע פון אט דער עמפינדלעכער, פילזייטיקער און דורך ליטעראַרישער פערזענלעכקייט, וואס צו אַלץ אין לעבן און ליטעראטור (וואָס איז געווען ביי אים פיל מער ווי לעבן) איז ער צוגעגאַנגען נישט אוממיטלבאַר, נישט אַליין, נישט מיטן גאַנצן אייגענעם וועזן, נאר ווי צו אַ שטאָף פאַר ליטעראַטור, און ליטעראַטור — דער עיקר נישט פאַר זיך, נאָר פאַר אַנדערע, נידעריקערע און באַשרענקטערע פון אים. און אין דער הינזיכט — פון פריידיקן שטענדיק זאַכן פאַר יענעם — איז ער געווען דער גרעסטער היפוך פון זיין בן־הדור מיכה יוסף בערדיטשעווסקי, וועלכער איז אין זיין גאַנץ לעבן־שאַפן קיין איין רגע נישט אַוועק פון זיך, פון זיין אייגן האַרץ און ווילן און שטענדיק געזוכט אינ־האַלט פאר זיך גופא, פאַר אייגענער נשמה און אייגענעם וועזן, און ממילא זענען זיינע אייגענע זוכענישן געוואָרן די זוכענישן און דערגרייכענישן פון זיין דור.

פרישמאַן האָט דער עיקר געלעבט אין ריין־ליטעראַרישע היכלות, אין אַבסטראַקט־ליטעראַרישע הויכן און ווי נישט גע־וואָלט אויפנעמען די ליטעראַטור ווי אַ נאַטירלעכן פּראָדוקט, וואָס וואַקסט אויס אין דער געגעבענער סביבה. ער האט זיך ארומגעטראָגן — פריער גאַנץ באַוואוסטזיניק און דערנאָך שוין קעגן זיין אייגענעם ווילן און וויסן אפשר — מיט פרעמדע מאס און וואָג. ער האט שטענדיק אַריבערגעקוקט ווייטער, געזען אַלץ דאָס פרעמדע, און דאָס אייגענע, היימישע לגבי דאָס פרעמדע האָט אויסגעזען ביי אים נישטיק און בלייך.

און פון דעם האָט זיך גענומען זיין פלייסיקער ווילן איבערצוטראָגן וואָס מער פון דאָרט — אהער. ער האט געוואָלט פארפולן די געוואַלדיקע בלויזן אין דער העברעאישער ליטעראַטור און זיך אַליין צו אַלץ גענומען, און אליין אַלץ

געטאָן: איבערגעזעצט בערנשטיינס „ידיעות הטבע" און דזשאָרזש עליאָטס „דניאל דירונדה, בייראָנס „קין" און שומאַכערס „ביריניקה", אַנדערסענס מעשהלעך און ניטשעס „זאַראַטוסטראַ", און טאַגאָרן, איבסענען און, שעקספירן און פראַנסן...

און מאָדנע: דוד פרישמאַן, וואָס האָט אַן אויפהער געמאָנט גאַנצקייט, פולקומענהייט און גייסטרייכע אָרגאַנישקייט — איז געשטרויכלט געוואָרן מיט דילעטאַנטישקייט, וואָס האָט געמוזט אים פירן צו צעוואָרפנקייט. ער האָט אין זיין קינסטלערישן שאַפן ניט דערגרייכט צו דעם איין צענטער, צו וועלכן אַלע זיינע רמ"ח אברים זאָלן זיין געווענדט. זיין פילפאַכיגקייט אין שאַפן איז פון איין זייט אַ באַווייז פון גרויס עשירות, פון רייכע אינטעלעקטועלע אוצרות, פון אומגעהויערער שנעלער עמפינדלעכקייט, אָבער גלייכצייטיק אַ סימן פון צעשטרייטקייט און צעשפּליטערקייט.

ער האָט ניט געהאַט קיין פעסטע לעבנס אידעאָלאָגיע; קיין ריכטונג און באַוועגונג האָט אים נישט פאַרכאַפּט; ער איז געווען ווי אַ פרייער פויגל, טענדענצלאָז אין קונסט. ביי אונז טרעפט אזוי אָפט, אַז אַרויסטרעטנדיק קעגן טענדענציעזער קונסט, לייקנט מען לגמרי אָפּ, אַז אַ קונסטווערק מוז האָבן אַן אידעע און מען קומט אזוי צו דער בעצם־פוסטער טעאָריע פון קונסט לשם קונסט. אמת אַ ווערק, וואָס איז לכתחילה געשאַפן נאָר צוליב אויסערלעכע כוונות, האָט נישט צוטאָן מיט קונסט, אָבער יעדע אינטערעסאַנט, גרויס ווערק וויל עפּעס, שטויסט עפּעס אָפּ, צייט עפּעס צו — האָט אַן אידעע, און וואָס גרעסער דער קינסטלער איז, אַלץ גרעסער איז די אידעע, וואָס ליגט אין בוך, אַלץ מער לערנט עס, אַלץ מער באַווייזט עס. דוד פרישמאַן האָט אַלע זיינע יאָרן געלעבט אין דער אַבסטראַקטער, בלויז־ליטעראַרישער וועלט, ער האָט ליב געהאַט ליטעראַטור לשם ליטעראַטור; ליטעראַטור איז ביי אים געווען אַלץ, דער אָנהייב און סוף פון זיין גאַנץ וועזן, און ער האָט זי אויסגעטיילט און אויסגעשיילט פון ברייטע פּאָליטיש־

געזעלשאַפטלעכע שטחים. און אַפילו זיין דראַנג נאך אייראָפּע איז געווען ביי אים נאר אן אַבּסטראַקט־ליטעראַרישער, אן אויבּנאויפיקער, אבּאָדענלאָזער, אָן דעם ממשותדיקן היס־טאָריש־נויטווענדיקן מוז פון אפאָלק, וואָס רייסט זיך פון זיין געטא צו וועלטלעכקייט. און דעריבער איז פרישמאַן שטענדיק געקומען פון אויסן און ניט פון אינעווייניק, געבענקט נאך וועלטלעכקייט און זי פארזען, ווען זי האט זיך מיט רויש און רעש אַרייגעריסן דורך דער יידישער ליטעראַטור אין יידישן לעבן, פאַרזען זי, נישט־אָנערקענט זי און געבליבן איר פרעמד און פאַרפרעמדט.

א גייסטרייכע נאטור, א טראגישע פערזענלעכקייט.

ער האָט פארמאָגט פיל קינסטלערישע ווירטואָזקייט. און אט די ווירטואָזקייט האט ער נישט עקספּלאָאַטירט ווי ס'דאַרף צו זיין. ער איז וויניק באַגרענעצט געווען, ווי ס'פּאַסט פאר א מייסטער־ווירטואָז, און צופיל געווען אונטער דעם איינדרוק פון אויסנווייניקסטע כוחות און השפעות און דעריבער ליגט דער צענטר זיינער נישט אין די הונדערטער לידער, דערציילונגען, פעליעטאָנען, עסייען, נאר מער פון אַלץ אין דער פילזייטיקער און פילפאַרביקער פערזענלעכקייט, וואס איז געווען אזוי קאָלאָ־ריטרייך און וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען —

דוד פרישמאַן.

1922

מיכה יוסף בערדיטשעווסקי

זיין שרייבן איז געווען ביי אים אַ הייליקע עבודה. ער .. ו געווען אַן אָפּגעבאַזונדערטער, געזעסן ווי אַ פּאַרצייטיקער עובד אין זיין אהל, און כל ימיו ערליך און טריי געדינט דער יידישער מחשבה, דעם יידישן גייסט, דער יידישער פּערזענלעכקייט. און אַלץ איינס וועגן־וואָס ער האט געשריבן, צי וועגן די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פון יידישן לעבן, צי גאָר דערציילט אַ פּשוטע מעשה וועגן אַ ייד מיט אַ יידענע, אָדער וועגן אַ בחור מיט אַ מיידל, — אין אַלץ איז געווען טיפער ערנסט און וואונדערבאַרע פּשטות. ער האט נישט געשאַפן דאס גרויסע ווערק, אין וועלכן ס'זאָל זיך אַנטפּלעקן זיין רייכע פּערזענלעכקייט, אבער אַלע זיינע ווערק זיינע ליכטיקע שטראַלן פון זיין רייכער זון.

פון זיינע ערשטע טריט אין דער העברעאישער ליטעראַטור האט ער געפרעגט שאלות, געוואָלט אויספּלאָנטערן דעם פּלאָנטער, וואס עס האט זיך געשאַפן אין דעם לעבן און דענקען פון דעם נייעם ייד. און זוכנדיק וועגן און אויסוועגן, האט ער אליין געפירט אין נייע לאַבירינטן... ער האט געהאַלטן אין איין צעשטערן, צעברעכן, אבער פון אונטער די חורבות פון די אומגעוואָרפענע וועלטן, האָט ער געבויט, אויפגעשטעלט נייע בנינים. ער האָט נישט געקאָנט פאַרליידן קיין האלבקייטן, געוואָלט לעבן אַ גאַנץ, פול לעבן פון אַ מאָדערנעם מענטש, אבער לסוף צוריקגערופן אַוועקגעשטויסענע גייסטער און זיי פונסניי אויפגעלעבט. ער האָט זייער פיל געלייקנט, און די אַלע ספקות, דאס גאַנצע פאַרלייקענען האָבן געשטאַמט פון אייגענע אויסגע־

וויטיקטע טיפקייטן און נישט סתם „לתפארת המליצה”. ווען ער איז אַרויס מיט אַן אַרטיקל אדער דערציילונג־שילדערונג, האט ער פריער דאָס באשריבענע אדער געשילדערטע אליין קרענק־לעך און ליידנשאַפטלעך איבערגעלעבט, און זיין שרייבן איז דער אָפּקלאַנג פון אינעווייניקסטע ווייען. ער האט געמעגט אָן ספק זאגן: „מבשרי אחזה אלה” — פון מיין אייגן וועזן האב איך געזען גאָט —, אָן אויפהער האט ער געהאלטן אין איין דערקענען גאט און צו פאַרשטיין זיינע דרכים. און לייענען מיר פיל פון זיינע קורצע באמערקונגען, נאטיצן, די כלערליי „דברי־חזון”, האבן מיר דאס געפיל, ווי מיר לייענען כתבים פון אַ קדוש, פון וועלכע ס'רעדט ארויס אַן אָפּנבארונג, אַן אנטפּלעקונג.

ס'ליגט אין אים די נשמה פון ר' נחמן בראסלאוו אין אַ נייעם הייגטצייטיקן גלגול: פשוטע מעשה מיט העכערע כונות, געוואַלדיקע ליבע צום לעבן און צום פאלק ישראל, דבקות און עמקות, רירנדע צארטקייט און פארבאָרגנקייט, צניעות און שטאָלץ...

בערדיטשעווסקיס לעבנס־וועג אין אינגאַנצן פאַרבונדן מיט זיין שרייבן, זיין שרייבן קומט דורכויס פון זיין דענקען און פילן. זיין בעלעטריסטיק און פובליציסטיק שפיגלען אזוי ארום אָפּ אויף אַ וואונדערלעכן אופן די אידעען־וועלט און לעבנס־וועג פון איינעם פון די אינטערעסאַנסטע יידישע פערזענלעכקייטן פאַר דער לעצטער צייט. זעלטן ווער פון יידישע שרייבער איז אַזוי געקניפּט און געבונדן מיט זייער שאַפן ווי בערדיטשעווסקי. קיינמאָל האָט ער זיך נישט באַפרייט פון זיך אַליין, ער איז סוביעקטיוו ביז דעם העכסטער גראַד. זיינע אַלע געשילדערטע יונגעלייט זענען ברעקלעך פון זיין אייגענער נשמה, שטראַלן, וואָס שאַנען אַרויס פון זיין אייגן האַרץ. און די יונגע־לייט, די טיפן, ענדערן זיך, מאַכן־מיט דעם וועג צוזאַמען מיטן אויטאָר. און אַפילו אין זיינע שטעטל־בילדער לעבט מער בערדיטשעווסקיס דיכטעריש האַרץ, ווי דאָס קינסטלערישע אויג. אומעטום לעבט און ס'איז וואַך פיין און ווייטאָג, פראַגן און זוכענישן, ווי אַזוי אויפסגיי צו שאַפן די האַרמאָניע אין דעם סתירותפולן יידישן

לעבן. די ניכן ווייסן פון קיין רו נישט, נאַקעטע נשמות, גריבּ־ לער און זוכער...

זיינע אלע ווערק פון די ערשטע יארן דערציילן אונו אויף פאַרשיידענע אופנים זיין דראנג און שטרעבן צו באפרייען זיך פון פאָטערס־ירושה, אויסוואָרצלען יעדן זכר און שורש פון בית־המדרש, אומברענגען אל די מדות און מנהגים פון יידישן ספר און זיך באַהעפטן מיט וועלטלעכער קולטור, מיט וועלטלעכע מאָסן און באגריפן. און זיינע אַלע נאוועלן, קורצע ראָמאנען, אָפנהארציקע אַרטיקלען, וועלכע זענען ווי אינטימע בלעטער פון אן אויפריכטיקן טאָגבוך, גיבן איבער וועגן דעם קאמף און געראנגל, וואָס עס קומט פאר אין זיין אויפגערעגטע מוח און האַרץ. ווייל וואס מער ער האט געריסן די „חבלי־ירושה" — די ירושה־שטריק,—אַלץ גרעסער זענען געוואָרן די טיפע ווייטאקן פון די אפענע וואונדן. אין זיין העבּרעאישן בוך „מחנים" (צוויי מחנות) דערציילט ער נאך וועגן העלד—וועגן זיך: „ווען ער האָט פארלאזט זיין פארשאלטענע געבורטס־שטאָט, האט ער געשווארן זיך קיינמאָל מער נישט אומקערן צו איר. קיינמאל וועט ער נישט פאַרשוועכן זיין שבועה. ער האט שוין מער קיין פאלק נישט און קיין געבורטס־שטאָט נישט. ער איז אינגאַנצן א פרייער מענטש, וואס לעבט זיך פאר זיך אָן קיין שום משפחה־פארבינדונגען און אָן קיין שום ירושה־ערינערונגען. ער האט קיינע ערינערונגען און וויל פון זיי כּלל נישט וויסן". אין אן אנדער ארט אינם זעלבן בוך טראַכט בערדיטשעווסקיס העלד אזוי: „ער וועט איבערהאקן מיט איין מאָל אַלע שטריק און וועט ווערן אינגאַנצן פריי. ער וועט פארלאָזן דעם לעצטן דור, צו וועלכן ער האט נאך א שייכות און וועט ווערן א נייער מענטש, א זון פון אן ערשטן דור". אזעלכע זענען בערדי־ טשעווסקיס יונגע־לייט אין זיין ערשטער קאמף־תקופה. אבער אין א סך יארן אַרום, נאך פיל מאטערענישן, זוכענישן, פארצווייפלונ־ גען און פלאָנטערענישן, שטייט ווידעראַמאָל פאר אונז דער יידישער יונגערמאן מיט א ווייטאקדיק האַרץ און אויפגערעגטן

געמיט און מאַנט בײַ זיך און בײַ זײַן געוויסן: „ער האָט אַ געפיל, אַז ער דאַרף אונטערפירן אַ גאַנצן חשבון מיט זײַן לעבן, אָנ-הייבן זיך אײַנקוקן אין די אָנהייב-מעשים, אַרײַנדרונגען אין זייער מהות און אויסצײַלן איינציקווײַז-אײנציקווײַז זײַנע אינע-ווייניקסטע פעלערן און די חסרונות פון זײַן לעבן („הזר"-דער פרעמדער). ער האָט איין קניפּ פאַנאַנדערגעבונדן און זיבן נײַע זענען אויף דעם אָרט געוואָרן. ער באַשליסט אַפילו חתונה האָבן פאַר אַ פרעמדע, אַ גויה. „גיין מיט איר אין אַ ווייטן לאַנד. צו זײַנע עלטערן און חברים וועט ער נישט שרײַבן, וועט אויפהערן צו לייענען יידיש, אויפהערן זיך צו אינטערעסירן מיט דעם, וואָס עס טוט זיך בײַ יידן, און אָן עלטערן-ירושה און אָן עלטערן-יסורים וועט ער מיט איר לעבן אין פרייד און פאַרגעניגנס פון פרײַעם לעבן". אָבער עס העלפט נישט. אין דער שטיל רײַסט דאָס האַרץ און בענקט נאָך דער היים, נאָך היימישעס. און אָפּגעריסן פון אַלץ און אַלעמען, קומט אויף פאַר זײַנע אויגן די יידישע וועלט מיט אירע שאַטנס, מיט אירע קרומע געסלעך, און זי ווערט נאָך מערער אײַנגעבאַקענער אין האַרץ. און אַט דער צוריקקער, די בענקעניש און לעכצעניש צוריק אַהיים איז איבערגעגעבן אין פיל בערדיטשעווסקי ווערק מיט אַזאַ ליידנשאַפטלעכע אויפריכטיקייט און רירנדיקער האַר-ציקייט.

פריער איז ער ווי געשטאַנען אויף אַ הויכן באַרג און פון דאָרט גערופן, געמאָנט, געטייטלט און אָפּטמאָל זיך גע-בייזערט און באַשולדיקט. שפּעטער האָט זײַן שטים אָנגעוואוירן די פריערדיקע זיכערקייט, די אויסגעשטרעקטע, טײַטלענדיקע האַנט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט. ער האָט זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקל און זײַן האַרץ האָט געגומען בענקען צוריק אַהיים, פון וואַנעט ער איז אַמאָל „אַנטלאָפן". און זײַן אַמאָליק רופן און זײַן אַמאָליקע זיכערקייט האָט איצט אויסגעזען אין זײַנע אייגע-נע אויגן ווי מעשה-נערות. אָבער זאָל נישט געמיינערט ווערן דער ווערט פון בערדיטשעווסקין דעם קעמפער און צעשטערער.

גרויס איז געווען זיין השפעה אויף דעם מאָדערנעם יידישן גייסט און אויף דער נייער העברעאיש-יידישער ליטעראַטור. ער איז דאך געווען דער ערשטער, וואָס האט מיט אזא ליידנשאַפט און ערנסט גענומען איבערשאצן אַלע ווערטן, אנטפּלעקט שטענדיק די אינעווייניקסטע ריסן („קרע שבלב") און געהאַלטן אין איין מהרס זיין. און אליין האָט ער געטענהט, אז ער קומט נישט „צו פאַרפעסטיקן געדאַנקען, נאָר דערוועקן געדאַנקען". ער קומט נישט „צו פאַרענטפערן, נאָר פרעגן און ווידעראַמאָל פרעגן"...

אין משך פון פיל יאָרן האָט ער זיך מתוכח געווען מיט זיין גרעסטן היפוך אחד-העם. יענער איז געווען דער דאָגמאַטיקער, אַן אָפּגעשטעלטער, פאַרשטייפטער דענקער-געזעצגעבער, און בערדיטשעווסקי — דער שטענדיקער צווייפלער, בונטאר און נישט-באַפרידיקטער. אחד-העם איז געווען דער פוסק, פאַרריגלט און פארחתמעט געדאַנקען, אנשויאונגען, אידעען, בערדיטשעווסקי האט צעשאָקלט געשטעלטע אידעען, אויפגעטרייסלט. מיכה יוסף בערדיטשעווסקין איז געווען ענג אין די יידישע פאַרשטייבערטע מויערן און ער האט א לאנגע צייט געוואָלט דעם ספר אויף אַ שווערד פארבייטן (אָנשטאָט ספרא — סיפא). און נישט אומזיסט איז ער געווען אַזאַ באגייסטערטער פאַרערער פון פרידריך ניטשע און געוואָלט און גערופן צו ענדערן דעם יידישן מעשה-בראשית. אחד-העם, פאַרקערט, האט אַלץ באַפעסטיקט די יידישקייט, געצוימט צוימען ארום דעם יידישן מוסר. יאָרלאַנג האָט זיך געפירט דער אינטערעסאַנטער געראַנגל צווישן די צוויי סתירותדיקע יידישע דענקער-פערזענלעכקייטן, — דער אינטערעסאנסטער יידישער אידעען-געראנגל אינם אָנהייב פון הייַנטיקן יאָרהונדערט. ער פארקערפּערט מיט זיך דעם מהות, דעם תמצית פון דעם יידישן שטורם און דראַנג-פּעריאָד פון גאַנצע תקופות אין אונזער נייעם קולטור לעבן.

און וואונדערבאר איז דער אידעען-גאַנג און ענדערונגס-פּראָצעס ביי בערדיטשעווסקין ביז ער איז געקומען צוריק צו

פאַרהערלעכן און פאַרגעטערן דעם יידישן אַמאָל. פּאַמעלעך און בהדרגהווייז איז ער צוריק געקומען צום אַלטן, — און די אַלע גלגולים פון זיין צוריקוועגס זענען ביז גאר אינטערעסאַנט. זיי זענען דורך בערדיטשעווסקין אויף פאַרשיידענע אופנים דער־ציילט און אויפגעקלערט אין זיינע אייגנאַרטיקע אויפריכטיקסטע אַרטיקלען־וידוים.

ער האט זיך דערוויטערט פונם טומלדיקן לעבן, זיך אַלץ־מער אָפּגעבאַזונדערט אין אַ מין אסקעטישער התבודדות מיט אייגענע געדאַנקען־געפילן, זיך איינגעאַנצן אָפּגעגעבן דער יידישער פאַרגאַנגענהייט און גענומען אויפזאַמלען די יידישער אגדות פון גאר אַמאָליקע צייטן ביז איצט.

צוריק מיט אַיאָר צוועלף־דרייצן האָט ער געשריבן:

„נישטאָ מער קיין וועג אויף אויסלייזונג, און נישטא קיין אויסגאַנג. נישטא קיין גלייכער ווילן און נישטא קיין גלויבן — און עס האט זיך אויסגעלאָזט דער כּוח צו טראָגן און טענות צו האָבן... גיב דעם פאָלק נאָך אַמאָל נייע לוחות, אדער צע־ברעך זיי פאַר זיינע אויגן — און עס איז נישטאָ קיין קול, נישטא קיין אויער, וואס זאָל פאַרנעמען און נישט קיין הארץ און געפילן... נישטא ביי אונז קיין פאַראייניקטע געגנוואַרט, נישטא קיין לעבן פון אַ לעבעדיקן צבור. מיר זענען איצט אפילו קיין עדה נישט. יעדער איינער צו זיין זייט, יעדער — אין זיין געצעלט, הגם עס האלט שוין ביים איינפאַלן... מיר זענען איינזאַם, איינזאַם אין אונזער מערב... אַזוי דרייען מיר זיך ארום אייניציקווייז, אייניציקווייז. אונזער נשמה, וואס האט זיך געריסן צום לעבן און ליכט פון מאָרגנדיקן טאָג, וויקלט זיך ארום אין אבלות. און די, וואס האבן געהאָפט אויף אַ צוקונפט און זי איז נישט געקומען, אויף אַ געגנוואַרט און זי איז נישטא, — אַלע קריכן אַוועק איינער־איינער און שטילערהייט קומען זיי אין אונ־זער אַלט־אַלטן בית־המדרש, נעמען ארויס די אַלטע כתבים און די גרויסע פאַרמעט־ספרים פון ספרים־אַלמער, בלאָזן אַראָפּ פון זיי דעם שטויב, עפענען זיי אויף מיט שווערן געמיט און זעצן

זיך און קוקן אין די שאָטנס, וואס שטייען אויף פון זייערע קברים״.

צווישן די אלטע כתבים און פארמעט־ספרים האט בערדיטשעווסקיס נשמה פונסניי אויפגעלעבט און אויפגעשיינט. אַ באַייטער, אָפּגעפרישטער האָט ער ווידער געשאַפן אַ ריי דיכטערישע ווערק. ער האט זיך אפילו אַן אנדער נאָמען געגעבן — מיכה יוסף בן גורין — און אויפגעשטעלט אַ פּראַכטפולן בנין — זיין „מני־קדם״ — די יידישע אגדות אין פאַרשיידענע צייטן, אין וועלכע עס אַנטפּלעקט זיך די יידישע נשמה, אָנגעהויבן פון ספורי־בראשית ביז די לעצטע יידישע פאָלקס מעשיות...

גאָר אַ באַזונדער אָרט פאַרנעמען ביי מיכה יוסף בערדיטשעווסקין זיינע „יידישע כתבים״, אָדער ווי ער רופט זיי אַליין אָן: „יידישע כתבים פון אַ ווייטן קרוב, איבערגעגעבן צום דרוק על ידי מיכה יוסף בן גריון (ברדיצבסקי)״.

אויב אין די העברעאישע ווערק האבן מיר דעם אָפּקלאַנג פון זיין שטענדיקן גיין, וואַנדערן, זוכן, פרעגן און אָפּפרעגן, וואַרפן און אומוואַרפן, איז זיין יידיש שאפן — גאַנץ, פּרימיטיוו, פאָלקסטימלעך, שטיל. אין העברעאיש לעבט מער בערדיטשעווסקי דער דענקער, אין יידיש מער דער דיכטער, דאָרט — מער מחשבה, דא — מער נשמה. דאס יידיש ביי בערדיטשעווסקי איז ביי אים אַ ווינקעלע, וואו ער קומט אריין מיט האַרציקע, היימישע, אינטימע טענער און מאָטיוון, וואָס ער האט אַ צייט פארשוויגן, פארשטיקט אין זיך. ער וואַרפט אַראָפּ די זיבן־קליידער פון וועלט און וועלטלעכקייט, פון מחשבותן און פּראָבלעמען, גלעט־אויס די קנייטשן אויף דעם אינטעלעקטועלן שטערן און באהעפט זיך צו דעם פאָלקס־שאפן, צום אַמאָליקן פשוטן יידן, צו זיין שפּראַך, סטיל און אינהאַלט. בערדיטשעווסקי דערציילט פּרימיטיווע פאָלקס־מעשיות, ברענגט פשוטע האַרציקע שמועסן, איבערגעדיכטעטע יידישע אגדות. און אָפטמאל. אריינ־

לאזנדיק זיך אין דעם סטיל און פאָרם פון דעם פשוטן המון, ווערט בערדיטשעווסקי אַריינגעצויגן אין דעם טאָן און ווערט אָן די קינסטלערישע מאָס און דאַן באַקומען זיך סתם־שמועסן פון אַ פשוטן יידן, וואָס איז זייער באַרעדעווודיק. אזעלכע זאכן זענען צעוואָרפן איבער די זעקס ביכלעך און דערהויפּט אין זעקסטן ביכל „דברי קודש און דברי חול”, וואו ס'קומען נאָכגעמאכטע „חקירות” פון באַרעדעוודיקע עלטערע יידן.

די „יידישע כתבים” זענען א וויכטיקע דערגאַנצונג צו דער וואונדערבארער פערזענלעכקייט פון מיכה יוסף בערדי־טשעווסקי. דאָס איז די א ג ד ה־טייל, — דאָס האַרציקע, לעגענ־דארישע, — אין דער ה ל כ ה ־וועלט פון דעם גרויסן גייסטרייכן יידישן דענקער. מיר דאַרפן די „כתבים” אויפנעמען נישט נאָר ווי „שיחת־חולין” פון א יידישן תלמיד־חכם, עס איז א צווייטע וועלט, אַן אייגנאַרטיקע, קאָלאָריטרייכע ביי בערדיטשעווסקין.

מיר געפינען דא א נייעם בערדיטשעווסקי, א צווייטן, וואס איז נישט גאָר ענלעך אויף דעם העברעאישן. אויך זיין יידישער סטיל איז אַן אנדערער, געענדערטער. אין העברעאיש, וואָס ער האָט אָן אויפהער געשריבן א 30 יאָר, איז זיין שפּראַך א שווערע, אַן אומרוהיקע: ער מאַטערט זיך צו געפינען אויסדרוק־ווערטער, אין זיין יידיש — פילן מיר א מערקווירדיקע גאַנצקייט, רוהיקייט. בערדיטשעווסקי שעפּט די שפּראַך, דעם סטיל מיט פולע הויפנס אין פאָלק, פון זיין אַלטער היים, פון זיין שטעטל, פון זיין פריער יוגנט, וועלכע ער לעבט דאָ ווידער איבער אויף אן אמת־דיכטערישן אופן.

ליידער, זענען בערדיטשעווסקיס „יידישע כתבים”, ווען זיי זענען טיילווייז פארעפנטלעכט געוואָרן, שלעכט אויפגענומען געוואָרן און נישט־ריכטיק אויסגעטייטשט געוואָרן. פּרץ און בעל־מחשבות האָבן אין זיי געזען נאָכקרימעניש, געקינצלקייט און פארזען דאָס אריגינעלע, וואָס זיי פאַרמאָגן, דעם אייגנ־אַרטיקן אונטערגרונט זייערן. בערדיטשעווסקי איז דא געגאַנגען אויף אן אייגענעם דרך, געוואָלט שאפן אן אָריגינעלע יידישע

ליטעראַטור אין פאָרם און געשטאַלט פון דעם פאָלק און זיך געהאַלטן ביים פאָלק, ביי זיינע באַגריפן, ביי זיין אויסשפּראַך.

בערדיטשעווסקי האָט פאַרמאָגט אַ ספּעציעלע באַציהונג צו יידיש און צום יידישן שאַפן, אַן אָריגינעלע אויפפאַסונג, און אין אַ דער אויפפאַסונג נעמט ער אויף זייער־אינטערעסאַנט פאַרשיידענע קולטור־פראַגן. ביז גאָר אָריגינעל זענען זיינע כאַראַקטעריסטיקעס פון יידישע שרייבער:

„מענדעלי מוכר ספרים, דער זיידע מיט זיינע גרויסע חיבורים, איז דער רמב״ם אין דער יידישער ליטעראַטור".

„אַ יידישער יונגעמאַן, אַז ער הייבט אָן צו וועלן קענען לשון־קודש, קוקט ער אַריין אין ישעיה און אין ירמיה, צי אין ר׳ יהודה הלוי, צי גאָר אין די שפּעטערדיקע, למשל, אין גאָרדאָנען. לשון־קודש איז ביי אונז אַ בן־בית און אַז מע וויל דאָס קענען, באַדאַרף מען נאָך צוצוגיין צו דער שאַפע פון די ספרים און אַרויסנעמען אַ ספר. יידיש אָבער ליגט נאָך אין האַרצן ביים המון־העם, אין אַ די מענטשן, וואָס ביז אַצינד אין טאַקי שוין פון דער גמרא אָן, אַז מ׳האָט געשמועסט פון יידן, האָט מען גאָר פאַרגעסן זיי מצרף צו זיין צום מנין... שלום עליכם האָט אַ די נשמה אַרויסבאַקומען".

און אין אַן אַנדער אָרט:

„איך פאַרשטייט, לשון־קודש קען יעדער אויסלערנען, אַז ער קוועטשט אַ פּאָר יאָר די באַנק און שטאָפּט אין זיך אַריין תנ״ך און דקדוק און לייענט מליצה־ביכלעך; אָבער קענען יידיש, דאָס איז אַ מתנת־יה, וואָס דערמיט מוז מען געבוירן זיין. איך מיין דעם אמתן יידיש, ווי אַזוי ס׳איז געגעבן געוואָרן אויפן באַרג סיני פון אַ יידן..."

מיכה יוסף בערדיטשעווסקי איז נאָך גאָר ווייניק אָפּגעשאַצט ביי אונז און נאָך־ווייניקער פאַרשטאַנען געוואָרן.

צו בערדיטשעווסקין וועט מען זיך נאָך אומקערן און מ׳וועט נאָך צופאַלן צו זיינע טיפע, קוועלנדיקע קוואַלן.

1925

ה. ד. נאָמבערג

איך פרעג מיך אַליין גאנץ אָפט: מיט וואָס האט עס ה. ד. נאָמבערג פארדינט, וואס ער פאַרנעמט אזאַ אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור און פאַרוואס איז זיין אויטאָריטעט ביז איצט אזוי גרויס ביי פיל שרייבער און לעזער?

שוין א צייט מיט יאָרן, וואס נאָמבערג איז דורכויס צייטונגס־מענטש און מיט ליטעראַטור, — אין אמתן און פולן זין פון ווארט, — האט ער ווייניק צוטון ער אָקצעג־טירט עס שטענדיק און טוט עס, דוכט זיך, בכי ן. ער האט זיך „אויסגעטון" פון דער שאפנדיקער יידישער ליטעראַטור און באמיט זיך אפילו מבטל צו זיין די וואקסנדיקע שעפערישע כוחות.

סיידן פיעטעט פאר אמאָל, סיידן פיעטעט און דרך־ארץ פאַר זכות־עבר.

און באמת: זיינע נאוועלן און סקיצן זענען בשעתם גאנץ פיין געשריבן געווען, אָבער פארן איצטיקן לעזער זענען זיי שוין לאנג פארעלטערט. דורכויס קאַפּ־מעשיות, געשריבן מער פון א פובליציסט, ווי פון א דיכטער, אין בעסטן פאַל זענען עס רעאַלע לעבנס־באַשרייבונגען פון איין געוויסן סוג יונגע־לייט, בלאסע אָפּבילדונג פון דעם שרייבער גופא, און קינסטלעריש זענען זיי נישט דערהויבן העכער פון פשוטע לעבנס־באַשרייבונגען. זיינע אַרטיקלען זענען אמת קלוג און גוט געבויט, אָבער נאר א טייל פון זיי וואַקסן אַרויס פון דעם געוויינלעכן גוטן צייטונגס־ארטיקל און פארמאָגן דאָס, וואָס קאָן זיי פאַרזיכערן א „השרת הנפש".

גיכער פון אַלץ, רעכן איך, האָט נאמבערג צו פאַר־דאַנקען דער צייט, ווען ער איז געקומען צו דער יידישער ליטעראַטור. ער איז געקומען צו דער ריכטיקער צייט, אָנגעטראָפן אויף אגינסטיקן באָדן, אויף אצייט, ווען די ערד איז צעאקערט געווען און יעדעס קערנדל האט זיך צוגענומען און אויפגעגאַנגען און צעוואַקסן זיך גיך און האַסטיק.

געקומען איז ה. ד. נאָמבערג קיין וואַרשע צוריק מיט עטלעכע און צוואַנציק יאר פון אַ פרום־חסידיש הויז פון ערגעץ אקליין יידיש פויליש שטעטל נאך גאר איונגערמאַן. ער האט מיט זיך מיטגעבראַכט אגרויסע דאָזע פון יאוש און ביטול צו אַלץ אין יידישן לעבן. אָבער דאס מזל האט אַזוי געפירט, אז אט דער ניכטערער און פאַרצווייפלטער יונגערמאַן זאל גלייך אריינפאלן צו פרצן אין שטוב, אין דער יום־טובדיקער אטמאס־פער, און וויפיל נאמבערג האט זיך נישט געווערט, האט פרצס פארשכּורטקייט אים „אנגעשטעקט” און עס האָט זיך ביי אים קעגען זיין אייגענעם ווילן, אריינגעגנבעט מונטערע טענער, באַגייסטערונג און גלויביקע האפנונג.

נאָמבערג האָט מיט זיך מ'טגעבראַכט א פעקל העברעאישע לידער, וואס ער האט אָנגעשריבן; אַלץ — פרוכט פון פאַר־צווייפלונג און ביטול. אבער פרץ האט אים גלייך פון אָנהייב אריינגעזאָגט:

— ווארפט אוועק די העברעאישע שירים! שרייבט יידיש, וועט איר ברענגען נוצן דער וועלט.

און דער צו־ניכטערער, צו־קלוגער נאמבערג, וואס האט געקוקט אויף פרצן מיט וואכזאמע, פאַרשעגדיקע אויגן האט זיך אונטערגעגעבן און ס'האט נישט געהאָלפן — ער איז געוואָרן פרצס מיטגייער און מיטשאַפער אין זיין קאַמף פאר דעם יידישן שאַפן, פאר דער יידישער קולטור.

אין יענער צייט, צוריק מיט א 25 יאר, האט זיך ערשט אָנגעהויבן אויסצוקריסטאליזירן דער געדאַנק און דער באַגריף פון דעם מאָדערנעם יידישן שאַפן. פרץ אליין איז נאך אַלץ

געווען פאַרטון אין דעם געפינען די וועגן צו די יידישע פאָלקס־אוצרות און אין דעם אויסשיילן דעם זאַפטיקן קערן פון זיין אינעווייניקסטן „איך". אין זיינע זכרונות וועגן יענעם פעריאָד אין פרצס לעבן גיט נאָמבערג איבער וועגן דעם באַגינען־פעריאָד פון דעם מאָדערנעם יידישן שאַפן:

„פון איין זייט האָט די העברעאישע ליטעראַטור פון יענער צייט געטראָגן אין זיך, כאָטש באַהאַלטן, עלעמענטן פון ביטול־היש, פון אינערלעכן חוזק. דער גלויבן אין דער דער־לייזנדיקער ווירקונג פון דער השכלה איז אָפּגעשטאָרבן, און קיין זאַך האָט זיין אָרט נישט פאַרנומען".

פרץ האָט זיך דאַן געפונען „אין אַנהייב פון זיין ליטע־ראַרישער טעטיגקייט, געווען אין סאַמע ברען פון לעבן און יוגנט". עס איז נאָך געווען אַ גוראַנגל פון פאַרשיידענע כוחות אין אים אינעווייניק. „דער שטאַרקער און גרויסער טאַלענט האָט זיך באַציען צו זיין אַרבעט אַביסל דילעטאַנטיש. אַביסל באַקאַנטשאַפט מיט עטלעכע יידישע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן זיך דעמאָלט באַוויזן ערשט, אַ ביסל רעוואָלוציאָנערישקייט פון דע־מאָלטיקן פירער פון די פוילישע ראַדיקאַלן סווענטאָכאָווסקי האָבן אים אינערליך מער פאַרנומען, ווי די פראַגע, וואָס האָט דאַן פאַרנומען די העברעאישע שרייבער „אם לא האחרון במשוררי ציון הנני?" (— צי בין איך נישט דער לעצטער פון די יידישע משוררים).

אָבער סוף כּל סוף האָט זיך אַרום פרצן און דורך פרצן אויסגעאַרבעט די שאַפנדיקע און לעבעדיקע פאָרמול, וואָס איז שפּעטער געוואָרן דעם לייכטנדיקער שטערן פאַר דער גאַנצער יידישער ליטעראַרישער משפחה: „פאַראייניקן זיך מיטן פאָלק, העלפן שפּינען זיין פאָדעם, לעבן מיט זיין לעבן און ליידן מיט זיינע ליידן — אָט דאָ ליגט די אויסלייזונג, דער אויסגאַנג פון דער אינדיווידועלער געבראָכנקייט און אַנטוישונג".

און אין דעם איז געלעגן די אויסלייזונג אויך פון נאָמ־בערגן גופא און דער אויסגאַנג פון זיין געבראָכנקייט און

אַנטוישונג. דאָס איז געוואָרן דאָס געזונטע, פּאָזיטיווע, וואָס האָט נאָמבערגן אַרויסגעראַטעוועט פון זיין ביטול-שטימונג און אים באַוועגט און געטריבן פון זיין „נאַרע" אַרויס. „פאַר-אייניקן זיך מיטן פאָלק" — דאס איז געוואָרן דער אַקס, ארום וועלכן עס האט זיך געדרייט נאָמבערגס פּובליציסטישע טעטיג-קייט ביז אויף היינט צו טאָג. דער געזונטער גלויבן אין די יידישע פאלקס-מאסן האט געהיילט דעם געבראָכענעם יידישן אינטעליגענט אין נאמבערגן און אים ארויסגעהאָלפן פון נידער-געשלאָגנקייט און מאכטלאָזיגקייט.

אָבער נישט געקוקט אויף דעם פעסטן גלויבן און קלאָרן ווילן, וואס עס האָט זיך אַרויסבאַוויזן אין נאָמבערגס אַרטיקלען, האט אין נאָמבערגן אַליין אַלץ געלעבט דער „מהיכי-תיתי מענטש", — אַ מין געמיש פון יידישלעכער בטלנות מיט קינסט-לערישער באהעמשאפט, — און אט דאָס מהיכי-תיתישאַפט האט ער פּאַרזענלעך געזייט ארום זיך און עקשנותדיק געפּערדיקט און בשעתו נישט ווייניק שאָדן געבראַכט דעם יונגן ליטעראַרי-שן דור, אויף וועלכן ער האט געהאט אַ השפעה. נישט איין יונגער טאַלענט האט אונטער זיין איינפלוס אָנגעוואוירן דעם גלייכגעוויכט און זיך איבערגעגעבן אין שויס פון „נירוואנא". אט דער „נאָמבערגיזם" איז געווען אַן ערנסטע אָנשטעקנדיקע מחלה אין אונזער ליטעראריש-קינסטלערישער וועלט און האט געקאסט קרבנות...

אָבער גוט איז, וואס דאס מהיכי-תיתישאפט איז נישט אַריבער די גרענעצן פון זיין אייגענער באַרירונג, און אין זיינע ליטעראַרישע אַרויסטרעטונגען האט ער אַדרבא געמונטערט, גערופן צו אַקטיווקייט.

לאָגיק — דאס איז דער הויפּט-געווער אין נאָמבערגס אַרסענאַל. מיט לאָגיק איבערציייגט ער און ווירקט. קיין בייע וועלטן האט נאמבערג נישט אנטדעקט, קיין איבערראשנדיקע

געדאַנקען נישט אַרויסגעזאָגט. ער איז קלוג, ניכטער, און מיט אָפענע אויגן קוקט ער זיך צו צו דעם, וואס קומט פאר אין לעבן און געפינט דאס גלייכע, לאָגישע ווארט, וואס ווירקט און ריירט. ער איז געגאַנגען און גייט אויפן גלאַטן וועג און לאָגיש דערווייזט ער דאס איינפאַכע, זעלבספארשטענדלעכע. ער האט געקעמפט נישט פאַר דאס אומלאָגישע, אויסטערלישע, נישט פאר דאס עקסטרעמע, וואס בויטיקט זיך ערשט אין לאָגישע ראיות און באַווייזן. נאך אונזער פיל-דורותדיקן פלפול און קאָפּ-פאַרדרייענישן איז נאמבערגס פשטות, שכל-הישר, אומפארמיידלעכע לאָגיק געווען זייער נויטיק און געבראַכט פיל נוצן.

די לאָגיק האט נאָמבערג אַריינגעפירט אויך אין זיין קינסטלערישן שאַפן. קאלט, אויסגערעכנט האט ער געפּרובט קינסטלעריש אויפצופאַסן דעם אומלאָגישן יידישן אינטעליגענט. פון דעם אומקלאָרן, פארטיפטן, פאַרוויקעלטן און פאַרפלאָנטערטן יידישן יונגערמאַן, ארום וועלכן און אין וועלכן עס האָבן זיך אַזוי פיל געפלאָנטער בערדיטשעווסקי, ברענער, גנעסין, שאָפּמאַן, — האט נאָמבערג געפּרובט צו שאַפן א קלארע, גלאַטע, קורצע און אָפּגעהאַקטע שילדערונג. אזוי זענען זיינע סקיצן און דערציילונגען וועגן דעם יידישן אינטעליגענט. עס איז געווען אייגנטלעך אַמין קורצער וועג-ווייזער אין די טונקעלע געהיימנישן פון יידישן אינטעליגענט אין יענע יאָרן. פאַר דעם זייטיקן מענטשן איז דער יידישער אינטעליגענט געוואָרן פאַרשטענדלעכער, אָפענער, אָבער פאר דעם אינעווייניקסטן — איז עס געווען צו גלאַט, צו פּשוט, צו איבערפלעכלעך, צו לאָגיש. אבער נישט געקוקט אויף דער טרוקנקייט, אפּגעהאַקטקייטן, נאַקעטקייט פון דער נאוועלע, האט נאמבערגס נאוועלע אין יענער צייט געמאַכט אַן איינדרוק. עס איז געווען דער אָנזאָג פון דעם איבערגאנג פון דער שטעטלשער ליטעראַטור צי דער שטאָטישער, פון בית-המדרש-מאטיוון צו וועלטלעכע.

זיינע נאוועלן האבן זיך אויך אויסגעטיילט מיט זייער

שטייפקייט און קאנצענטרירטקייט. און אין זייער צייט, ווען די יידישע ליטעראַטור איז געוואָרן אַזוי צעגאָסן און צעפלאָסן, — איז די קורצע, שטייפע נאוועלע פון נאָמבערגן געווען א נייעס, אַ דערגרייכונג.

גרויס זענען די פארדינסטן, פון נאָמבערגן פאר דעם יידישן וואָרט, פאר דעם יידישן סטיל. נאָמבערג איז איינער פון די וויכטיקסטע שעפער פון דעם קלאָרן, שטייפן און זאכלעכן יידישן סטיל. די צעפלאָסנקייט, די באַרעדעוודיגקייט איז אים פרעמד. זיינע ארטיקלען זענען שפראַכלעך און סטיליסטיש ארכיטעקטאָניש שיין און מייסטעריש געבויט. „מוועט המחזיק את המרובה" — קורץ גערעדט און פיל געמיינט. געשליפן און געפּאָלירט.

נאָמבערג איז דער טרייער תּלמיד פון די רייכע און גרויסע גייסטער פון דער מאָדערנער יידישער קולטור פון די לעצטע 20 יאָר: פּרץ, בערדיטשעווסקי, פרישמאַן און זשיטלאָווסקי.

פּרץ האט זיך געריסן אין די הויכע עולמות פון דעם יידישן גייסט, זיך געוואָרפן פון השכּלה צו חסידות, פון חסידות צו פאלקסטימלעכקייט און אומעטום זיך געראַנגלט פאר נייע קינסטלערישע וואָרט-אַנטפּלעקונגען; בערדיטשעווסקי — געצונדן די בריקן פון עבר, געהאַלטן אין איין איבערשאַצן די אַלטע ווערטן און לסוף זיך פאַרוועבט אין די שאָטנס פון פאַרגאַנגענהייט; פרישמאַן — געפילט ביז איבל די נישטיקייט און קליינקייט פון אונזער אַמאָליקן קליינשטעטלדיקן בטלנישן לעבן און שאַפן און אָן אויפהער געמאָנט און גערופן צו ענדערן אט דעם אַרט לעבן און שאַפן; זשיטלאָווסקי — אומדערמידלעך געקעמפט פאַר יידישער זעלבסבאַשטימונג, זיך שטענדיק באַמיט צונויפצובונדן סאציאַליזם מיט נאַציאָנאַליזם, דער ערשטער אויסגעהאַלטענער „יידישיסט". און צווישן אט די

דאָזיקע אומדערמידלעכע צוימען-ברעכער און טרוימער איז נאמבערג—דער פשטן, ער קומט מיטן שכל-הישר, נעמט אָן די תורה פון די רביים ווי אקלאָרע און זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך און פרעדיקט זי רוהיק, קאַלט און שטאַרק איבערצייגט. ער שפּאַצירט שוין נישט אין די טונקעלע לאַבירינטן פון אמאָל, ראַנגלט זיך נישט מיט די שאָטנס פון עבר, ער גייט שוין האַרט ביי דער ערד, וואס זיי, די פריערדיקע, האבן אַדורכגעשלאָגן, און פאַרגלעט, פלאַנירט און פארמעגלעכט דעם גאנג פאַר אַלעמען.

זיי האָבן זיך געפונען איבער אונז, העכער פון אונז, זיך אָפּגערוקט ערגעץ אין ווייטע התבודדות-שטיבלעך, ארומגעוואגלט אין ווייטע מדינות, געשטרייט מיט פרעמדע כוחות, און נאמבערג האט זיך שטענדיק געפונען אַרום אונז, מיט אונז, מיטגעמאכט אונזער טאָג-טעגלעך לעבן, געווען דער אויסדרוק פון וואָר-ווירקלעכקייט. און די אידעען און באגריפן פון די גרויסע רביים האט ער פארברויכט אין לעבעדיקן, ממשותדיקן לעבן, די פראָבלעמען האט ער אויסגעטייטשט און געמאַכט פון זיי „פּאָטראַוועס" פאר דעם טאג, פאר דער ווירקלעכקייט. זיי זענען געווען די דענקער, ער — דער פּובליציסט, פון די פּראָבלעמען האט ער געמאַכט לאזונגען. אין דעם ליגט נאָמבערגס כוח און אין דעם ליגט דער סוד פון זיין פּאָפּולאַריטעט.

אתלמיד פון גרויסע לערער.

1924

א. נ. גנעסין

אין אַ יידיש שטעטל אין טשערניגאָווער גובערניע, האָט זיך אין 1879 זיין לעבן אָנגעהויבן.

האט זיך עס געצויגן, ווי עס האט זיך דאַן געווײַנלעך געצויגן דאס לעבן פון א יידישן וואַנדער־אינטעליגענט. פון פאַרשיידענע שטעט און מדינות האט ער פון צייט צו צייט געלאָזט וועגן זיך הערן דורך זיינע געדיכט־פאַרנעפּלטע און שווער־וואָגיקע העברעאישע מעשיות, — אומרוהיקע גריסן פון דעם צער און פיין פון לעבן, וואָס איז געווען א י ן אים און א ר ו ם אים. די שווערע גריסן־מעשיות זענען פאַנאַנדערגעשפּרייט געווען אין זשורנאַלן און צייטונגען, דעם ברייטן יידישן לייענער־עולם איז ער ווייניק באקאַנט געווען.

דערנאָך... דערנאָך האט זיך זיין לעבן אין 1913 אינמיטן איבערגעריסן. און ווידער איז עס געווען א שווערער גרוס, אַן אומרוהיקע ידיעה פאר זיינע פאַרערער און פריינד.

א האַרץ פול בענקשאַפט און ווייטאַק, נאר ווי איינגעפּאַסט אין א האַרטן, פאַרהאַרטעוועטן גוף. ערגעץ איינגעשלאָסן אינע־ווייניק פלאַטערט דאס האַרץ, ווערט צעריסן פון אייגענע און זיי־טיקע ליידן און ווייטאָקן, נאר עס איז ווי איינגעשרומפּן אינעווייניק.

האט אים געפעלט די נויטיקע שפּראַך, אָדער פרעמדע אויג און אויער האבן אים פאַרטריבן אין זיך?

ער האט פאַרמאָגט א זודיקן טעמפּעראַמענט, וואס איז ווי

אויף זיבן שלעסער פארשלאָסן געווען, אינעווייניק — א תהום פון ליידן און ליידנשאפטן, און פון דרויסן — א הארטע פאר־פרוירנקייט. די נשמה ווערט צעריסן, אין האלז ווארגן טרערן, כאָטש פאל צו צו דער ערד און צעכליפע זיך, אָבער א משונה־דיקע רוהיקייט הערשט פון דרויסן, א מאָדנער שווייגן.

און דאס פיינלעכע, טראַגישע, וואס איז געלעגן אין אים איז ווי פאַרבליבן אין אים. וואָלט ער עס געקאנט אינגאַנצן אויסלאָדן, וואָלט אים אפשר גרינגער געווארן. אבער ווען און וואָס ער זאל נישט דערציילן, האט זיך אים אַלץ אויסגעוויזן, אַז ס׳איז נאך נישט דאס, און זיין אינערלעך וועזן האט אים נאך מער געמאַטערט, געוואָרגן, און קיין רו נישט געגעבן.

עפּעס אַן אומבאוואוסטע קראַפט האט אים געטריבן. ער איז נישט געגאַנגען און געשטרעבט צו וואָסער ס׳איז ציל, נאר געווען געיאָגט פון זיין אייגענעם אומרו.

„... און אַז ער איז אַרויס פון דארט, האט זיין פנים געשיינט, און אז ער פלעגט באגעגענען באַקאַנטע, האט ער זיי הויך אָפגעענטפערט אויף זייערע באַגריסונגען. אָבער ווען עמעצן האט זיך דאַן פארוואלט מיט אים צו שמועסן, פלעגט ער האסטיק זיך פארענטפערן:

— אַנטשולדיקט, איך אייל איצט, מיר וועלן זיך נאך מסתמאָ זען.

און אז ער פלעגט אַריינקומען אַהיים, האט ער זיך דארט נישט געזוימט. א זיפּ קאַווע, וואס־עס־איז פארביסן, אַן אייליקער קוק אינם נייעם „השלח" — און א צופעליקער מיש אין אייגעם פון די רוסישע זשורנאלן. און דער בין־השמשות הייבט אָן צו ברומען און טרעט־צו צו די איינזאַמע ווינקלען, און פון דער ווייטן פארגנבעט זיך א טעמפּער גערויש פון דער טומלדיקער גאַס, און ווייכע טענער שוועבן און ליגן באַהאַלטן אין אים, און א גרויסער אומעט, וואס האט קיין נאמען נישט, גנבעט זיך אַריין, צעגייט זיך און פולט אָן דאס האַרץ, ברומט און זויגט די ברוסט, קאָכט־אויף דעם מאַרך, פארשפרייט זיך און פאר־

טונקלט די אויגן און טרייבט און יאָגט, יאָגט אָן רייד און אָן ווערטער פון שטוב אַרויס...

— וואוהין? — — —

...און אַזוי שפּאַנט ער און ברומט טרויעריק, זיפצט הייס און שעפּטשעט אַליין:

— וואָס איז דאָס, רבונו של עולם, וואָס איז עס? — — —

...ווייל נאָך איידער ער גייט אַרויס פון שטוב און נאָך איידער ער האָט עפּעס געהערט, ווייס ער שוין אויף זיכער, וואָס זיין הארץ וועט אים זאָגן שפּעט אויף דער נאַכט, ווען ער וועט זיך אַהיים אומקערן. ער וועט אָנצינדן די ליכט... און צופּאַלן צום בעט מיט זיפצן און פאַרשטיקן דעם פּנים אין קישן... און די נאַכט וועט נישט וואַרטן... און די פינסטערניש וועט זיך שטאַרקן, און די קאַץ וועט קוקן פונם ווינקל, און די זאַפּטיקע דעמערונג וועט ברומען־ברומען: רבש"ע! און דיר, א יונגן און געזונטן, וועט גאָרנישט פאַרבלייבן צו טון, ווי נאָר מיטן קאָפּ אָן וואַנט קלאַפּן און ווי אַן אָקס ברילן, אדער דעם פּנים אין קישן אַריינשטעקן און לאָזן דער וועלט־קלאָג, זי זאָל אָן תכלית זיך רייסן און באַוויינען עפּעס א וועלט־אבדה...

— דער רוח ווייס. וואָס איז עס... („בנתים")

אָט אַזוי האָבן געלעבט גנעסינס מענטשן, אַזוי האָט גע־לעבט גנעסין אַליין. אַן אומגעהויערע שווערע משא ליגט אויף זיי, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן אין פאַרלויף פון דורות. דער מענטש איז קליין און נישטיק און אומבאַהאָלפן קעגן אָט דער גרויסער, דריקנדיקער משא.

אין וואָס באַשטייט זייער עיקר־טראַגיזם? די טראַגעדיע פון יידישן פאָלק? די אומנאָרמאַלקייט פון זייער אייגן לעבן? די אומצופרידנקייט מיט די איצטיקע לעבנס־פאָרמען? דאָס אַלץ אינאיינעם איז צונויפגעפלאָכטן און ס'איז שווער צו זאָגן, וואו ענדיקט זיך איינס און וואו הייבט זיך אָן דאָס צווייטע.

אַלץ, וואָס דער פאַרשלאָסענער אין זיך גנעסין האָט גע־שאַפן, איז געווען א פּרוב, א מאַטערניש צו געבן זיך, אויפצו־

דעקן און צו אַנטפּלעקן זיין אינעווייניקסטע וועלט און צו שילדערן אָט דאס גרויסע שווערע, וואס דריקט אים. אויף יעדן זייטל, כמעט אין יעדער שורה זיינער פילן מיר זיין באגער וואס־טיפער אַריינצודרינגען אין זיין אייגענעם געפיל־און שטימונגס לאבירינט און ווי שטארקער און אויסדרוקפולער איבערצוגעבן זיין מהות, זיין וועזן, זיין נשמה. און מיר פילן און שפירן דעם צאַפּל און ציטער פון זיין דיכטערישער אויפגע־רעגטער נשמה אין די שורות און צווישן די שורות. מיר פילן, אז עפּעס בלייבט איבער פון דעם דערציילן ביים מחבר גופא אַן אומצופרידנקייט און ניט־באַפרידיקייט, עפּעס געלינגט אים ניט איבערצוגעבן אין דער גאַנצער פולקייט דעם סוד פון זיין וועזן.

און מיט זיין גאנצער פארשכורטקייט אין זיין שאַפן, איז א. נ. גנעסין געווען ניכטער, און ווי ער אַליין זאָגט אַמאָל: געווען געפּרובט פון זיין „למדנות אין פּסיכאָלאָגיע"; גנעסין, דער קלוגער, זעעוודיקער, קאַלטבלוטיקער, האט טריט־ביי־טריט באגלייט גנעסינען דעם קינסטלער, אים שטענדיק נאָכגעקוקט און אים גלייך געוואויגן און געמאָסטן. און נאך איידער דאס ווערק איז געווען פאַרענדיקט, האט שוין גנעסין דער וואַך־ניכטערער געפילט, אַז עס איז נאך נישט דאָס, ווייל שוין איז גנעסין דער מענטש געווען העכער, טיפער, אינטערעסאַנטער, און שוין האט ער געהאַלטן, אַז דאָס פריערדיקע ווערק איז נישט מער ווי אַ פּרוב, און מען דאַרף זיך פון ס'ניי פאַרמעסטן אויף אַ טיפערס, אינטערעסאַנטערס און אמתדיקערס.

ער איז געווען דער טרייער חבר און פריינד פון דעם צווייטן יידישן מערקווירדיקן דיכטער־מענטש — י. ח. ברענער. איך ביי אים איז יעדעס ניי ווערק דער נייע שטאַפּל, די נייע מדרגה פון אויפשטייגן, פון פערזענלעכע עליה, פון ניי־באהעפטן זיך צום עיקר־העיקרים פון זיינע נשמה־אידעאלן. אָבער מיט דעם טיפן אונטערשיד, וואָס א. נ. גנעסין האט מער סוביעקטיוויזירט, מער געשפּירט די אינדיווידועלע

שטריכן און מער געזוכט צו אנטפּלעקן די פּערזענלעכע עלעמענטן אין יידישן נאַציאָנאַלן לעבן; ברענער האָט אויפגענומען דער־עיקר דאָס מער־געזעלשאַפטלעכע, קאָלעקטיווע, דערצו האָט ברענער גלייך געפילט פאַר נויטיק צו טאַדלען, צו שרייען, צו פּראָטעסטירן, צו שטעמפּלען דאָס אומנאָרמאַלע, פאַרקריפּלטע, הויקערדיקע, און גנעסין האָט עס באַגראָבן אין זיך געוועזן צו־פיל מפונק, צו־פיל עסטעט, צו ליאַרמען בקול רם. דאָס אומנאָרמאַלע, פאַקריפּלטע, הויקערדיקע אינם יידישן לעבן האָט ער איבערגעקאָכט אין זיך און עס האָט זיך געלאָזט שפּירן אין זיינע שפּעטערדיקע פיינפולע דיכטערישע שאַפונגען.

און אָט דאָס, וואָס דער צופיל־קריטישער גנעסין איז אויף איין ווײַלע נישט אָפּגעטראָטן פון גנעסין דעם קינסטלער, האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף זייז שאַפן און אויף זיין פּערזענלעך לעבן.

און דעריבער האָט ער געהאַלטן אין איין שטייגן און שטייגן אין ווייטערע, העכערע עולמות און דאָך אויף איין ווײַלע נישט אָפּגעטראָטן פון זיך אליין.

די פאָרם, די מאַניר פון גנעסינס שרייבן איז דורכויס אַן אייגענע, אַן אייגנאַרטיקע. עס איז פון אָנהויב ביזן סוף אַ ווילן צו אַנטפּלעקן די טיפענישן פון נשמה. דער מחבר אַליין איז דער הויפּט־העלד אין זיינע ווערק, און די אַלע איבעריקע טיפּן דרייען זיך ארום אים, ציען זיך נאָך אים און שטרעבן צו אים. ווען מיר לייענען זיינס אַ ווערק, האָבן מיר דאָס געפיל, ווי מיר וואָלטן מיטגעגאַנגען מיט זיי אַלעמען אין די געדיכטע געדיכטעניש פון זייער נשמה־און געפילן־קעמערלעך. דער מענטש איז אַ תהום פון ליידן און פריידן; וואונדערבאַר זענען די אויפגאַנגען און אָפּגאַנגען, אויפשטייגן און אָפּשטייגן פון זיינע געפילן־שטימונגען, און גנעסין גייט־מיט מיט זיי, אַט גיט ער זיך אונטער, ווערט משועבד צו זיי, און אַט קוקט ער אויף זיי מיט אַ ניכטערן אויג און רעגירט איבער זיי. און זיינע איינזאַמע מענטשן באַגעגענען זיך שטענדיק, מוזן זיך

באגעגענען, רעדן און רעדן זיך אויס דאָס האַרץ, און דערביי ערשט בליצן־אויף גאַנצע תהומות־וועלטן. ס׳ציען זיך די נשמות איינע צו דער אַנדערער, און פון דער התקרבות ווערן זיי אָנגעצינדן און אויפגעפלאַקערט. אזא מין התגלות, אָפּנבאַרונג פון מענטשלעכע וועזנס האָבן מיר נאר ביים רוסישן גאון פ. מ. דאָסטאָיעווסקי: דערזעלבער מערקווירדיקער געראַנגל פון באָענטע נשמות, וואָס פלאָגן זיך, פּייניקן זיך ליבן זיך ווילד און משוגע און האַסן זיך מיט טיפער איבערגעגעבנקייט און ליבע.

אין דאָס איז אייגנטלעך דער אינהאַלט און די פאָרם פון גנעסינס רערציילונגען. אַלץ דרייט זיך ארום די זעלבע פּאָר יונגע־לייט און מיידלעך. נישטא אפשר קיין „מוקדם ומאוחר״, מען קאָן אפשר פריער לייענען די לעצטע קאַפּיטלען פון זיינס א בוך, דערנאָך די ערשטע. ווי דאָס לעבן פון זיינע מענטשן, אַזוי אויך איז זיין שרייבן. זיינע דערציילונגען זענען ווי פון מיטן, אָן אַן אָנהויב און אָן א סוף, ווי דער מענטש ביי אים אין אַזוי פאַרפלאָנטערט אין זיין אינערלעך וועזן, אָן א וואו־איין און אָן א וואו־אויס. גיט גנעסין אזוי אַ מיש־אויס אין דער געדיכטעניש פון דעם מענטשנס נשמה און ציט אַרויס א מאָמענט, און גלייך זאַמלט זיך צונויף אַרום אָט דעם מאָמענט אַלץ דאס וויכטיקסטע און עיקרדיקע אין זיין לעבן:

„ע, דער רוח זאָל עס נעמען! זאל עס א סוף זיין אָדער באַר אַן אָנהויב״...

אָפּטמאָל ווייזט זיך אונז אויס, ווי עפּעס אַ פאַרבאָרגענע קראַפט שפּילט אַ טייוול־שפּיל מיט אט דעם געזונטן־ברייטביינ׳קן מענטש. אָט לאָזט זי אים אָפּ, אָטעמט ער פריי אָפּ, אין די אויגן טוט אים א בלישטש, דאָס האַרץ ווערט מיטאַמאָל אָנגעפולט מיט הייסע פארלאַנגען, און ער ווערט פריי, עס ווערט אים גוט, מאָדנע גוט. באַלד אָבער פאַלט אויף אים ווידער אַרויף דאָס שווער־טראַגישע און עס וואַרגט אים ווידעראַמאָל.

זיין היינט איז בײ אים פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיטן פריערדיקן, אַוועקגייענדיקן. איצט, דוכט זיך, איז אים גוט, אָנגענעם. אין האַרץ רוט אַ רוהיקע שטילקייט, אָבער עפּעס לויערט נאָך זיין רו, גרייט צו פאַרכלינען זיין אינערלעכע פרייד. אָפּטמאָל איז אויפן האַרצן שווער, אומרוהיק, אַלע וועלטן קומען אום, אָבער געגנוג איז איין ריר, איין באַגעגעניש, איין אָנצוהערעניש, — און אַ וואונדערבאַרער יום־טוב פולט אָן אַלע קעמערלעך פון האַרץ, און דער גליק שטראָמט אַרויס פון די פאַרשכורטע בליקן. און פאַר אים אַליין איז שוין שווער צו דערגיין, וואָס אַזוינס איז דאָ געשען. אַ פאַרקנוילטער פּלאָנטער, און וואָס מער מ'פּרובט אים פאַנאַנדערבינדן, אַלץ מער פאַרדרייט ער זיך.

פון ווייטן איז יעדע זאַך פאַרוועבט און באַצירט בײ אים מיט לאָקנדיקע פאַרבן. פון דער גרויסער טומלדיקער שטאָט רייסט ער זיך אַמאָל אַרויס אַהיים, און זיין האַרץ ווערט פול מיט רו און גליק.

„מיין פאַרשטויסן ווינקעלע... עך, אָפּרוען זיך ווי עס איז. — מיט איין שפּרונג זיך אַ וואָרף טון, ווי אַמאָל, אין יענער ווייכער רוהיקער בעט בײ דער מאַמען אין צימער. מיטן פּנים און גוף אין די קישנס באַהאַלטן זיך און בטל ווערן אין אַ לאַנגן שלאָף, וואָס מאַכט אַלץ פאַרגעסן". („הצדה")

און גלייך גיט זיך אַ ווילדער געווירבלדיקער דריי, די רוהיקייט פאַרשווינדט און ס'ווערט אַ כאַאָס, אַ מישמאַש. פאַרלאַנגען, שטרעבונגען, האָפנונגען און אַנטוישונגען פּלאָנטערן זיך אָן אויפהער, עס נעמט אַרום האַרץ און מוח, און דער געזונטער גוף געפינט זיך שוין אין די קלאַמערן פון זעלבסט־קריטיק און זעלבסט־פּייניקונג:

„אַלץ איז רעכט, אַלאַ וואָס דען? מאָדנע איז, וואָס ער האָט געלערנט, זיך פאַרטיפט אין ספרים און פּלוצים אויפגעהערט. פאַרוואָס האָט ער אויפגעהערט? איז דען שוין אים נישט אַלץ איינס — פאַרוואָס? געוויס איז שוין דאָן געווען אַ טעם. אָט דער מאָטיוו, וואָס אַמאָל, דוכט זיך, איז געווען

גאר, גאָר וויכטיק, איז שוין איצט פאַרשוואונדן. נאר זיין פאר־שווינדן איז שוין נישט אזוי חשוב, ווי ער אליין. וואָס דען איז חשוב? כאַ, וויפיל שטות איז פאראַן אין אָט דער שאלה? וואס איז וויכטיק? וואונדערבאר, ווי פוסט עס זענען אָט די ווערטער. וואס איז וויכטיק? כאַ, טויטע ווערטער אינגאַנצן...

אוריאל האָט פּלוצים זיך ארומגעקוקט ארום זיך מיט א מין יאוש־ציטער. וואָס איז מיט אים געשען? פּלוצים האט אַ מין שטאַרקער און זייער משונהדיקער פאַרלאַנג א קלאַפּ געטאן אין הארץ און ער האט באַשלאָסן צוגיין צום פאָטער, וואס שפּאַצירט דאָ ארום פּאַמעלעך, און פרעגן ביי אים מיט זודיקן און שטורמישן געבעט:

— טאַטע! עס איז דאָך אמת, אַז ס'איז דאָ א גאָט אין הימל. האַ? פּשוט, א גרויסער גאָט און א גוטער... אָדער אפילו נישט קיין גוטער, האַ?

אבער באלד האָט ער ווילד א זיפץ געטון, זיין פּנים איז בלייך געוואָרן און חרטה געהאַט, האט ער זיך מיט א פאַרבי־סענער ליפּ אַוועקגעזעצט".

און אין א פּאָר טעג ארום פארקלייבט ער זיך צו זיינעם א באַקאַנטן א גוי אַנטיק, וואס וואוינט ערגעץ אין א דערפל אין א קליין פּויעריש שטיבל, מיט זיין פּשוטער ווייב און קינד. ער פארברענגט דאָרט גאנצע אַכט טעג, און ביינאכט, ווען דער רעגן קלאַפּט אין דער פענסטער גאס „פלעגט ער פארלעשן דעם לעמפּל פון מתושלחס צייטן, וואס מ'האט צוליב אים אָנגעצונדן, און ליגן און טראַכטן אזוי אין דער וועלט אריין. אז אין פּלוג וואָלט גוט און וואויל געווען, ווען ער וואלט נאטאשאַן, אנטיפּס שוועסטער, פאר א ווייב גענומען און מיט איר דאָ אין שטיבל געוואוינט און אליין צו טון מיט א קליין קוועלענדיק קינד, בשעת זי וואָלט אין שטוב פארנומען געווען. („בטרם")

עס זענען ווי פארווישט אלע גרענעצן. נישטאָ קיין היי־ליקס און נישטא קיין אומווירדיקס. א געמיש פון קדושה און וואָך, פון צויבער און ביטול, פון באַגייסטערונג און חוזק. און

עס פּלאָנטערן זיך אַזוי די געפילן, פאַרלאַנגען און זוכענישן. און ווען איינער וואָלט פּלוצים אזוי זיך אָפּגעשטעלט און געפרעגט דיך: וואס איז דיין באַגער? וואָלסטו אויף אים די אויגן אויסגעגלאָצט און זיין פראַגע אפשר גארנישט פאַרשטאַנען.

און אט דערזעלבער רוקט זיך אזוי אַרויס פונם לעבנסגעטומל, פארלאָזט די רוהיקע גאַסן און „...קומט אהיים און נעמט אַרויס זיינע העפטן און פילט נישט אַמין ציטערנדיקן דריקן ביז צו טרערן אונטער דער גאַנצער ברוסט. זעצט ער זיך צום טיש און בייסט אַלאַנגע צייט דעם שפּיץ פון זיין פעדער, קוקט אַריין אין די העפטן און פון צייט צו צייט לאָזט ער אַרויס פון די נאָזלעכער אָפּגעריסענע יאושדיקע זיפצן, און צום סוף הייבט אָן זיין פעדער ארויסצעווארפן ציטערנדיקע, קרומע אותיותלעך — „קרענקלעכע ביז צום ברעכן". און אין מיטן האַקט ער איבער זיין שרייבן און וואַרפט זיך מיט יסורים־זיפצן אויף זיין בעטל און ליגט אַלאנגע צייט אַזוי, קרעכצט און שעפּטשעט פון צייט צו צייט" („הצדה").

אזא מין היסטעריע־שרייבן איז שוין נישט אַביי־זאַך, אַביי־ארבעט, עס קומט נישט פון אויסנווייניק און עס איז אוממעגלעך דעריבער אָפּצעטיילן עס פון דעם שרייבערס וועזן. יעדעס בלעטל איז ווי פון אַהייליקן טאָג־בוך. און מיר קאָנען שטודירן און נאָכגיין נאך דעם גאַנג פון מחברס שטימונגען און אידעען לויט זיינע אלע שאפונגען.

און ווי דאס לעבן, אזוי איז דאס שרייבן קלאר און פאַרנעפּלט, רעאל און ליריש, מיטלייד און מיטפּיל צום העלד און גלייכצייטיק איראָניע און בייסנדיקער ביטול און שמייכל. ציען זיך אזוי די דערציילונגען פון זיך אינעווייניק כמעט אָן אַן אויסערן ווילן עפּעס־וואס צו דערווייזן און ערגעץ־וואו צו דערפירן. מיר פילן נישט, ווער איז שולדיק און ווער איז אומשולדיק, עפּעס איז דא אַלץ פארדרייט, צונויפגעפלאָכטן, איינס איז איינגעזאַפּט אינם צווייטן, איינס פארבאָרגן אינם אַנדערן.

מיר האבן דא אזעלכע אָפטע איבערגאנגען פון גרויסן צום נישטיקן, פון גאָרוויכטיקן צו קליינינקייטן. מען דרייט זיך ארום אזוי לאנג ביי דער שטומער וואנט פונם סוד פון לעבן, מען גריבלט זיך און מען נישטערט אינם אייגענעם וועזנ־געהיימניש, און ווען מען דעקט גארנישט אויף, לאזט מען זיך אזוי — באוואוסטזיניק אדער אומבאוואוסט — אויף די גרינגע פלאכע וואסערן פון קלייניקייטן, נארישקייטן, כדי אזוי ארום צו שטילן דעם אינערלעכן פיין, צו פארגעסן דעם טיפן טראַגיזם...

אָבער נאר נישט שרייען, נאר נישט פילדערן! ווען דאס הארץ ווערט צעריסן אויף שטיקער, פארלירט ער זיך אלץ נישט אין דערלויבט זיך נישט צו געבן א הילכיקן געשריי. גלייך פירט ער זיך אליין אראפ פון דער פאטעטישער, טראגי־שער הויך און דערשטיקט און פארבאהאלט דעם אויסגעשריי, דעם ליארם, דער ווייטאָק־קרים. גנעסינס אלע דערציילונגען זענען פול מיט אָט דעם אינעווייניקסטן געראנגל, פון דעם ווילן גובר צו זיין דאס הויכע, הילכיקע, שרייענדיקע.

די ווערק פון א. נ. גנעסין זענען איין גרויסער ספור־המעשה וועגן דער גרויסער לעבנס־רעטעניש, וועלכע גנעסין האט אלע זיינע יאָרן געפרובט צו לעזן, און זיי זענען טאקע אזוי פארבליבן א שטיק לעבנס־רעטעניש. ווייל ליטעראטור, לי־טעראטור אינם געוויינלעכן זינען פון וואָרט, איז גנעסינס שאפן נישט געוואָרן...

פאר דעם יידישן לייענער איז דער טיף־אָריגינעלער און מערקווירדיקער דיכטער א. נ. גנעסין כמעט אינגאנצן אומ־באקאנט.

צוועלף יאָר זענען פאָריבער זינט גנעסין איז געשטאָרבן און ערשט איצט האבן מיר די ערשטע יידישע איבערזעצונג פון זיינס א גרעסער ווערק.

צוריק מיט עטלעכע יאָר האָט א בערלינער יידישער

פאַרלאַג פאַרגענומען אַרויסצוגעבן גנעסינען אין יידיש, אבער ס׳איז ארויס נאָר א קליין ביכל מיט צוויי קלענערע נאָוועלן („מעשה אָטעלאָ״ און „סאַמואיל סאַמואילאָוויטש״, (יידיש מ. זילבורג, כלל=פאַרלאַג, בערלין 1922). די צוויי נאָוועלן אָבער זענען נישט פון די כאַראַקטעריסטישע גנעסינישע ווערק. מיר האָבן דארט נאר די ערשטע אָנדייטונגען פון גנעסינס טיף=אייגנאַרטיקן טאַלענט.

„אצל״ (אפרים מרגלית — אין יידישן) האט ער געשאַפן אין די לעצטע חדשים פון זיין נע=ונדישן לעבן, ווען די פליגלען פונם מלאך=המות האבן געשוועבט איבער זיין באַגייסטערטן און גלייכצייטיק געבראָכענעם געמיט. דאס איז זיין וואונדערלעכע שוואנען=ליד. מיר פילן דא זיין הארץ, וואָס האט ווידעראַמאָל זיך צעשטראַלט און צעפלאַקערט און אַראָפגעשיינט אין די בשמה=באַהעלטענישן פון זיין אייגענעם איך און פון זיינע נאָענטע טיפן=געשטאַלטן, וועלכע, — ווי ער — ברענען זיי און צאנקען, צינדן זיך אָן און לעשן זיך אָן אויפהער. און ווי אין זיינע איבעריקע גרעסערע ווערק, האבן מיר אויך דא פאר זיך דעם אומרו=מענטש, וואס איז געפּענטעט און געבונדן מיט טויזנטער פעדעם צו דעם ארומיקן לעבן, און דאך שוועבט ער שטענדיק אין ווייטע רוימען פון טרוימען און פאַנטאַזיעס. קלוג איז דער מענטש און פארשטענדיק, אָבער ער שטיקט זיך אָן אויפהער אין א שטימונג=היסטעריע, וואס וואַרפט אים ווי אין קאָנוואולסיע. יעדער מענטש איז א וועלט פאר זיך, אַן איינזאַם וועזן, אבער זיינע מענטשן קלעפן זיך איינער צום אנדערן, ווי די באַבעלעך צום ליכט, אין וועלכן זיי ווערן פאַברענט און קומען אים. דער מענטש רייסט זיך צום צווייטן, ער פילט די נויטווענדיקייט אויסצורײדן זיך דאס האַרץ, און אין אָט דעם געמיטלעכן, אָבער ברייענדיקן פלאַפלען רייסן זיך שטיקער נשמה פון טיפן האַרצן. אט שיינט אַרויס א העלע, ליכטיקע זון פון הנאה, פון גליק, פון רו, און גלייך פאַלט=אָן א מרה=שחורה, עם ווערט פארוואַנדלט אין היסטעריע, אין ציקן פון

די פּלייצעס, אין ווילדן געשריי, וואס רייסט זיך פון האַרצן אַרויס און וואַרגט אין האַלז ביז דערשטיקט צו ווערן. און עס שטראָמט אזוי דער אומאויפהערלעכער קוואל פון דיכטערישער אומרוהיקער יצירה, עס וועבן זיך טיפע געוויסנביסנס מיט פּראַכטפולע פּסיכאָלאָגישע אויפדעקונגען, אויפגערעגטע צאַפּלענישן פון מענטשלעכע געשפּרעכן מיט אויסגעצייכנטע נאטור-שילדערונגען.

דער ערשטער אַריינפּאָר אין דער דערציילונג איז א שווערער, און עס דאַרף דעם נישט-געניטן אין גנעסינס געדיכטן דיכטערישן וואַלד נישט אָפּשרעקן. מען דאַרף צו גנעסינען זיך צוגעוויינען, און שפּעטער איז שוין דערפאר זיך שווער פון אים אָפּצורייסן.

טראָפּנוויז, טראָפּנוויז פאלט זיין דערציילן אויף דער אויפגערעגטער און אויפגערייצטער נשמה, און דער איינדרוק איז א שטאַרקער און לאַנגדויערנדיקער.

א דיכטערישע סימפאָניע פון טיפע מענטשלעכע איבערלעבענישן און דערהויבענע, יאושפולע שטימונגען...

„אצל״ — אפרים מרגלית — איז דער לעצטער פּרוב פון דעם וואונדערלעכן קינסטלער-דיכטער אויפצודעקן זיין אינערלעכע וועלט, — זיין שוואנען-ליד.

און נאָך פיל-פיל נישט ארויסגעזאגטעס און נישט-דערזאגטעס האט אורי ניסן גנעסין מיט זיך אין קבר מיטגענומען.

1925

י. ח. בּרענער

י. ח. בּ ר ע נ ע ר, איז א שטיק פֿון אונזער לעבנס־געשיכטע פֿאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר, א צאַפּלדיק שטיק פֿון אונזער אינערלעך לעבן, וואָס איז אדורכגעדרונגען און אדורכגעזאַפּט מיט פּיין און ליידן פֿון א רייכער, ליידנשאַפֿטלעך־אויפגערעגטער פּערזענלעכקייט.

פֿון די קליינע העבּרעאישע דערציילונגען, וואס ער האט נאָך אלס יונגערמאַן אָנגעהויבּן צו דרוקן אין „המליץ“ (1899), אין „לוח אחיאסף“ און דערנאך אַרויסגעגעבּן זיי אין א בּאזונדער בּיכל אין „תושיה“ אונטערן נאָמען „בּעמק עכור“ (1900), בּיז זיין לעצטן וואונדערבּארן ראָמאן „שכול וכשלון“, וואס איז דערשינען נאך זיין טראַגישן טויט, — אַלץ, וואס ער האט געשריבּן־געשאַפֿן אין פֿארלויף פֿון העכער 20 יאָר, איז געווען דער וויי־געשריי פֿון זיין שטענדיק־אָנגעווייטאָגט האַרץ און פּיינפֿולער נשמה.

זיין גאַנצע ליטעראַרישע טעטיקייט, וואָס האט זיך געצויגן דורך זיינע קונסט־ווערק, געצויגן דורך זיינע ארטיקלען, נאָטיצן, איז ווי א טאָג־בּוך פֿון אַ ד ו ר. אלץ אין לעבן, די גאָרע שיין און שאָטן, פֿרייד און לייד פֿון די לעצטע לעבנס־תקופות, האט זיך אָפּגעשפּיגלט פֿריער אין אים פּערזענלעך און דערנאָך אין זיינע ווערק, וואס זענען דער לעבּעדיקער המשך פֿון זיין אינערלעך וועזן. מיט אן אויפגערעגטער־ליידנשאפֿטלעכקייט האט ער אלץ אין לעבן אויפגענומען פּונקט ווי אלע קלעפּ און פּלאָג האבּן זיך געצילט גלייך צו אים. און דער צער און

צאָרן פון אונזערער ווירקלעכקייט איז גלייך געוואָרן זיין אייגנס, זיין אינטים־פּערזענלעך אייגנס. בחרף, מסביב לנקודה, שנה אחת, מעבר לגבולין, מא. עד מ. בין מים למים, מכאן ומכאן, ספר ההתלבטות — אין אַט די אַלע גרעסערע ברענער־ווערק *) און אויך אין זיינע קלענערע דערציילונגען און אין זיינע הונדערטער ליטעראַריש־פּובליציסטישע אַרטיקלען — איז פאַרפיקסירט דאָס פיינלעכע יידישע לעבן אין אַלע זיינע גלגולים, און די אַלע וואס קאָנען ניט ברענערן און ווייסן נישט פון זיינע ווערק, זיי פעלט אויס אַ שטיק יידישע געשיכטע, פאַר זיי איז פאַרבאָרגן די ליידנשאַפטלעכע געשיכטע פון דער יידישער אינטעליגענץ, וועלכע האט זיך געראַנגלט אין טיפע ליידן און אַנגסטן מיט דער אייגענער פאַרצווייפלטער פּערזענלעכקייט, און אָן אויפהער געטריבן געוועזן פון פּראָבלעמען און סתירות פון דער אייגענער אין אַרומיקער וועלט, אַלץ געזוכט דעם אויסוועג, דעם סינטעז, דעם אָנהאַלט אין לעבן.

ברענער איז געוועזן אַליין דער דענקער און אַליין דער קינסטלער. דעם סינטעז, דעם אויסוועג האָט ער אַליין ליידנ־שאַפטלעך געזוכט, געוואַרט נאָך אים מיט האַרצרייסנדיקער בענק־שאַפט. אויף איין ווילע איז ער ניט פאַרבליבן קאַלט, פאַרגלי־ווערט אין די אַבסטראַקטע טעאָריע־וועלט. ער איז גלייך אַריינגעצויגן געוואָרן אין סאַמע פּלאָנטער פון די פּראָבלעמען און זיי גלייך צוגעגעבן אַ מענטשלעכן האַרץ־כאַראַקטער. ער — מיט זיין גאַנצן אייגענעם וועזן איז געוועזן אין מיטן, אַליין געבערענט אין דעם פּראָבלעמען־פלאַקער. ער האָט געזויגן פון זיי אַנטציקונג און אַנטוישונג־געפילן, זיין זוכנדיקע נשמה איז גלייך פאַרפּלאָנטערט געוועזן אין די געדיכטעניש פון דער שע־פערישער אַרבעט. גריבלענדיק זיך אַליין אין די פּראָבלעמען פון דאס געשעענע, וועלנדיק אַרויסגעפינען דעם לאָגישן

---

*) זע מיין אַרטיקל „דער יידישער אינטעליגענט ביי י. ח. ברענער" אין זאַמלבוך „פון צייט צו צייט" II (קיעוו, 1912)

פועל-יוצא פון דער געשאפענער לאגע, איז ער שוין גלייך גע-ווען פארנומען אין זיין קינסטלעריש-שאפערישער אנשטרענגונג.

א טאפלטע שעפערישע אַרבעט, אליין געווען דער טיפער דענקער אין גלייכצייטיק דער גרויסער קינסטלער.

שטענדיק, אָן אויפהער האט ער געשטרעבט ארויסצו-אנטפלעקן די פאַרבאָרגענע שטריכן און דעם אינערלעכן פרצוף-פנים פונם יידישן אינטעליגענט און פון זיינע אלע גריבלענישן און העויות, און אויף איין מינוט נישט געקאנט ארויסטיילן פון זיך זיין קינסטלערישן טאלענט און פארבלייבן נאר א נייט-ראלער אביעקטיווער באאָבאכטער. זיין גאנץ אינערלעך לעבן, זיין ווייטאָגדיק הארץ און זוכנדיקע נשמה האט ער פארוועבט אין זיינע מענטשן, וואס ער האט געשאפן; ער האט ארויסגעטראגן און אויסגעווייטאגט אינם אייגענעם הארץ דעם אינערלעכן פראבלעמען-געראנגל, און גלייך אים פארקערפערט אין לעבע-דיקע מענטשן-טיפן פון זיינע אינטערעסאַנטע און ביז גאר מענטשלעכע ווערק.

ער איז געווען דער פילבאַרסטער פון אלע יידישע שרייבער. פילבאַר, ווי אַן אָפענע וואונד. יעדע קלענסטע באַוועגונג, יעדער מינדסטער ריר אין דעם ארומיקן און אייגענעם לעבן האט אויפגעציטערט זיין גאַנץ וועזן, ער האט געשריען, געריסן קברים, און דערביי געפייניקט זיך; זיך מער ווי אנ-דערע, און געשטראָפט און געמאָנט. ער האט אליין אדורכגע-מאַכט א ביז גאר שווער און ביטער לעבן: אָרעמקייט, דחקות, נויט, וואָגלענישן, און יסורים, — יסורים אָן א שיעור. און מיט זיין וואָך הארץ און אפענע אויגן צוגעזען און אויפגענומען ליידן, פלאָגן, מאַטערנישן און פיין. און אלץ וואס ער האט געזען און געהערט, האט ער פאַרצייכנט און פארשריבן, פאַרשריבן און גע-שריבן נאָוועלן, ערציילונגען, דראמען, ארטיקלען. דאָס קינסטלע-רישע און פובליציסטישע (דאס קינסטלערישע ביי אים איז אָפטמאָל פובליציסטיש און דאָס פובליציסטישע איז תמיד קינסטלעריש) איז ווי איין גרויס מערקווירדיק טאָג-בוך פון דעם יידישן אינטעלי-

גענט און פּאַלקס־מענטש, — א טאָג־בוך, וואו טאָג־טעגלעכע ביל־דער, באַגעגענישן, פּאַסירונגען און גלייכצייטיק — אייביקע, וויכטיקע פראַגן און פּראָבלעמען זענען צונויפגעמישט.

אין זיינע ווערק האָבן מיר א גרויסע צאָל פאַרשוויגען און טיפן, מענער און פרויען, יונגע און אַלטע, פשוטע לייט און — דער עיקר אינטעליגענטן, וואס טראָגן אויף זיך און אין זיך דעם הייגטצייטיקן קין־צייכן. וואָגלט ברענער ארום צוזאמען מיט זיינע טיפּן, אָדער ריכטיקער — ער גראָבט־ארויס טיפן בעת זיינע לעבנס־וואָגלענישן. מיר האבן אַזוי ארום ביי ברע־נערן א גרויסע גאַלעריע פון פאַרשיידנסטע מענטשן און לעבנס, — עדות פון אונזער יידישן לעבן פאַר די לעצטע 20—30 יאָר. און ווי ברענער אזוי אויך זיינע הויפּט־טיפן פאַרמאָגן א באַזונדער ליבע און נייגונג צו פייניקן זיך, צו גריבלען און גראַבלען זיך אין אייגענע ליידן און ארויסצוגע־פינען און אונטערצושטרייכן תמיד דאס ווייטאגדיקע „פינטעלע ייד", דעם טראַגישן תמצית פון אייגענעם כאַראַקטער און וועזן, דעם עיקר־נערוו, וואס איז אזוי פילבאר און אָנגעשטרענגט.

„דורך ליידן ווערט אַלץ געלייטערט און גערייניקט" — זאָגט ערגעץ א העלדין ביי דאָסטאָיעווסקין. ביי אט דעם כלל האַלט זיך ברענער אָן אויפהער. זיין שעפערישע עבודה גייט שטענדיק דורך דעם גלגול פון פייניקן זיך, און ביי דעם גלי־ענדיקן פייער פון ליידן און מאַטערן זיך ווערן געלייטערט און גערייניקט זיינע מענטשן. אין די פארשידענסטע זיינע ווערק בייט זיך די סביבה און דער כאַראַקטער און אַרט פון ליידן, אבער אַלע מאכן־מיט דעם שווערן, פּיינענדיקן רייניקונגס־פּראָ־צעס, ברענער איז דאָ נישט בלויז צושויער, באַאָבאַכטער, אָבּי־יעקטיווער קינסטלער. ער לעבט אליין איבער די אַלע גלגולים, זיי שטאמען אייגנטלעך פון די טיפענישן פון זיין האַרץ. זיינע אַלע הויפּט־העלדן פון זיינע גרעסערע ווערק און אויך פון פיל־פיל קלענערע שאפונגען זענען סוף־כל־סוף טיילן פון ברענערן גופא, אָפּבילדער פון דעם גרויסן קינסטלער־געשטאַלט, וואס

האט איינגעזאַפּט אין זיך די קללה און ברכה, די שאָטן און ליכט, האס און ליבע, צווייפל און גלויבן, וואָר און טרוים פון דער מוראדיקער און דאָך מערקווירדיקער יידישער ווירקלעכקייט, ווען אויפלעבונג און צעפאַלונג, בויען און צעשטערן, באַנייאונג און חורבן האָבן זיך אָן אויפהער געפלאָנטערט און געדרייט.

די טראַגעדיע פון יידישן פאָלק, דעם טראַגיזם פון יידישן יחיד, דעם פלאָנטער פון יידישן כלל און פרט האט ער נישט אויפגענומען ווי סתם אן אויסערע געדאנקען־פּראבלעם, נאר ווי א שווערע אינערלעכע, פסיכישע קרענק. פאר דעם אַמאליקן, פריערדיקן אינטעליגענט איז עס געווען א פראגע, אויף וועלכער מ׳האט געזוכט, צוגעקלערט און געשאַפן תשובות, אויסגאַנגען און באַוועגונגען. ברענער אָבער איז געווען פאר־פלאנטערט אין נעצן פון אידעען, אויסלייזונג און באפרייאונג, און פון דארט גופא ארויסגעשריען און געזוכט וועגן און אויס־וועגן.

ער האט פארמאגט אן אויפגערייצטן געוויסן, וואס האט אים קיינמאל קיין רו נישט געלאזט. ווי ביי יעדער יידישער שמחה און יום־טוב מוז קומען דער זכר פון „יום־המיתה" און דער „זכר לחורבן", אזוי האט ביי ברענערן זיך שטענדיק אריינגעמישט דער ביטערער טראפּן, דער סם, וואס נאגט און פארביטערט און עסט זיך איין ביז צום ביין. ברענער האט זיך קיינמאל נישט געקענט באפרייען פון זיין שטענדיקן דעמאנישן באגלייטער, וואס האט אויף שריט און טריט געשראקן אים און שווער געמאַכט זיין הארץ און געמיט. אין זיינע שאפונגען טרעפן מיר זעלטן־ווען אַ שמייכל, א ליכטיקן זונען־שטראל, א גליקלעכן אויסדרוק און געפיל, א מונטערע שטימונג. נאר הארבסט און טונקעלע הימלען, און שווערער בליי, וואס דריקט אויפן האַרץ, און גרענעצלאזע יסורים און היסטערישע קרענקלעכקייט און משונהדיקער געוויסן־ביסן און שטענדיקע ארומבלאנדזשען און איבערגעטריבענע אומצופרידנהייט. און אַלץ מיטאנאַנדער טראגט אויף זיך דער יונגער איטעליגענט, — די פארקערפּערונג

פון ברענערן, זיין אפבילד און אויסדרוק, — און ברענער קוויקט זיך דערמיט, שפייזט זיך מיט דעם, האט הנאה פון דער זעלבסטפייניקונג, ווי דער רוסישער גאון-קינסטלער דאסטא-יעווסקי אין זיינע ווערק, ווען ער האט אזוי פארגעטערט.

אָבער דאך שטראַלט אַמאָל אַרויס ביי ברענערן דער טי פער גלויבן, דער פונק פון האָפנונג. ע׳ איז דאָך נישט שטענ-דיק דער האפנונגסלאָזער פעסימיסט. דאָ און דאָרט אין פאַר-שיידנסטע ווערק שרייען-אַרויס מונטער-אויפרופן. אַ גלויבן, וואָס קומט פון פולן יאוש, אַ רוף צום לעבן פון נאָך אַלעמען. און דער גלויבן און דער רוף איז פון דעם יחיד, פון דעם פרט, וואס פון אים דאַרף און וועט געשאַפן ווערן דאָס כלל-לעבן. דער „איך" לעבט, דער יידישער „איך" וויל לעבן און מוז לעבן, און דעריבער דאַרף און וועט אויך לעבן דער כלל, די נאַצ-יע און וועט שאַפן נאָרמאַלע, געזונטע פאָרמען פון לעבן.

דער וואונדערבאַרער כוח פון דעם ווילן צו לעבן, צו עקזיסטירן, נישט געקוקט אויף אַלץ און אויף צו להכעיס אַלעמען.

די טעאָריע און וועלט-אַנשויאונג פון ברענערן די לעצטע יאָרן פון זיין פיינלעך לעבן.

און ס׳וואָלט געווען נישט ריכטיק און מיר וואָלטן גע-זינדיקט קעגן ברענערן, מען זאָל אים פארוויגן נאָר פאַר אַ שווערן פעסימיסט און פאַר אַ טונקלערן צווייפלער. ער איז מיט זיינע אַלע ווייטאגדיקע רמ״ח איברים דאָך אַ טיפער גלויביקער, פאַנאַטיקער. פאַנאטיש איז ער פאַרליבט און פאַרגלויבט אינעם יידישן גייסט, אינם „נצח ישראל לא ישקר" און הערט שטענ-דיק די טריט פון אויסלייזער און געגלויבט דאָך אין זיין קומען. אָפטמאָל האט ער זיך אַליין „אָפגענאַרט", מיט אַלע כוחות גע-נומען זיך אַליין איבערצייגן און פול געוואָרן מיט גלויבן און אַנטציקונג.

און ס׳איז געווען אין זיין צווייפלען און אין זיין גלויבן וואונדערלעכע סתירות, דער צווייפל און גלויבן האָבן זיך שטענ-דיק געפלאָנטערט אין אים.

און אָט די וואונדערלעכע סתירה פון דעם פערזענלעכן „איך" און דעם נאַציאָנאַלן קעמפער ראַנגלט זיך אין ברענערס האַרץ און רייסט זיך אַרויס אין די פאַרשיידנסטע ווערק, אַר־טיקלען און ראָמאַנען, וואָס ברענער האָט געשריבן. עס איז דער קוואַל פון וואַנען דער פאַרצווייפלט־גלויביקער ברענער האָט געשעפּט „מים חיים" און ביטערע סם־טראָפּן פאַר זיין שאַפן. לייענט אַדורך דעם „בין מים למים", „מכאן ומכאן" און עס דעקט זיך פאַר אייך אויף די פיינלעכעליידן פון ברענערן, וואס וויל געפינען דעם אויסגאַנג, דעם אויסוועג, די איבער־לעכע גאולה.

ברענער איז פון די געציילטע יידישע שרייבער, וואס איז נישט בלויז קינסטלער, נאר אויך לערער, וועג־וויזער. ער האט געלעבט מיט די צייט־פראגן און צייט־פּראבלעמען און גע־זוכט א באשייד און אן ענטפער פאַר זיי. און נישט בלויז ט ע א־ר ע ט י ש. אין אַבסטראַקטע וועלטן האט זיך ברענער ווייניק־וואס ארומגעדרייט. יעדע לעבנס־אויפגאבע האט ער אליין, אליין־ממש פארענטפערט, און אליין איבערלעבנדיק, אליין אדורכגעמאכט דעם נייעם וועג, האט ער גערופן און געצייכנט וועגן פאר אנדערע. און אפטמאל זיך אליין קאנטראלירט, געמאכט נסיונות מיט זיך אליין און געווען שטרענג און אומבארמהערציק צו אייגענע טרוימען און איבערלעבונגען. ער האָט דעריבער גע־האַט דאס רעכט שפּעטער צו טייטלען, צו מאָנען, צו טאדלען. פאר זיינע שטראף איז ביי אים געווען שטענדיק א פעריאָד פון טיפע איבערלעבענישן, פון שווערע פּרובן, שווע־ע נסיונות. אין דעם זין איז ברענער אפשר פון די איינציקע ביי אונז, אפשר דער איינציקער. און דעריבער איז ברענער די לעצטע יארן געווען אזוי באליבט ביי דער ארץ־ישראל־יוגנט, צווישן וועלכער ער האט די לעצטע יאָרן געלעבט, געשאפן און געאר־בייט. דעריבער האט זיין פריצייטיקער, טראגישער טויט גע־מאַכט אזא שוידעלעכן איינדרוק.

1924

י. אפּאטאשו

זיין ערשטער ארויסטריט אין אונזער ליטעראַטור איז געווען אין יאָר 1910. ער האט דאַן אפּגעדרוקט אין א יידישן זאמלבוך אין אמעריקע א דערציילונג „אויף יענער זייט בריק",— א מעשה פונם לעבן פון די קרעפטיקע געזונטע יידישע יונגען הינטער א פּויליש שטעטל. נישט דאס פּאטריארכאלע, מיוחסדיקע, מפּונקדיקע יידיש לעבן פון שטעטל גופא האט אים פון אָנהייב אינטערעסירט, נאר דאָס שטייפע, בלוטפולע חוצפּהדיקע האט צוגעצויגן זיין קינסטלערישע אויפמערקזאמקייט. נאך דער ערשטער דערציילונג איז געקומען די אפּגעטאָקטע, שטייפע און פארביקע נאוועלע „מאריס און זיין זון פיליפּ" — שוין פון אמעריקאַנער-יידישן לעבן און אויך פונם לעבן פון די „ארויסגעשטויסענע" מענטשן. דערנאָך (אין 1913) ברענגט ער זיין „ראָמאן פון א פערד-גנב", זיין „לילי" און „פון ניו-יארקער געטא" א. א.

און זיין קינסטלערישער כאַראקטער, זיין פיזיאנאמיע איז קלאר און בולט אויסגעשניטן אין די עטלעכע שווערוואגיקע נאוועלן. נישט געקוקט אויף דער פארשידנאַרטיקייט פון די סיוזשעטן, האָבן מיר און די דערציילונגען פון יידיש-פּוילישן לעבן און פון יידיש-אמעריקאנישן לעבן דעם בייעם, ראשיקן-ליידנשאפטלעכן טאָן, די פעסטע, שטייפע פארם און די אויסדרוקפולע, רעליעפע שטריכן.

דאָס יידישע שאַפן האט געליטן פון צופיל צעשוואומענקייט. די יידישע ליטעראַטור האט זיך צופיל געהאַלטן ביי צעפלאָסענע סענטימענטאל-נאַאיווע אדער אבסטראַקט-געדאנקלעכע

באַשרייבונגען. אונזער נאַטור־שילדערונג און געשטאַלטן־שיל־
דערונג, אונזער דיאַלאָג און מאָנאָלאָג איז געווען צופיל באַ־
רעדעוודיק. און י. אפּאטאשו איז געקומען און מיטאַמאָל אַרויס־
באוויזן מערקווירדיקע בולטקייט און קלאַרקייט; האסטיקע באַ־
וועגונגען און שאַרפע, עקיקע שטריכן, און דערצו פאַרמאָגט
אַן אינערלעכן טעמפּעראַמענט, וואָס באַלעבט און באַוועגט זיינע
אימפּעטפולע טיפּן. דער נעאָ־רעאַליזם אין דער יידישער ליטע־
ראַטור, וואָס ווייכט פון פּרטים, איינצלהייטן, פון עטנאָגראַפישע
באַשרייבונגען און גיט אין געציילטע שטריכן דעם תמצית,
דעם עיקר. די נייע אַרט־שילדערונג, וואו אין די איינצעלנע
טאַטן קאָנצענטרירט זיך אַלדאָס וויכטיקע, וואָס דער מענטש
אין זיין לעבן פאַרמאָגט.

און אַט די עיקר־עלעמענטן אין זיין באַזונדערן אַרט־
שילדערן, וואָס האָבן זיך אַזוי בולט אַרויסבאַוויזן נאָך אין די
ערשטע דערציילונגען, ווערן וואָס ווייטער דורך אפּאטאשו אַלץ
מער פאַרטיפט און פאַרפולקאָמט אין זיין ווייטערדיקן שאַפן.
אַרכיטעקט, בוי־מייסטער, מיט אַ פעסטער קינסטלערישער קול־
טור. און אַלץ איינס — וואָס ער שרייבט: צי פון דער אַל־
טער היים, אָדער פון ניו־יאָרקער געטאָ, צי וועגן אַ פּסיכאָלאָ־
גישער איבערלעבונג, אָדער אַ נאַטור שילדערונג. אומעטום איז
דאָ קינסטלערישע אויסדריקלעכקייט, וואָס דערנענטערט זיך צו
סקולפּטור. די אַלע טיפּן און געשטאַלטן, געפילן און איבער־
לעבונגען, בילדער און שילדערונגען האָבן כאַראַקטער, שניידן
זיך אויס ביי אים מיט קלאָרע קאַנטן, מיט שטייפע שפּיצן.
כאַראַקטער און ממשותדיקייט, בולטקייט און קאָנקרעטקייט. אויס
מיט צעפלאָסענע שטריכן, אַוועק מיט די האַלבע ווערטער, מיט
די בלייכע שאָטנס. טאַטן און פאַקטן, באַוועגונג און לאָגיק.

אַט דאָס איז אָפּאַטאשו. זיינע דערציילונגען האָבן גלייך
איבערצייגט און צוגעשמידט די אויפמערקזאַמקייט פון דער
קריטיק און פון די לייענער צו דעם קינסטלער.

צוזאַמען מיט די ווירטואָזע קינסטלערישע מאָס און וואָג,

צוזאמען מיט דער לאגישער אויסרעכנטקייט אין שאַפן, פאַרמאָגט ער באַגייסטערטע און הייסע ליידנשאַפט און שטעקט אָן מיט דעם זיינע טיפן. ער איז אויף זיי משפיע פון זיין גלאַנץ, פון זיין באַשטראַלקייט. אין די טיפן רינט ליידנשאַפטלעך הייס־בלוט, א שכרות, א שכרות פון ליבע, א שכרות פון אייגנליבע, א שכרות פון עקשנות, א שכרות פון מאַכט און אַפילו א שכרות פון פייניקן.

די טעמפעראַטור איז שטענדיק א הייסע, די געפילן, נערוון, עמפינדליכקייט — אנגעגליטע. עס ברענט, עס בריט. די מוסקולאטור — אָנגעצויגן, פארשטייפט, און גלייך קומט דער אויסברוך, דער געראַנגל. אומוואַרפן, דערשטיקן, באַזיגן, אדער אַנידערפאַלן, זיך אונטערגעבן און אַן עק! אהער אדער אהין. קווענקלעניש, אָנדייטונגען, נאכגיביקייט זענען אים אינגאנצן דערווידער. ער האַט פיינט פוסטע צערעמאָניעס. סענטימענטאַלע אפווייכונגען, זיסלעכע גאָרנישטזאָגנדיקע ווערטער און באַגריפן.

א שאַרף אויג, א שטייפער בליק. קלאָרער אויסדרוק און קאָנקרעטער אינהאַלט.

*

אפאטאשו איז דורכאויס אַ יידישער און נישט קיין יידישלעכער שרייבער.

דער פריערדיקער יידישער שרייבער האָט זיך געשטיקט אין דער יידישלעכער סביבה, געוועז לחלוטין דורכגעדרונגען מיט גוזמאדיקער יידישקייט, מיט יידישן שטעטל און יידישלעכן לעבנס־שטייגער. און די וועלט, די נאַטור, די לעבנס־געשעעענישן געזען דורך יידישלעכע ברילן. אַלץ איינס — צי די יידישקייט באַשטייט אין דעם שירם אונטערן האַנט מיט דער טראַדיציאָנעלער רויטער פאַטשיילע אָדער אין דעם שטענדיקן פילן און ארומטראָגן זיך מיטן פאַרשאָלטענעם יידישן „זיין און נישט זיין". פאַר אפאטאשון איז שוין דער ייד — א מענטש, און אַ געזונטער יידישער מענטש. עס איז דעריבער אויסגעמיטן ביי

אים די ספּעציפישע יידישלעכע קרענקלעכקייט. און ממילא איז דער צענטער ביי אים — דאָס מענטשלעכע. אין ערגסטן פאַל — איז עס שוין ראַסע־פּראָבלעם, נישט נאַציאָנאַלע פּראבלעם. דאס יידישע פּראָבלעם איז ביי אים ווי דאס נעגער־פּראבלעם ווי דאס כינעזישע און איטאַליענישע — א ראסע־פּראָבלעם. און עס איז כּלל נישט קיין קליניקייט. עס איז אַן „איבערראשונג פון אלע שאצן”. א נייע אויפפאַסונג פון יידן און זייערע איבערלעבונגען און צוזאַמענשטויסן.

אין דעם ליגט דאָס נייע, מאָדערנע, וואָס איז פאַראַן אין אָפּאַטאָשון, וועלכער האָט שוין פאָרמירט זיין וועזן, זיין פּסיכאָלאָגיע, זיין וועלט־באַנעמונג אין דער נייער אַמעריקאנער אַטמאספער. און דאס איז דאָס געזונטע, נארמאַלע, נאַטירלעכע, מענטשלעכע, וואס אמעריקע האָט געגעבן אונזער יידישער ליטעראַטור.

זיינע אמעריקאנער ערציילונגען אָטעמען מיט גליענדיקער אטמאָספער פון ברויזנדיקער און רעשדיקער שטאָט. מיר זענען געוואוינט געווען צו שאטנס, צו בלייכע שאטנס פון דעם גרויסן שמעלץ־טאָפּ. מען האט ביז איצט אונז געשפּייזט מיט דערנידערטע און צעקוועטשטע נפשות פון יידישן געטא אין ניו־יארק. אפּאטאַשו האט באוויזן געזונטע טיפּן, כאראקטערפולע מענטשן, קרעפטיקע יונגען, וואס זענען אויסגעהאדעוועט און פאַרהאַרטעוועט געווארן אין דער נייער גרויסשטעטישער אטמאספער. אַלץ ווערט פארכאַפּט ביי אים מיט דעם אימפּעטפולן געיעג און גערודער, מיט דעם פארשנעלטן טעמפּ פון פילן און דענקען. אַן אַלץ־שטייגנדיקער געראנגל פון אינערלעכע און אויסערלעכע כּוחות, וואס ווערט געטריבן און געיאָגט פון אויסערגעוויינלעכע אַרומיקע לעבנס־באדינגונגען און פארשיידנארטיקע סתּירותדיקע פּאסירונגען. אפּאַטאשוס שפּראַך, סטיל און ק א ל א ר י ט איז פּונקט אזוי פארשארפט, אָנגעשטרענגט און איז פול מיט פּאטאס, ווי די טיפּן אליין און זייער לעבנס־שטייגער. אָפּאטאַשו האט אריינגעטראָגן אין דעם יידישער ליטעראַטור די נייע, שטייפע

און וואָגיקע שפּראַך, דעם מאָדערנעם פאַרשאַרפטן און אויפגע־רייצטן שאַפונגס־נוסח.

און צווישן די יונגע יידישע אַמעריקאַנער פּראָזאַיקער איז אָפּאַטאַשו באַזונדערס געלונגען צו זען און אויפצופּאַסן דעם נייעם יידישן נוסח, דעם נייעם יידישן טיפּ, די נייע יידישע סביבה אין זייער נייער לעבנס־סיטואַציע. די גרויסע אַמעריקאַנער שטאָט, דער גליענדיקער אָטעם, דער האַסטיקער אימפּעט, דער געווירבל פון איינדרוקן און ווירקונגען, דער טעמפּ פון מאַסן — און אויף דעם פינקלדיקן פאָן סימנים, שטריכן פון דעם פאַרענדערטן, באַנייטן און נייעם ייד.

*

אין דער זעלבער צייט האָט י. אָפּאַטאָשו אָנגעשריבן זיין ראָמאַן „אליין". דער ערשטער פּרוב אָפּאַטאָשוס צו פאַרמעסטן זיך אויף דורי־דורות לעבן, אויף ברייטע תּקופות־שטחים, אויף ראָמאַן־יריעות. און ווען אָפּאַטאָשו האָט גענומען שעפּן פולע הויפנס פון דער יידישער פאַרגאַנגענהייט, האָט ער ממילא גע־מוזט ווענדן זיין בליק צו דער „אַלטער היים" און אַרויס־ברענגען אַ גאַנצע ריי טיפּן פון אַמאָליקן יידישן לעבן. און ממילא האָט די פאָרם פון שרייבן, שילדערן געמוזט זיך ענ־דערן, צוגעפּאַסט צו דער סביבה, צו די פאַרהעלטענישן, וועלכע אָפּאַטאָשו האָט אין „אליין" געגעבן. עס פעלט דעם „אליין" די ספּעציעלע בולטקייט און צמצום פון ווערטער און שילדע־רונגען, מיט וואָס עס טיילן זיך אויס אָפּאַטאָשוס באָוועלן פון די ערשטע יאָרן. אָבער דערפאַר וויקלט זיך פאַנאַנדער פאַר אונז אַ משפּחה־לעבן מיט אַ יידישן אַלטמאָדישן שטאַם מיט מנהגים, געוואוינהייטן אין יידישן לעבנס־שטייגער. די פּאַסירונ־גען לאָדן זיך אויס פּאַמעלעך, בהדרגה, אפשר ערטערווייז צו בהדרגה, צו פּאַמעלעך. אָפּאַטאָשו האָט דאָ אָנגעשלאָגן אַ יידישן פאָלקסטימלעכן טאָן און ער האַלט זיך ביי אים כמעט אין לויף פון דעם גאַנצן ראָמאַן ביזן סוף.

דער „אליין" איז אָפּאַטאָשוס ערשטער אַריינפאַר אין די

געדיכטעניש פון דער פארגאנגענהייט, וואו ער האט אנגעטראפן מענטשן, שאטנס, ערינערונגען און פארוואקסענע וועגן צו אמאליקע גרויסע געשעענישן, צוזאמענשטויסן און ראנגלענישן. בלייכער אפבילד און אפשיין פון ראשיקע, טומלדיקע יארן. די אפבילדער און אפקלאנגען האבן אים גיך געפירט צו די עצם געשעענישן. אין „אליין" פילן מיר דעם פארשטומטן אפקלאנג פון אמאל. מיר האבן דא מרדכין — א שווייגנדיקן, פארשטומטן, א פארוקטן אין זיך, א פארוואקסענעם; שרהקען —, וואס לעבט לכתחלה „אין ווילדן וואלד אליין", טראגט אין זיך יומרו און אפאטיע, ירושה פון איר מוטער און פאטער; בריינען —, וואס באגלייט מרדכין אויף זיין שווערן לעבנס־וועג, איז אן עדות פון פיל ענדערונגען און זאגט ערגעץ־וואו, אז די וועלט ווערט אלץ ערגער; די יידישע, פוילישע רעוואלוציאנערן, — וועלכע לעבן־אויס זייערע לעצטע יארן אין דער העק, די חסידים, — וואס קלאגן זיך אויף שרהקעס תנאים: „אוי כאלאדנע, ס'איז קאלט אויף דער נשמה"... אויפן גאנצן שטח פונם ראמאן „אליין" פילן מיר די וואך, וואס איז געקומען נאך דעם גרויסן יום־טוב, שאטנס רוקן זיך פון אלע זייטן. ס'איז אויסגעליידיקט געווארן דער אינהאלט, וואס האט באגייסטערט און אנגעצונדן די מענטשן אמאל אין זייער יוגנט, און איצט פארלאזן, פארגעסן פון צייט און וועלט פארענדיקן זיי א הערלעכע תקופה פון יידישן און אלגעמיין־מענטשלעכן לעבן. „די קניפן אין דער קייט האלטן זיך נישט מער, צעקריכן ווי שפינוועבס". און מרדכי, נאך דעם אנטלויפן פון שרהקען, ווערט ווי אויפגעטרייסלט פון זיין פארגליווערטקייט, ער דערפילט אין זיך אזא ליכטיקייט, ווי ער וואלט אנגעטאפט אין זיך די פעדעם, וואס פארבונדן אים מיטן אלטן בית־עלמין און אלץ אין אים האט געשריען:

„איך בין דער לעצטער אין דער משפחה!..."

עס גייט אַדורך אַ הפסקה פון עטלעכע יאָר אין אָפּאטאָ־שוס שאפן, און פּלוצים — אַ געוואלדיקע איבערראשונג. מיר באקומען זיין „אין פוילישע וועלדער". ברייטע שטחים, ברייטער פּאַרנעם.

אַ דורות־לאנגע קייט פון געשעענישן און פּאַסירונגען, אַ רייכער אוצר פון געשיכטלעכע טיפן און געשטאלטן, פּראכט־פולע שילדערונגען פון איינצעלנע טיפן און מאסן, סצענעס, און דאס אַלץ געפלאכטן און געוועבט אין דער ראם פון „די פּוי־לישע וועלדער".

די ווידמונג אינם אָנהויב פון די „פּוילישע וועלדער":

„מיין פאטער דעם מקובל, מיין מוטער פון די ליפּאָ־וועצער וועלדער".

אין דער ווידמונג גופא ליגט דער תמצית און מהות פון די צוויי באזונדערע עלעמענטן, וואס זענען אָרגאַניש באהעפט אין די „פּוילישע וועלדער". די צוויי פארשיידנאַרטיקע עלע־מענטן, וואס שטאמען פון גאר באזונדערע זייטן אינם יידישן לעבן, וועלכע ווערן קונציק געאייניקט אין פארשיידענע קאַ־פּיטלען, אין פארשיידענע מאָמענטן אינם בוך.

ווייטער אַ ביסל, אין די ערשטע קאַפּיטלען, ווערט בדרך־אגב אזוי דערציילט:

„מרדכי האט זיך אפּגעשטעלט. ביי דעם זעכצן יעריקן בחור האבן זיך די גרויסע, גרויע אויגן צעשפּילט און ער האט מיטאמאל, אומבאַוואוסט, ווי אָנגעטאפּט היגטער זיך דורות און זיך דערפילט בכח ווייטער צו שפּינען דעם פאָדעם".

און מיר דערשפּירן צוזאמען מיטן מחבר די דורות, וועל־כע האבן געלעבט און געשאפן און מען דערפילט זיך אליין ווי רייכער, אָנגעלאדענער און גרייט ווייטער צו שפּינען און צו שאפן.

מיר האבן שטארק געזינדיקט קעגן אונזערע פארגאנגענע

דורות, מיר האבן געוואוסט נאר וועגן איינצעלנע ספרים און מחברים, אבער נישט געהאט קיין אנונג וועגן א ברייטער פיל־פאכיקער יידישער סביבה, מיט אייגנארטיקע לעבנס־אינטערעסן, מיט זייער אמתן יום־טובדיקן און וואכעדיקן לעבנס־שטייגער. אפּאַ־טאשו האט מייסטעריש אויפגעלעבט אַ גאנצע תקופה אין אונזער לעבן און צוגעגעבן איר גלאנץ און פּראכט.

רעאַלע פאקטן אדורכגעוועבט מיט פאָלקס־פאנטאזיע, קאנ־קרעטע מעשים אדורכגעמישט מיט קינסטלערישן שאפן. ווייטע און דערווייטערטע געשיכטלעכע פיגורן לעבן אויף אין אַ מענטש־לעכן געשטאלט, דורות־פאַרגאנגענער שטאָף, וואס איז רויער־הייט פון לאנג אָן געלעגן פארלאזט, איז צערודערט און אויפ־גערודערט, ספרים, פארשטויבטע און פארגעסענע האבן באקומען מענטשלעכן חיות, האבן אָנגעהויבן צו באוועגן זיך, פריי אָפּ־צוּטעמען, און ס'איז געשאַפן געווארן אַ בונט, ראשיק לעבן פון א גאנצן דור.

דאָס רעאלע און פאנטאסטישע, דער ווירק־לעכע לעבנס־שטייגער און דאס אויסגעטרוימטע מישן זיך אזוי אויס, און איינס שטארקט דאס צווייטע, איינס ווערט קלערער און בולטער אינם שיין פונם אנדערן.

און אין דעם באשט״ט דער כוח פון די „פוילישע וועלדער״.

אַ שפע פון גייסטיקער עשירות אויפן רעאַלן פּאָן פון לעבעדיקן לעבן און לעבעדיקע מענטשן. די אויס־געאיידלטע און אויסגעצערטע יידישע נשמה, וואס דורות־לאַנג האט זי געלעבט צווישן די טויטע אותיות, האט זיך מתחתן געווען, זיך באהעפט מיט ממשותדיקער ערדישער קראַפט, וועלכע איז אויסגעהאָדעוועט אויפן שווארץ־ערד פון די ליפּאָוועצער וועלדער, און געצויגן יניקה פון דעם זאפּ־טיקן, קערנדיקן פאלקס־באָדן. און אַרום דער צווייטער העכערער יידישער למדנישער וועלט איז געשאַפן גע־

וואָרן דאס ממשותדיקע אייגנאַרטיקע יידיש לעבן פון די יידישע פאָלקס-שיכטן.

„די פוילישע וועלדער" געבן אונז א רייכע גאַלעריע פון אַן אשיער טיפּן, — טיפּן גרעסערע און קלענערע, וויכטיקע און נישט-וויכטיקע, עס זעען אָנגעצויגן אהער פארשיידענע מאָמענטן פון דער געשיכטע פון יידן אין פוילן, די פיל מענטשן און פּרטים אין בוך שטערן אפשר צייטנווייז דער גאַנצקייט פונם ווערק, געשיכטלעך זענען אייניקע פּרטים נישט גאר-ריכטיק צוזאַמענגענומען, אָבער עס איבערראַשט אונז די עשירות, די שפע און עס קומט ארויס אַ רייכע תּקופה, וואו עס לעבט און באַוועגט זיך, וואו דאס גרעסערע און קלענערע ווירקט און העלפט מיט דעם לעבן פון אזוי פיל איינצלהייטן, און פון דעם אלעם שטעלט זיך צונויף אט דער סך-הכל, וואס טראָגט דעם נאָמען תּקופה.

„יעדער צווייג פון דבורהלעס יחוס איז געווען אַ באַזונ-דער שטיק-לעבן, א יידישע לעגענדע, וואס איז איבערגעגאַנגען פון טאַטע צו זון, פון מאַמע צו טאָכטער, א לעגענדע פון יידן אין פוילן".

אזוי נעמט אויף אפּאַטאָשו יעדן פּרט אין זיין פּילפּאָב-ריקן ראָמאַן. יעדע תּנועה איז איינגעפּאַסט אין דער געשיכט-לעכער פאַרגאַנגענהייט פון גאַנצע דורות, אין יעדן ציטער און צאַפּל פון דעם שפּעטערדיקן מענטש פילט ער די ווירקונג און באַהעפטונג צו פריערדיקר גייסטיקע און רעאַלע כּוחות. און דער מקור, דער קוואַל פון וואַנעט עס ציט זיך דער חיות, די יניקה ווערט פון אַפּאַטאָשון אנטפּלעקט און אויפגעדעקט. פלעכטן זיך אויס אזוי אין איין געוועב נאַפּאָלע-אָן, דער קאָצקער רבי, בערעק יאָסעלעוויטש, דער „חדושי מהרי"מ" נחמן קראָכמאַל, ר' יהונתן פּרעגער, שמואל דוד לוצאַטו, דער פוילישער טאָוויאַנסקי און נאָך און נאָך. און דער-צו זענען אין בוך געגעבן פּרעכטיקע מאַסן-סצענעס, וואו די רויע-גרויע מאַסע לעבט און אָטעמט מיטן פוילן הארצן און איז

ראַשיק און הילכיק, באַוועגלעך און מונטער, ווי מאַסן קאָנען זיין קרעפטיק און באַוועגלעך. אַזעלכע מאַסן־סצענעס זענען פאַראַן אין בוך עטלעכע. די גאַנצע שטוב פון די ליפּאָוועצער מיט זייער משפּחה ברידער, שוועסטער, איידעמס און שנורן, די עדה חסידים, וואָס ציט זיך אין לאַנגן וועג נאָך קאָצק, דער קאָצקער הויף מיט די אַלע אָנגעלאָפענע און אָנגעקומענע שווערע הערצער, און ענדלעך די פּוילישע דערפער אין צייט פונם אויפשטאַנד. עס קייטלען זיך אַזוי די פּערזענלעכע איבערלע־בונגען פון די איינצעלנע מיט די מאַסן־פּאַסירונגען אויפן ברייטן פאָן און רחבות אין בוך, געשיכטלעכע הרחבה און פאַרנעם.

און וואונדערבאַר, ווי עס פלעכטן זיך אין בוך דאָס יידישע און נישט־יידישע, ווי גרויס עס איז די אָרגאַנישע פאַרבינדונג צווישן די ייִדן און פּוילן. ניט געקוקט אויף דער פולשטענדיקער אָפּגעזונדערקייט פונם יידישן און פּוילישן לעבן, ניט געקוקט אויף דעם געטאָ־כאַראַקטער פון ביידע פעלקער, — יעדעס פאָלק אויף זיין אופן, — דאָך ציען זיך אָן אויפהער פון איינעם צום צווייטן פעדעם, וואָס קניפּן צונויף און פאַרבינדן. דעם לעשניק און מרדכיס פאָטער אברהם זענען אויפגעוואַקסן צווישן די אַלטע הונדערטיעריקע דעמבעס און דאָס געמיינזאַמע אויפנעמען די וועלט לאָזט זיך פילן ניט איין מאָל אין בוך. נאָך רעליעפער קומט עס אַרויס שפּעטער, ווען מרדכי פאַלט אַריין אין דער סביבה פון די קעמפער אינם פּוילישן אויפשטאַנד.

י. אָפּאַטאָשו דערציילט:

„די פייערדיקע שווערד פון זוהר איז דאָ (ביי קאָ־מאַראָווסקי, וואָס דערציילט וועגן פּוילישן טאָוויאַנסקי) פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ שאַרפע, שטאָלענע שווערד".

אַ רעאַלער דורכאויס רעאַלער ראָמאַן, און דאָך אַ בונטע, פילבאַרביקע פאַנטאַסטישע ווערק. חלומות און וואָר,

ממשותדיקע געשעענישן און קינסטלערישע פאנטאזיע איז דאָ צו־
נויפגעמישט און אינם גאנצן געגומען איז עס אגרויס בוך, „די
לעגענדע פון יידן אין פוילן"...

א גאנצע עפאפייע.

די אמונה און דער בטחון אין דער קייט פון דורות,
אין דער גרויסער יידישער לעגענדע איז אים בייגעשטאנען.
און אין זייער זכות האט ער געשאפן דעם אמתן יידישן גייסט־
רייכן ראָמאן.

1924

שאול טשערניכאָווסקי

שאול טשערניכאָווסקי איז כמעט אין איין צייט מיט חיים נחמן ביאַליק אריינגעטראטן אין דער העברעאישער ליטעראַטור און גלייך פארנומען דארט א בכבודיקן אָרט. ווי ח. נ. ביאַליק איז ער געווען לכתחלה ענג־פאַרבונדן מיט דער קליינער אָדע־סער גרופּע בארימטע העברעאישע שרייבער און מיט אירע ליטעראַריש־תּלמיד־הכמישע טראַדיציעס. דאס רוב פון זיינע לידער האט ער ווי ביאַליק פארעפנטלעכט אין דעם דאמאָלס־דיקן „מרכז רוחני" אין „השלח".

די נעמען ביאַליק־טשערניכאָווסקי פארבינדט מען דערי־בער שטענדיק, ווען מען רעדט וועגן דער העברעאישער דיכטונג פון די לעצטע 20—30 יאָר. מען זאגט זיי ארויס, די נעמען, אומבאַדינגט אין איין אָטעם, הגם זיי זענען אזוי בישט־ענלעך און אזוי וייט איינער פונם צווייטן. ביאַליק איז דער דיכטערישער אפּאָסטאל פון „יהדות" און טשערניכאָווסקי דער דיכטערישער אפּאָסטאל פון „אנושית".

ווי חיים נחמן ביאַליק אין אויך שאול טשערניכאָווסקי א פולע פארקערפּערונג פון א גאַנצער דיכטונגס־וועלט, א פולער אויסדרוק פון א רייפער וועלט־אָנשויאונג, א געשטאלט, וואָס מיט דער צייט איז זי פארענדיקט און אויסגעפורעמט געוואָרן אין אַן איינהייטלעכן נוסח.

נישט שאָטנס און שפּינוועבס פון אַלטן בית־המדרש האבן טשערניכאָווסקין אין זיין יוגנט פארוועבט אין זייער נעץ,

בישט דורות־טראַדיציע, הייליקע ספרים, נאָר די הייסע, גליענדיקע קרימער זון האט געברענט זיין פּנים און אויפגעקאָכט זיין בלוט. דאָס פּשוטע, געזונטע בעל־הביתש טאַווּרישע לעבן האָט אים אַקרעפּטיקן, פאַרשטייפּטן אויפגעצויגן, און פון די קלאַסישע, פּלאַסטישע מוסטערן פון וועלט־ליטעראַטור האט ער זיך שפּעטער געלערנט און יניקה געצויגן. אנשטאט דאָס יידישלעכע וואָליניש שטעטל — אַ טאַווּרישע שטאָט, אנשטאט ישיבה — רעאַל־שולע, אנשטאט וואָלאָזשין — היידעלבערג.

טשערניכאָווסקי האט אין אנהייב פון זיין דיכטערישן שאַפן גערעדט צו אונז אין העברעאיש — אָבער ווי אין גאָר אַ פרעמדער שפּראַך. ביאַליק האט געשריבן וועגן זיך און וועגן אונז אַלעמען און אויסגעזונגען און געדיכטעט אונזערע אַלעמענס שטימונגען און אונזערע אַלעמענס איבערלעבונגען. טשערניכאָווסקי האט מיט זיין דיכטונג מער פאַרחידושט, איבערראַשט מיט זיין נייקייט, אויסטערלישקייט, פרעמדקייט און פיל מאָל איז דער יידישער לעזער געבליבן עפּעס נישט באַפרידיקט פון זיינע לידער. עס איז אויסגעקומען, ווי ער וואָלט איבערגעזעצט פאַר אונז אַ דיכטערישע וועלט, וואָס איז אונז פרעמד און ווייט. נאָר אייניקע לידער און באַלאַדן זענען דערגאַנגען צום האַרץ פון יעדן יידישן לעזער, געוואָרן אים נאָענט און איינגעבאַקן. טשערניכאָווסקי האט זיך דעריבער גענויטיקט אין מפרשים, אויסטייטשער, וועלכע זאָלן אים דערנעענטערן צום לעזער. טשערניכאָווסקי פילט עס, און ערגעץ אין אַ ליד האט ער געזאָגט וועגן זיך, אַז אפשר איז ער געקומען צו־פרי... און נישט נאָר די פאָרם, די שפּראַך איז אַ האַרבע און עפּעס ווי נישט קיין יידישע, נאָר אויך די סיוזשעטן, דער אינהאַלט, דער כאַראַקטער פון דעם שאַפן זענען ווי גענומען פון דער פרעמד.

ביאַליק און טשערניכאָווסקי זענען געווען די צוויי הויפּטרערן, דורך וועלכע און פון וועלכע עס האט געשטראָמט

דער שאפונגס־שטראָם אין דער העברעאישער דיכטונג און ליטע־ראַטור. און יעדער איינער מיט זיין באַזונדערן כוח און יעדער איינער מיט זיין אייגנאַרטיקן עלעמענטן־שטאָף.

פון זיינע ערשטע יוגנט־לידער ביז זיינע לעצטע זאַמל־אַרבעטן (ספר האגדה, שלמה אבן גבירול) גייט ב י אַ ל י ק מיט זיין אייגענעם, אייגנאַרטיקן שאַפונגס־וועג: אַלץ דער בית־המדרש מתמיד, וואס שטייט ביים שוועל פון בית־המדרש, איז פאַרבונדן מיטן גרויסן יידישן ספרים־אַלמער און רייסט זיך אָן אויפהער פון אים; אַלץ דער יידישער וואויל־לערנער, וואָס גע־פינט זיך אָן אויפהער אין די ד׳ אמות של הלכה און אגדה און וואס רייסט יעדעס מאָל איבער זיין לערנען און ווערט נתפעל פונם שיינעם בוים און דערביי פילט ער, אז ער איז אַ „מתחיב בנפשו״. און וויפיל ער זאל נישט שטרעבן אראָפּצוּ־וואַרפן פון זיך די יידישקייט, אַלץ מער געפינט ער זיך אונ־טער איר השפעה און משא, עס וואקסן אין אים שיכטן אויף שיכטן פון מסורה, און ער פילט די נויטווענדיקייט צו ציען ווייטער די מסורה־אַרבעט פון „משה קבל תורה מסיני ומסרה...״ ביז צו דער לעצטער אַרבעט פון אַ לעצטן מחדש. און מהאי טעמא איז דער דיכטער ביאַליק די רינג אין דער לאַנגער געשיכטלעכער גייס־טיקער מסורה־קייט פון די דענקער נחמן קראָכמאַל, פּרץ סמאָ־לענסקין, מ. ל. ליליענבלום, אחד־העם, מ. י. בערדיטשעווסקי

שאול ט ש ע ר נ י כ אָ ו ו ס ק י איז פון די ערשטע נייע העברעאישע דיכטער מיט אוניווערסאַלע טענדענצן, מיט וועלט־לעכע מאָטיוון און ריין־מענטשלעכע באַגערן. פיל עלעמענטן פון זיין נאַטור זענען פרעמד דער דורות־יידישקייט, ער איז נישט פאַרוואָרצלט מיט זיין וועזן אין דער יידיש־יידישלעכער גייסטי־קער וועלט. ער גייט נישט אין זיין דיכטונג פון דעם יידישן לעבן, נאָר באַמיט זיך קומען צ ו ם יידישן לעבן. דער פאַרקער־טער פּראָצעס ווי ביי ביאַליקן: ביאַליק האט געשטרעבט זיך א ו י ס ל ע ב ן פון יידישקייט, טשערניכאָווסקי — זיך א י י נ ־ ל ע ב ן, ביאַליק — זיך ב א פ ר י י ע ן פון יידישן עול, טשער־

ניכאָווסקי — אַרויפציען אויף זיך דעם עול. ביאַליק האָט פון דער יידישער וועלט אַרויסגעקוקט און געוואָלט דערבליקן די אויסערלעכע וועלט, און טשערניכאָווסקי האָט זיך באַמיט אויפצופּאַסן די יידישע וועלט מיט אויסערלעכע, גאַנץ אָפּט — פרעמדע פאָרמען. ביאַליק איז פאַרבליבן אינגאַנצן אין דער היים און געשעפּט פולע הויפנס פון אייגענע קוואַלן, און טשערניכאָווסקי האָט געטראָטן אויפן וועג אַהיים־צו אויף פרעמדע, אומגעטראָטענע וועגן, געשלאָגן און דורכגעשלאָגן בייע שטעגן אין דער העברעאישער דיכטונג, באַנוצט זיך מיט בייע שפּראַך און פאָרם־מיטלען, וואָס זענען אָפּטמאָל נאָך נישט פאַרגלאַטיקט, נישט אַרומגעשליפט.

האָט מען טשערניכאָווסקין דעריבער, אַמאָל, אין די ערשטע יאָרן פון זיין דיכטונג, געקרוינט פאַר דעם „גריך" אין דער העברעאישער ליטעראַטור. וויבאַלד אים זענען פרעמד יידישלעכע טעמעס און ער רעדט גאַר וועגן אויסטערלישע, פרעמדע זאַכן און באַזינגט גאָר פרויען, נאַטור, שיינקייט, קערפּער און פיגורן, — איז ער אַ „גריך". מיטדערצייט אָבער האָט שאול טשערניכאָווסקי, אויסער זיינע פאַרשיידנאַרטיקע לידער, סאָנעטן און פּאָעמען, אָנגעשריבן די עטלעכע פּראַכטפולע אידיליעס פון אַמאָליקן פשוטן יידישן לעבן אין קרים מיט זיינע אַלע לעבנס־מנהגים, מיט דעם גאַנצן לעבנס־שטייגער, מיט דער פולער געזונטער נאַטירלעכקייט און פשטות און מיט טיפן פאַרשטאַנד און מיטפיל און מיטלעבן. ער האָט אויך פאַרפאַסט אַ ריי גרויסע היסטאָרישע פּאָעמען „ברוך ממאגנצה" (פון די יאָרן תתנ"ו), „ברית־מילה" (פון די כוזרים־לעבן), „בין קברות דור נכר" (פון מיטלאַלטער־צייט), „אמנון ותמר" (פון גזרת ת"ח). איז שוין ממילא דער אַמאָליקער נאָמען „גריך" אָפּגעפאַלן פון טשערניכאָווסקין, און ער איז געוואָרן אייגענער, היימישער. ער שטאַמט נישט פון בית־המדרש און ישיבה, איז ער דערפאַר נישט אַזוי געבראָכן, נישט אַזוי דורך און דורך גייסטיק, נישט אַזוי פאַרפלאָנטערט און געקניפּט און געבונדן אין פאַרגאַנגענהייט.

אויסער זיין רייכן אָריגינעלן דיכטערישן שאַפן האָט ער אריינגעטראָגן אין דער העברעאישער ליטעראטור זיינע איבערזעצונגען־איבערדיכטונגען פון אינדישן עפּאָס — לאָנגפעלאָס „דאָס געזאַנג פון „הייאוואַטא״, דעם בבלישן „גילגאַמעש״ דעם פינישן „קאַליוואַלאַ״, די גריכישע „אָדיסייע״ און „איליאַדעס״, פּלאַטאָנס „מאָלצייט״. און מיט אזא וואונדערלעכע ליבע און פּיעטעט האט ער זיך איינגעלעבט און אויפגעפּאַסט אין זיין מאנאגראַפיע דעם געשטאַלט פון דעם אמאָליקן העברעאישן משורר עמנואל הרומי, צו וועלכן ער האָט געפילט א באזונדערע נאָענטקייט און פארבונדנקייט, ווי ער, טשערניכאָווסקי, זאל זיין דער ווייטער יורש פון עמנואל הרומיס אַמאָליקן גייסטיקן און שעפערישן רייכטום... אין דעם אויסוואל פון די ווערק וואס ער האט אריינגעבראכט אין דער העברעאישער ליטעראטור פון די פרעמדע שפּראכן, ווייזט זיך ארויס דער אייגנארטיקער אוניווערסאלער כאראקטער פון שאול טשערניכאָווסקי, — דעם מענטש און דעם דיכטער, — און זיין ספּעציעלער אָרט אין דער העברעאישער ליטעראטור.

שאול טשערניכאווסקי האט זיך געוויס פיל געענדערט פאר די 25 — 30 יאר פון זיין שאפן. די אוגעווייטע און אנגעשטעקטע געפילן און שטימונגען פון דער פרעמד האבן זיך וואס־ווייטער מער אויסגעוועפּט און ער דערשלאָגט זיך אלץ מער צו אייגענע קוואלן. ער נעמט אויף זיך מער ארויף דעם עול פון ממשותדיקן יידישן לעבן, פון ממשותדיקע פּאַסירונגען, און ער ווערט קאנקרעטער, מער געבונדן צו יידישער ווירקלעכקייט. און באַזונדערס לאזט עס זיך פילן אין זיינע שאפונגען פון די לעצטע צען יאר, וואס זענען צונויפגעקליבן אין דעם באַנד „שירים חדשים״ (לידער און פּאעמען, סאָנעטן און אידיליעס, געשריבן אין די יארן תרע״ד — תרפ״ג). שוין די נעמען פון די לידער זאָגן עדות וועגן דער פארשיידנאַרטיקייט פון דעם דיכטערס שאפן פאר דער לעצטער צייט: מיר האבן דאָ גוישע סאָנעטן („סונטות עכו״ם״), א בינטל סאנעטן צו דער זון

(„לשמש״), אַ רײ אָריגינעלע געזאַנגען וועגן קרים, אַ סעריע האַרצרײסנדיקע לידער וועגן די שחיטות („על הדם״), אַ גרױס ליד „דאָס וועט זײַן אונזער נקמה״ („זאת תהי נקמתנו״) און עטלעכע אידיליעס. און אפשר האָט דער דיכטער געוואָלט אויך איצט זײַן וואָס מער אַלוועלטלעך, אַלמענטשלעך, וואָס־מער „גריך״, וואָס מער פרײַ, און שעפּן זײַן דיכטונג פון פרעמדע קוואַלן, פון געזונטער נאַטור, פון אַלגעמײן־מענטשלעכע וויזיעס און אײַבערלעבונגען. אָבער ווילנדיק־נישט־ווילנדיק ווערט ער געטראָפן אין מיטן פון זײַן דיכטונגס־וועג, בעל־כרחו לייגט זיך אויף אים אַרויף דער יידישער יאָך און דער חותם פון יידישן פּײַן, ווייטאָג און קללה. די שווערע וואָלקנס רוקן זיך אָן אויף זײַן לויטערן, זוניקן דיכטער־הימל און פאַרשטעלן, שלינגען אײַן זײַן גלאַנץ, זײַנע שטראַלן. אין „שירים חדשים״ טרעפן מיר דעם שווערן געראַנגל פונם מונטערן דיכטער מיט דער שווערער ווירקלעכקייט. די פרייַלעכקייט, די מונטערקייט איז שוין נישט קיין פולע, נישט קיין גאַנצע, ווי אַמאָל. אין יעדן ליד רייסן זיך אַרײַן געפילן פון כעס, פון נקמה, געפילן פון שווידערלעכע ווייטאָגן. טשערניכאָווסקי קרעכצט נישט, ווערט נישט געבראָכן, יעדענפאַלס — ווייזט ער נישט אַרויס אַזעלכע געפילן. דער־שפּירט ער די שווערע יידישע ווירקלעכקייט—רופט זי אַרויס בײַ אים ווירדיקע נקמה־געפילן, שטאָלצע פּראָטעסט־געשרייען. אָפט־מאָל איז פאַראַן בײַסנדע סאַטירע, חוזק־מאָטיוון אויף דער אומבאַשטראָפטקייט, אויף דער אומבאַרחמנותדיקייט פון געשטראָפטן („הקבר״ — לנשמת הרוגי אוקראינה).

אין דעם רוב בײַ לידער, אפילו אין די מונטערע זוניקע פילט זיך אַ שווערקייט, אַ כמורנקייט, אַ בלײַערנע געדריקטקייט, וואָס פּרעסט, דריקט, שטיקט; — איז עס דאָך דיכטונג פון מלחמה־און־בירגער־קריג־צײַט!

אַ גאַנץ באַזונדער אָרט פאַרנעמען אין דעם נײַעם בוך די עטלעכע באַלאַדעס, וואָס טשערניכאָווסקי האָט אָנגעשריבן די לעצטע יאָרן: עלקעס חתונה (חתונתה של אלקה״). אין

שייער („בגורן״), אלי („אלי״), א. אַ.. און איבערהויפּט די ערשטע, די גרעסטע (זי האַלט ביי 50 גרויסע זייטן) — „עלקעס חתונה״ (געשריבן אין אָדעס אין תרפ״א).

דאָ פילן מיר און זעען שאול טשערניכאָווסקיס כאַראַקטער, זיין פולבלוטיקייט, זיין אימפּעט און פּאַטאָס. מיר האָבן דא נאַרטירלעכע, רעאַלע, ממשותדיקע שילדערונגען, וואָס דערציילן אונז וועגן טשערניכאָווסקיס אינערלעכער וועלט, וועגן זיין קינדהייט און יונגשאַפט, וועגן דער געזונטער, קרעפטיקער, פּשטותדיקער סביבה, וואו ער איז געוואַקסן און וואו ער האָט איינגעזאַפּט אין זיך קראַפט און גאַנצקייט, זוניקייט און פאַרשטייפטקייט. אין פאָרוואָרט צו דער דאָזיקער אידיליע שרייבט ש. טשערניכאָווסק: „די דאָזיקע אידיליע האָב איך געשריבן אויפן סמך פון פיל און פיל זכרונות פון מיין קינדהייט און פון מיינע פאַמיליע-אַראַינערונגען. איך האָב געפּרובט פאַרשטעלן אין איר די מנהגים פון אונזערע עלטערן אין טאַווריישער געגנט, אין דעם דור, וואָס איז געווען מיט אַ פּאָר צענדליג יאָר פריער. אינם יסוד פון מיין דאזיקער שאַפונג ליגט אַ בריף, וואָס געפינט זיך צווישן מיינע כתבים, און איך גיב אים פאַר אייך ווי ער איז געשריבן מיט זיין יידישער שפּראַך און מיט זיינע אַלע פעלערן:

„אין פּאָדאָוועקע האָט געוויינט ר׳ אברהם מרדכי דער פּאָדאָוועקער, ער האָט געהאַט איין איינציקע טאָכטער, האָט ער איין שדה געטאָן פון מעליטאָפּאָל מיט ר׳ יצע ל... איין זון, וועלכער האָט געהאַלטין דיע פּאָסט און ווען ער פליי‎גט דאַרפין פאָרין אויף טאָרגעס, פלייגט ער אָפּ פראווין חצות און זייגעבין זיך מיט סעמעיסטווע מיט דיע ווערטער איר זאָלט וויסן אז דיע פּאָשט וועט זיין פאַר מיר ווארים איך זיי אז איך קים אריין אין פּריסאָטסטוויע יאָוועט זיך איין מלך מיט גאָלדענע עפּאָלעטין און שרייט אויס: „זאַ איצקאי בערקאָוויטשעם אָסטאַיאָטסיי פּאָטשטאַ!״ אויף דער חתונה פלייגין זיך צי בייף פאָרין אַללע פריינד און פריינדס פריינד און בעקאַנטע

פון אַללע דערפער און דערפליך. אויף שבת צום פאָרשפּיל דאס הייסט דיים טאָג ווען דער חתן רופט זיך אויף פאַרין זיך צי נויף אללע מיידליך צו דער כלה. אויף דער התנה זאנין געקומען 20 מיידליך וועלכע האבן געטאַנצט איין גאַנצען טאָג. און אויף דער נאַכט איז שוין קלעזמער אויך גיוועזען און מען האט ווייטער געטאַנצט. די אָגאָטשעניע איז געווייזען מאַצעלען מיט ציקער. מאנטיג איז מען גיפארין באַגייגינען דיים חתן מיט קלעזמער מען פלייגט טאנצן און שרייען מזל טוב. צו דער צייט זאנען צינויף גיפארין אללע געסט און מחתנים און מען האט געהילעט איין גאַנצע נאַכט. צו באַדעקינס דינסטאג האבין דיע מיידליך געטאַנצט. דער כלהס פריצאָסקע איז בעשטאנען פון פיל צעפליך מיט איין גיוויין. דערנאָך האט אַריינגעגאַנגען באדעקין האט מען דער כלה אַוועק גיזעצט אימיטען זאַל און אללע ווייבער האבן ציפלאָכטין דיע צעפליך מיט איין גיוויין. דערנאָך האט מען געהילעט א גאנצע נאכט דיע חפה וועטשערי. מיטוואָך איז דער שלייער ווארמעס האט מען אן גיטאָן דער כלה איין פאַריק, נאר די מיידליך האט מען שוין אוועקגעשיקט אהיים ווייל פון 6 קול מייל האט קיין ברויט ניט געסטייעט. נאר דער גאנצער אוילם האט געהילעט ביז זונטיג. שבת האָט מען געפירט דיע כלה אין שול אריין. און שבת צונאכט האט מען גיקאָכט איין פראָשטשאַלנע באָרשץ". ש. טשערניכאָווסקי גוט-צו, אז ער האט זיך באמיט צו באנוצן זיך אין זיין ווערק מיט דיווירקלעכע נעמען, וואָס זענען באמת אין יענער צייט געוועזן. „וויפיל צייט — ענדיקט טשערניכאָוווּסקי זיין פארווארט — האט דער מלאך, דער ממונה אויף שירים, מיך געטריבן: נעם שרייב! איך האָב אבער געוואָלט נאך אמאל זען די גאנצע סביבה און די אלע דערפער איידער איך שרייב דאס דאזיקע ליד. מיר איז עס שוין כמעט ווי געלונגען, ווען נישט דער צאָרן פון דעם באטקאָ מאַכנאָ. איך האב באַשלאסן און ארויפגעבראַכט אויפן פּאַפּיר אַלץ ווי איך געדענק עס און ווי עס האט זיך פארהיט ביי מיר פון מיין קינדהייט".

די אידיליע האלט 6 לידער 1) מרדכי פּאַדאָווקער, 2) פרייטאג, שבת צום פאָרשפּיל, מוצאי־שבת, 3) זונטאג, 4) מאָנטאג, 5) דינסטאג, צום בעדעקענס, חופּה־וועטשערע, 6) מיטוואָך, דאנערש־טאג, פרייטאג, שלייערוואַרמעס, פריילעכער שבת. עס גייען אדורך פאר אונז גלענצענדע בילדער און שילדערונגען פון דעם אמאליקן יידישן לעבן, פּראַכטפולע געשטאַלטן פון אמאָלי־קע יידן, די אמאָליקע יידישע שטוב, די חתונה, די מחותנים, פיל יידישע מנהגים, די קלעזמער, דער בדחן, די כלה, אירע חברטעס, די באָבע, די אמאָליקע קליידער, מאכלים, טענץ א. א. וו. אלץ שפּריצט מיט חיות, מיט לעבן, מיט געזונטן הומאר און עס פאַרכאַפּט דעם לעזער. די אידיליע איז געוויס פון די קרעפטיקסטע, הארציקסטע, אינטערעסאַנטסטע ווערק אין דער העברעאישער ליטעראַטור. אָן א שיעור זון, רוהיגקייט, מנוחה פון דער יידישער פּאַטריארכאַלער פאַרגאַנגענהייט. א שלל פון הייליקייט, פון הערלעכער שענקייט ליגט אין דער פשטות, אין דער נאַטירלעכקייט פון די איבערלעבונגען. און עס איז אינ־טערעסאַנט: מיר האבן נישט פאר זיך קיין רבנים, צדיקים, חסידים, נאר געזונטע, פּראָסטע יידן, וואס לעבען אזוי גדלות־דיק, אָן חכמות, אָן תורה־יידישקייט, אָן ספרים. א זאַפטיק, קערנדיק ווערק, וואס פארמאָגט אמת־יידישן חן, עכט־יידישן סטיל.

די אידיליע איז נישט לאַנג איבערגעזעצט געוואָרן אין רוסיש דורך דעם באַוואוסטן רוסישן דיכטער וו. כאָדאַסעוויטש. ס'וואָלט געווען א געווינס פאר דער יידישער ליטעראַטור, ווען א יידישער דיכטער וואלט זיך גענומען איבערזעצן „עלקעס חתונה" אין יידיש.

און פארוואס גאר איבערזעצן? טשערניכאָווסקי איז לויט זיין מהות מער יידישער, ווי העברעאישער שרייבער, — דערויף זאָגן עדות זיינען אידיליעס. עס איז קיין שום ספק ניט, אז טשערניכאָווסקי אליין וואלט פאר זיינע אידיליעס גע־קאַנט געפינען אַן אייגענעם, אייגענאַרטיקן יידיש און יידישן

סטיל, און פונקט ווי בערדיטשעווסקי איז נתגלה געוואָרן דורך זיינע „יידישע כתבים”, וואלט אויך טשערניכאָווסקי געפונען אַן אנדערן דרך אין זיין שאַפן, ווען ער וואלט יידיש געשריבן. טשערניכאָווסקי וואלט דורכדעם געוויס אויפגעלעבט און דער־פרישט זיך... —

שאול טשערניכאָווסקי איז איצט אַלט געוואָרן 50 יאָר. 35 יאר איז געווארן, זינט ער האט פארעפענטלעכט זיינע ערשטע יוגנט־לידער, ער איז נאָך אלץ פריש און קרעפטיק, און זיין שאַפונגס־קוואַל שלאָגט נאך אלץ מיט פרישקייט און קרעפטיגקייט.

1925

פרץ הירשביין

צווישן די יידישע שרייבער איז ער עד־היום דער סאמע מאדנער, אומבאגרייפלעכער.

אט איז ער גאר א פשטן, א רעאל־רעאלער, א פרימיטיווער און אט שוין גאר געקינצלט, אנגעצויגן און קאמפליצירט. אט איז ער פארברודערט מיט נאאיווע פאלקס־מאטיוון, פארוועבט מיט פשטותדיקע פאלקס־מעשיות און אט שוועבט ער שוין אין דער אנגעגליטער לופט פון צעררייצטער פאנטאזיע, אין די קרענק־לעכע מיסטישע ספערן. מיט אט די סתירותדיקע עלעמענטן איז פול און אנגעפולט פרץ הירשביין, ער און זיין שאפן, כמעט פון די ערשטע יארן אן זינט ער איז אריינגעטראטן אין דער יידישער ליטעראטור.

נאך אין סאמע אנהייב פון זיין שאפן, אין די יארן 1905 — 1907, שרייבט ער כמעט אין איין און דערזעלבער צייט די שטרענג־נאטוראליסטישע דראמען „מרים", „ווייטע און נא־ענטע", „אינטעליגענט", „נבלה" און די אבסטראקט־טרוימערישע „תקיעת־כף", „קברים־בלומען", „דעמערונג" א. א. אט קומט ער מיט א כמעט יושקעוויטש־שטאף און גלייך גאר מיט מעטערלינק־מאטיוון. ער דרוקט איינדרוקן וועגן נויט און ארעמקייט פון די ווילנער אונטערגעסלעך, באנוצט דערביי געדיכטע, שווארצע פארבן און גלייכצייטיק שפינט ער חלומות־טרוימען אין זיין דעמאלסט דורכזיכטיקן ליריש־צויבערדיקן „אלבאם".

און עס איז געוויס קיין צופעליגקייט נישט, וואס אין משך פון די צוואנציק יאר פון זיין שאפן — וואנדלט ער אזוי

אַרום פון פשוט-רעאַליסטישע דראַמען צו סימבאַלישע און מיס-טישע. ווייל פאַר יעדן פון אָט די פאַרשיידנאַרטיקע ווערק איז פאַראַן אין אים שטאָף, באַגייסטערונג און שאַפונגס-קראַפט.

די גאַנצע צייט פון זיין שאַפן איז ער אָט ווי אינגאַנצן אָפן פאַר אונז און אָט פאַרבאַהאַלטן און פאַרשלאָסן ווי אונטער זיבן שלעסער. אָט גייט ער אַרום צווישן אונז, איז איינער פון אונז, און פּלוצים ווערט ער ווי פאַרשוואונדן, שוועבט שוין אַרום אין ווייטע וועלטן און מיר זוכן אים, מיר זוכן זיינע טריט, און געפינען אים ניט.

זיינע דראַמען ווערן אָן אויפהער אויפגעפירט אין אונזער טעאַטער, זיינע פאָלקס-שטיק האָבן אַ באַדייטנדיקן ערפאָלג, און דאָך דערנעענטערן זיי ניט צו אונז פּרץ הירשביינען, ער ווערט ניט דורך זיי אונז נעענטער, אינטימער, פאַרשטענדלעכער.

און אָפטמאָל, ווען ס'ווילט זיך פאַרט אויפנעמען פּרץ הירשביינען, אויפנעמען אים, ווי עפּעס וואָס גאַנצעס פאַרענ-דיקטעס, טראַכט מען:

פּרץ הירשביין פאַרמאָגט אָן ספק אַ קינסטלערישע קראַפט, פאַרמאָגט גרויסע קינסטלערישע מעגלעכקייטן, זיי זענען אָבער נישט אַרויף אויף אַ ריכטיקן וועג, נישט אָנגענומען די אמת-פּאַסנדיקע פאָרמען. זיין קינסטלערישער טעמפּעראַמענט איז ווי צוגעפרעסט און פאַרשטיקט, און דעריבער זענען זיינע שענסטע זאַכן, ווי נישט רייף, ווי נישט פאַרענדיקט און ווי נישט דער-זאָגט.

און נאָך: משמעות, אַז די אינעווייניקסטע סתירות פון זיין כאַראַקטער און פון זיין שאַפן: פון איין זייט — פּשטות, ליבע צו נאַטור, פּרימיטיווקייט, אידילישקייט און פון דער צווייטער זייט — פּאָזע, הויכע פראַזן, רעטאָריק אומנאַטירלעכ-קייט, — משמעות, אַז אָט די קעגנזייטיקע סתירותדיקע עלע-מענטן, וואָס זענען אָרגאַניש ביי אים נישט האַרמאַניזירט און צונויפגעבונדן האָבן ווי צעריסן די איינהייטלעכקייט פון זיין קינסטלערישן שאַפן.

יעדע פון אט די פארשיידנאַרטיקע עלעמענטן געפינט זיך אין אים אין אַ גרויסער מאָס, און אין פאַרשיידענע ווערק, הן גרעסערע, הן קלענערע, טרעטן זיי ארויס זעלבסשטענדיק, ווי אָפּגעזונדערט. און אזוי ארום ווערט געשלאָגן די גאַנצקייט, די איינהייטלעכקייט.

אָפּטמאל פילט מען בחוש, ווען די געקינצלטקייט, די צוגעטראַכטקייט שאַדט דעם נאַרטירלעכן, ממשותדיקן גאנג אין אייניקע פון זיינע ווערק, און פון דער צווייטער זייט — זענען פיל פון זיינע ווערק צו פרימיטיוו, צו אוממיטלבאַר, און עס פעלט אין זיי דאס אינדיווידועל-קינסטלערישע וואָס זאָל אויפ-הייבן דאס ווערק פון דעם אָנגעוואָרפענעם רויען שטאָף.

וואָסערע פון די צוויי פארשיידנאַרטיקע ווערטן זענען אים דאך נענטער אין וואו איז זיין סטיכיע?

שווער צו ענטפערן. אבער איינס איז קלאָר:

אין פּרץ הירשביינען ליגט באַגראָבן רייכער פאַנטאַס-טישער שטאָף, רייכער לעגענדארישער מאַטעריאַל, ברייטער קינסטלערישער פאָרנעם, וועלכע וואלטן ביי גינסטיקע באַדינגונ-גען געקאָנט זיין באמת שאַפנדיקע און באמת גרויסע. און אָט דער רייכער גייסט און פרייע נשמה איז ווי איינגעשרומפּן געוואָרן. מעגלעך פון סאַמע יוגנט איז אויף דער באַפליגעל-טער פאנטאַזיע אַרויפגעלייגט געוואָרן די שווערע לאַסט פון יידישע ליידן, די שווערע לאַסט פון דער יידיש-ליטווישער אָרעמקייט און אט דאס פילט מען אין פיל פון זיינע ווערק און אפשר אין אים זעלבסט: אט איז ער וואונדערבאר שפּילעוו-דיק, דיכטעריש-גראַציעז, פאַנטאַסטיש-דערהויבן, שוועבט אין דער לופט, פלאַטערט אום אַ באַצויבערנדיקער, און פלוצים פאַלט ער אַרונטער ווי אַן אַרונטערגעשאָסענער, מאַכטלאָז און ווילנלאָז, שווער פון אומעט, פון דריקנדיקן אומעט.

און שטענדיק פלאָנטערט זיך אין אים חלום און וואָר, ווירקלעכקייט און טרוימערישעס.

איינס צויבערט זיין נשמה, ברענגט צו דערהויבונג,

דאָס צווייטע דריקט צו דער ערד, צו דער ווירקלעכקייט און פון זיין באַצויבערנדיקער נשמה ביז דער רויער-גרויער ווירקלעכקייט איז אַזאַ ווייטער מהלך, אַזאַ ווייטע דיסטאַנץ. און ווען ס'טרעפט זיך, אַז אָט די ביידע פּאַראיינען זיך אין אים, דאַן שאַפט ער דאָס שיינע, דאָס פּאָלקאָמע, דאָס וואונדערבאַרע. דאָס דערגרייכט ער אין אייניקע פון זיינע פּאָלקס-שטיק. די פּאָלקס-שטיק פון וואָר, וואָס זענען דורכגעוועבט מיטן טרוים פון דער פּאָלקס-פאַנטאַזיע.

* *
*

אין איינעם פון זיין יוגנט-ווערק, אין זיינע „וואַנדער-טרוימען", וואָס ער האָט געשאַפן אַרומשפּאַנענדיק אין די ענגע, אָרעמע, פינסטערע ווילנער געסלעך, האָט ער דערציילט מיט אַ נישטדאָאיקע שפּראַך:

„פון אַ פרעמדן לאַנד און פרעמדן טאָל איז מיין מלאך געקומען, פון דער פרעמד האט ער מיר מיין האַרץ געבראַכט.
פון יענעם אומגליקלעכן לאַנד איז די נשמה מיינע".

מיט דעם אָפּגלאַנץ פון יענעם צויבער-לאַנד איז געווען אָנגעפולט הירשביינס אינעווייניקסטע וועלט. אט די צויבער-געפילן און אט די צויבער-מאָטיוון פון דער נישטדאָאיקער וועלט האט ער געוואלט איינוואָרצלען אין זיין האַרץ, געוואלט מיט זיי אינגאַנצן גובר זיין זיין אינערלעך וועזן.

אבער ער האט גלייך געפילט, אז אין „זיין אייגענעם הויז, ווען ער פארשליסט זיך, שפירט ער, אז ער איז נישט אַליין".

„אפשר שוועבט ארום מיר מיין אייגענער חלום און נאַרט מיך"...

און ער פּלאָנטערט זיך אזוי צווישן ווידערשפּרוכן אין זיין אייגענעם האַרץ, צווישן אייגענע פאַרלאַנגען און אייגענע מעגלעכקייטן. ער רייסט זיך צום טרוים און קאָן צו אים נישט דערגיין.

און אט קומען זיי זיך אַמאָל צונויף. „אויפן שייד-וועג האָבן מיר זיך געטראָפן. פון דיינע אויגן האט דער עלנט ארויסגעבליקט און געוואונקען צו מיר.

עלנט ווי איך האסטו זיך געשפירט אין דיין וועג צום גליק. און ווען די נאַכט האט אונז ביידן ארונטערגענומען אונ- טער אירע מוטערלעכע פליגלען, האט שטיל דיין האַרץ מיר איינגערוימט:

— באַשיץ מיך. דער אומעט פרעסט זיך צו מיין ברוסט.

אין מיין האַרץ הויבט זיך אָן א צויבער-פּאַלאַץ צו דער- הויבן; כ'האב מיין מזל אין מיין אייגענעם האַרצן געפונען.

און ווען דער פרימאָרגן האט אויפגעוואכט, ביסטו שוין ניט געווען. פאר דעם ליכט, וואס איך האב אין דיינע אויגן אָנגעצונדן, האָסטו זיך געלאָזט ווייטער אין וועג אריין זוכן... שטום און פאַרקלעמט איז מיין גאַנצער וועזן געבליבן..

ווען די זון איז אויפגעגאַנגען, האב איך שטיל יענעם ווינקל פאַרלאָזן און ווי אַ שטערן פאַרוואָגלט אין די הימלישע רוימען, האט זיך מיין וואָגלען אויף דער ערד אָנגעהויבן".

א שטיק פון זיין וועזן האט פּרץ הירשביין דא פאר אונז באוויזן, און אפשר אומבאַוואוסט פאר זיך אליין האט ער אין קינסטלערישער אויפרעגונג אָנגעצייכנט דעם וועג פון זיין ווייטערדיקן דיכטערישן וואָגלען און וואַנדער-לעבן.

און אויך אין די ווייטע וואָגלענישן און וואַנדערונגען איבער גאר דער וועלט פירט-מיט מיט זיך פּרץ הירשביין זיין עלנט און צויבער, זיין אָרעמקייט און עשירות, זיין חשכות און ליכטיקייט, זיין צעבראָכנקייט און גאַנצקייט, און עס פלאַנ- טערן זיך אין זיינע רייזע-איינדרוקן פרישע קינדישע איבער- גליקלעכקייט און אלטער זקנישער אומעט, יוגנטלעכער נייגיר און הבל-הבלים מאַטיוון, וואכעדיקער אינטערעס צו אלדאָס נייעס און שווערע טויזנטיעריקע מידקייט... און אט די מאַטיוון און שטימונגען פירט ער מיט מיט זיך אין זיינע ווייטע נסיעות איבער אמעריקע, אַרגענטינע, בראַזיליען, איבער דרום-

אפריקע און טאַאיטי, איבער די ווייטע ימען און אָקעאַנען. און פון אומעטום דערגייען צו אונז גרוסן פון דער גאָענטן־ווייטן אייגענעם־פרעמדן פרץ הירשביין...

* *
*

פון דעם צוואַנציק יעריקן דיכטערישן ארומוואַנדלען איבער אייגענע און וועלט־ווייטקייטן האט שוין פרץ הירשביין אריינגעבראַכט עטלעכע דיקע, וואָגיקע בענדער, וואו עס זענען צונויפגענומען העכער דרייסיק דראמאטישע ווערק, עטלעכע בענדער מיט רייזע־איינדרוקן. און אט טראָגט ער אונז צו אַ קליין שוואַרץ ביכעלע מיט גאר א צאַפּלדיקן פרישן נאמען „פארן מאָרגנשטערן".

פון אט דעם קליין ביכעלע שטארט ווידער ארויס און מיט מער קראפט און גלאנץ דער טרוימערישער הירשביין, זיין באַצויבערנדיקע נשמה. אין די עטלעכע און דרייסיק לירישע־פילאָזאפישע עסייען וויקלט זיך פאַנאַנדער א באַנייטער און פארטיפטער הירשביין. פול מיט טיפן גלויבן און איינגעהאלטע־נעם פאַטאס, פול מיט ליבע און ציטער פארן לעבן און איינ־צייטיק שרעק און כבוד פאר דער גרויסקייט פון לעבן. עס איז א האַרציקער, דורכזיכטיקער לויב־געזאַנג, וואס ברומט ארויס פון אינעווייניק און איז דורך און דורך דורכגעזאַפּט מיט זוניקן און שטראַלנדיקן גלויבן אין גאר דער וועלט און אין דער דערהויבנקייט פון דער וועלט. פיל לידער אין ביכל זענען אמת צו אבסטראַקט, צו טרוקן, צו צוגעטראכט, אָבער נישט געקוקט אויף דעם אבסטראקטן אינהאַלט פין די לידער אין פראזע, נישט געקוקט אויף דעם צייטנווייז געדאנקלעך־טראכ־טערישן כאַראַקטער פון די לידער, פילן מיר דאס הארץ פונם דיכטער, די צאַפּלדיקע נשמה, די הרחבותדיקע רוהיקייט און די זוניקע שפע, וואס איז צעגאסן איבער די לידער. מעגן אייניקע לידער זיין קינסטלעריש נישט פארגאנצט, אבער עס איז אָן ספק א מדרגה, צו וועלכער אויסדערוויילטע און באגאבטע

קאָנען זיך זעלטן־ווען דערהויבן, אין מאָמענט פון געלייטערטע געפילן און דערהויבענער שטימונג. מיר שפירן דאָ דעם פרימיטיוון, אידילישן, קרעפטיקן פרץ הירשביין מיט דער באַגייסטערונג און געפיל פון אור־מענטש, באַשטראַלט מיט זונען־שיין און אייביקייט־מאָטיוון און באַגלייט מיט טיף־מענטשלעכע ליידן און פיין פון ליידן.

וועט איצט פרץ הירשביין ווערן אייגענער, נעענטער און אינטימער?

ווער ווייסט! —

1923

דער נסתּר

זינט ס'איז אַרויס נסתּרס ערשט ביכל אין יידיש, זענען שוין פאַריבער 18 יאָר. ביז היינט צו טאָג האָט ער שוין אַרויסגעלאָזט אַ צען ביכער און ביכלעך און דאָך איז ער פאַר דעם ברייטערן יידישן לעזער-עולם פאַרבליבן די זעלבע רעטע-ניש, דער זעלבער נסתּר ווי אַמאָל — ביים אָנהייב פון זיין שאַפן. ער שרייבט און שרייבט, ער בייט זיך און ענדערט זיך, אָבער ער בלייבט אַלץ פאַרהילט און פאַרבאָרגן אין אַ סודות-מאַנטל. זיין יעדע נייע זאַך שיילט אים נישט אויס, העלפט נישט-מיט צו אַנטפּלעקן זיין געשטאַלט, זיין מהות, נאָר אדרבא פאַרקערט — פאַרוויקלט אים אַלץ מער און פאַרבאַהאַלט אַלץ מער זיין דיכטעריש געזיכט.

איז עס זיין מעלה אָדער זיין חסרון?

און ביז איצט הערשן וועגן נסתּרן די קעגנזעצלעכע מיינונגען און באַציהונגען:

העכסטע באַגייסטערונג און ערגסטער ביטול, טיפסטע התפּעלות און שטאַרקסטע אויפרעגונג.

זיינע ערשטע טריט אין דער יידישער ליטעראַטור זענען געווען שטילע, עניוותדיקע, צניעותדיקע, אָבער שוין — אויס-טערלישע, אייגנאַרטיקע, פאַרבאַהאַלטענע.

געקומען איז ער נישט מיטן ברייטן שליאַך, נישט מיטן

מ־ט־וועג. אַ זייטיקער, אַ ווינקלדיקער, אַ פּאַרטיפּטער אין זיך, האָט ער זיך געדרוקט אַזוי ביי די פּליִיטן, זיך באַוויזן מיט רויטלעכער בושה אויף דעם איידעלן געזיכט, אָבער שוין מיט אַ פאַרעקשנטן גאוה־בליק אין די אויגן. ער האָט זיך פאַרנו־מען אַן אָרט ערגעץ־וואו אין אַ ווינקל, אָבער שוין געוואוסט דעם אייגענעם ווערט.

דעם יידישן לעזער איז ער געווען פרעמד, אומהיימלעך. מען האָט אים אויפגענומען מיט פיעטעט, מיט יראת־הכּבוד, אָבער מיט עפּעס אַן אומצוטרוי און מורא. פאַר דעם יידישן לעזער איז ער געווען אינגאַנצן אַן אומגעריכטע און אומדער־וואַרטעטע ערשיינונג. ער האָט זיך נישט צוגעפּאַסט צום אַלגע־מיינעם ליטעראַטור־געזינדל. אַזוי אַנדערש און נישט־ענלעך איז ער געווען צו די אַלע דערציילער, נאָוועליסטן און סקיצן־שריי־בער פון יענער צייט. ער איז געקומען מיט אַן אייגנאַרטיקער פאָרם, מיט אַן אייגנאַרטיקן סטיל און מיט אייגנאַרטיקע פאַרבן און גערעדט און דערציילט אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן וועגן אַ זייטיקער, ווייטער און אויסטערלישער וועלט. אייניקע קריטיקער האָבן שוין אפילו געהאַט גלייך אָפּגעפּסקנט: ער איז אַ נאָכמאַ־כער פון רוסישע און פּוילישע דעקאַדענטן.

ער — דער יידישסטער צווישן די יידישע שרייבער — אַ נאָכמאַכער פון פרעמדע שרייבער!

נסתּר איז דורך און דורך אַדורכגעווייקט מיט יידישקייט. קינדוויייז האָט ער געטרונקען פונם קוואַל פון לעבעדיקער חסידות און קבלה, איינגעזאַפּט אין זיך די יידישע שטילע, צניעותדיקע קדושה און טהרה, וואָס האָט נאָך דאַן געשוועבט איבער די הייזער פון דעם אַמאָליקן האַרציקן פּאַטריאַר־כאַלן יידישן וואָלין. דאָס איז געווען דער גרונט־עלעמענט פון זיין דיכטערישן „איך", אַט די געפילן און מאָטיוון זענען געווען ביי אים לכתּחילה די הערשנדיקע. אין דער עכט־יידישער וועלט פון מעשיות און מעשהלעך, בילדער און פאָרשטעלונגען, גע־שטאַלטן און באַגריפן האָט זיין דיכטערישע נשמה געשפּונען

איר ערשטן שאַפן־געוועב. אזעלכע זענען זיינע ערשטע מעשיות אויף די היסטאָרישע מאָטיוון, אַזעלכע זענען זיינע ערשטע אַנטציקונגס־בילדער פון דער נאַטור. און אַזוי איז ער פאַרבליבן איינגעהילט אין די יידישע דיכטערישע לבושים, אפילו ווען ער האָט זיך גענומען צו סיוזשעטן פון וועלטלעכן כאַראַקטער.

אין די פריערע זאַכן איז ער נאָך גאַנץ רוהיק, ער לעבט דער עיקר מיט זיין אינעווייניקסטער וועלט. ער לאָדט ערשט אויס זיין געפילן־אוצר. דא איז ער נאָך דורכאויס שטילער ליריקער, גאַנץ אין זיין פאַרגאַפטקייט, נישט גערירט נאָך, נישט דערשיטערט פון דער אויסערלעכער וועלט. עס רוט נאָך די תמימות, די יוגנטלעכע נאַאיוויטעט, די יונגע רירנדיקע התפעלות.

אין זיינע ערשטע ווערק, אין „פוילישע", „ערשטער שניי" „פרילינג" א. א. ציט זיך אזוי די מילדע, האַרצעדיקע שענ־קייט, די אוממיטלבאַרע אַנטציקונג פון דער ערשטער באַגעגע־ניש מיט נאַטור, ליבע און וועלט.

ער שילדערט דאָן אזוי יידישלעך און חנעוודיק זיין התפעלות:

„שטיל און פאַרגאַפט שטייט די גרויסע ווייסע און היי־ליקע שטרעקע מיט גרויסער עלטער־קדושה אויפן פנים, מיט פאָרכט און וואונדער אין די אויגן און מיט גרויסער אהבה און שרעק פון אהבה אין האַרצן; שטייט אין בלויער הימל, אין כשרסטן טלית פון גאָלע תכלת איינגעהילט, שטייט מיט האַרץ ביי דער וועלט און מיט מחשבה ביי דעם האַר פון דער וועלט... שטייט, קוקט, זיינע קניען ציטערן, זיינע קניען בויגן זיך, — ווילן פאַרן בורא־עולם קניען, ווילן פאַר זיין גרויסער, שיינער וועלט אַנידערפאַלן.

שטיל און פאַרגאַפט אויפן באַרג שטיי איך, מיט מיר די גרויסע, ווייסע שטרעקע, אויף אונזער קאָפ דער גרויסער בלויער הימל און אין הימל — שטיל און רייך דער מאָרגנ־שטערן. — — —

שטיל און הייליק... שטיל און הייליק"...

שטיל, ציטערדיק, פארגאפט נעמט ער אויף לכתחילה די וועלט, די נאטור, אזוי באצירט און באחנט מיט יידישן סטיל און קאלאריט שילדערט ער זי. די וועלט טובלט זיך אין זיין יידישלעכער נשמה. דער לייט־מאטיוו פון זיינע ערשטע מעשיות:

„און פון מיין ווייטער, ווייטער קינדער־יוגנט טראגט א קול צו מיר זיך, טראגט זיך:

„שיר דאס געזאנג, השירים איז שענער און בעסער פון אלע געזאנגען".

סוביעקטיווע מאטיוון, פערזענלעכע שטימונגען. מען פילט דא דעם אטעם פונם מחבר, זיין הארץ־ציטער.

די ערשטע יוגנטלעכע באגייסטערונג פון נאטור און וועלט גייט אוועק. ער רייסט זיך אפ פון זיין שטילער היים און לאזט זיך וואגלען און בלאנדזשען צווישן אידעען און פראבלעמען, מענטשן און דערשיינונגען. „געדאנקען און מאטיוון" אזוי האט געהייסן זיין ערשט ביכל. אין דעם נאמען אליין ליגט נסתרס שריפשטעלערישער מהות. די מאטיוון ווערן געפירט, געטריבן דורך די געדאנקען. די מאטיוון ציען זיך נאך די געדאנקען. נסתר ווערט מיטגעריסן מיט א נייעם לעבנס־שטראם, ער ווערט אריינגעצויגן אין א פראבלעמען און אידעען־געווירבל. און זיין שטיל־בענקענדיקע נשמה ווערט אויפגעציטערט: אייגענע, שטילע, נאאיווע שענקייט באגעגנט זיך מיט ראשיקער, איבערראשנדיקער שענקייט פון דער פרעמד, אייגענע אויסגע־טראגענע און אויסגעכאוועטע חלומות שטויסן זיך אן מיט אויסערע געוואלטיקע פאנטאסטישע וועלטן, שטילער, הארצעדיקער טרוים פון אייגעגעם טייכל — מיט מעכטיקע שטראמען פון פרעמדע ימען. און עס שאפט זיך א כאאס, א מישמאש, פון וועלכן נסתר פרובירט ארויסצוגעפינען זיין „איך", זיין מהות, דעם מענטש.

די אינעווייניקסטע הארץ-אידילע איז צעשטערט, די עפּישע רואיקייט איז צערודערט. סתּם-בילדער און שילדערונגען באַפרידיקן אים שוין מער נישט. זיין גייסט ציט זיך אין דער הויך, „העכער פון דער ערד", אין דער וועלט פון פראָב-לעמען.

נסתּר האָט אַמאָל געפּרובט אָנצושרייבן אַ רעאַליסטישע זאַך — דעם „טאָג-בוך פון אַ פאַרפירער" (ביי פּרצן אין זאַמל-בוך „יודיש" 1909). עס איז אָבער כּלל נישט אין נסתּרס גייסט, אין נסתּרס כאַראַקטער. די וועלט, די ממשותדיקע וועלט זעט ער און קאָן זען נאָר אין טרוים אין פאַנטאַזיע, דורך וויזיע. דער רעאַלער אויסזען פון וועלט און מענטשן, די קאָנקרעטע לעבנס-דערשיינונגען, די ווירקלעכע פאַקטן און געשעענישן, — דאָס אַלץ איז צעריבען און צעשוואומען פאַר אים. פון דעם מענטשן און לעבן-געריוש דערגייט צו אים נאָר אַ ווייטער אידעען-אָפּקלאַנג, שטימונגען-מאָטיוון, וואָס ער קליידט עס אָן אין שילדערונגען, בילדער, וואָס זענען ווי אַן אַלעגאָריע, אַ משל צום דעם, וואָס מ'דאַרף אַרויסדרינגען.

ער זעט נישט דעם מענטש, נאָר אַ מענטש, און נישט דעם קערפּערלעכן, ממשותדיקן מענטש, נאָר אַבסטראַקטן, גייסט-טיקן. און איך, דעם אַבסטראַקטן מאַן, פירט אין אַ לאַבירינט פון סודות, רמזים, געהיימנישן, זוכענישן און טרעפענישן. ער הייבט אָן אַ מעשה, און די מעשה אַליין ווערט באַלד אַ וועלט פאַר זיך, מיט אייגענע וועגן און אומוועגן, מיט אייגן לעבן און פּאַסירונגען, און גלייך ווערט ער אַליין פאַרפירט און פאַרפּלאָנטערט אין דער געשילדערטער וועלט גופא. ער ווערט וואָס-ווייטער אַלץ מער דערווייטערט פון דעם באָדן, פון דעם אָפּשטייגנדיקן ברעג. אָפּטמאָל טוט ער זיך אַכאַפּ, דערמאָנט זיך וועגן דעם קאָנקרעטנטן לעבן און זוכט און מאָנט אַן ענטפער, אַ באַשייד צו די געשטעלטע פראַגן און רעטענישן, אָבער ווידער פאַרדרייט זיך אַ רעדל אין ראָד, ווידער פאַר-קנוילט זיך אַ נייער מעשה-קנויל, און דער לעזער צוזאַמען

מיטן מחבר פלאָנטערן זיך, בלאָנדזשען אין די פאַנטאַזיע-געדיכטענישן, וואו קיין-איין און קיין-אויס איז נישטא.

אין די פריערע נסתרס זאַכן זענען אויפן ערשטן פּלאַן געווען געפילן, שטימונגען. שפּעטער האָבן אָנגעהויבן דאָמינירן זעהונגען, פאַנטאַסטישע שילדערונגען. פריער איז געווען שטימונגס-ליריק, דערנאָך קומט שוין שילדערונגס-ליריק. דאָס ריין-פּערזענלעכע ווערט צערינען אינם אַלגעמיינעם שילדערונגס-פּראָצעס, דאָס סובּיעקטיווע טרעט אָפּ דעם אָרט דעם אָביעקטיוון שילדערן און מאָלן. זיינע פּערזענלעכע שטימונגען און געפילן זענען פאַרשטיקט אינעווייניק, ער איז זיי גובר אין זיך, און זיי ווערן שפּעטער מגולגל און פאַרוואַנדלט אין מאָטיוון פאַר אַ מעשה.

נסתרס שילדערונגס-וועלט איז אַ נישט-דאָאיקע. די בילדער, שילדערונגען, זעהונגען און געשטאַלטן קומען פון יענער זייט פון דעםווירקלעכן לעבן. אומעטום איז שטאַרק אין זיי דער עלעמענט פון אויסגעטראַכטן און צוגעטראַכטן. פאַנטאַסטישע, אויסטערלישע ברואים און באַשעפענישן, — און יעדער איינער פון זיי האָט וואָס צוצוגעבן, יעדער איינער טראָגט עפּעס אַ וואונדערלעכע שליחות, צו קומען ערגעץ-וואו, צו געפינען עפּעס-וואָס. אַלע זענען פאַרטון אויפצודעקן און אויפצוקלערן, אויסצעטיילן און אויסצעשיילן דעם סוד פון לעבן, דעם באַשייד פון לעבן. אָט דאָס איז דאָס עצם-פּינטעלע, דער עיקר-העיקרים, וואוהין נסתר לאָזט זיך אין אַ מין עקספּעדיציע, לאָזט זיך דורך פאַרשיידענע וועגן, דורך וואַלד און באַרג, מיט מענטש און חיה, מיט הייליקע און שדים, מיט פייגל אין לופט און שילדקרויט אין טיף פון ערד, זיי אַלע געפינען זיך אין דעם פאַרכּשופטן ראָד פון גיין און ווידערגיין, פון זוכן און ווידערזוכן.

די אַרויסגערופענע בילדער און שילדערונגען זענען אָפּט גובר נסתרן דעם פּראָבלעמען-זוכער. ער אַליין געפינט זיך זייער אָפט אין געפענקעניש ביי זיינע פאַנטאַסטישע געשטאַלטן. ער רופט אַרויס וויזיעס און ער ווערט דערנאָך אַליין מיטגעצויגן

מיט זייער גאַנג און שטראָם. אפשר איז עס דערפאַר, וואס די שילדערונגען זענען שטאַרקער פון דעם געשטעלטן פּראָבלעם, וואָס דער משל איז פאַרוויקלטער פונם נמשל. ווען דאָס באַשעפעניש באַווייזט זיך ביי נסתרן וויל עס, אפשר קעגן דעם ווילן פונם אויטאָר, זיך באַזייזן אין פולן אויסזען, זיך אַנטפּלעקן אינגאַנצן, נישט פון איין זייט, פון איין ווינקל. און נסתר גייט־מיט, ער דערציילט אויס, שילדערט דערווייל פּרטים און איינצלהייטן, וואס קערן זיך נישט אָן מיטן עצם־עיקר. און אַזוי ווערט ער פאַרפלאָנטערט אינם טונקעלן לאַבירינט פון זיינע מעשיות און מעשהלעך. דאס קערענדל איז פאַרבאַהאַלטן ערגעץ אין דער טיף, זייטן־וועגן ציען־אָפּ פונם מיטוועג, די אַרומיקע, דערבייאיקע בילדער און בילדעלעך דערווייטערן פון דעם עיקר־מעשה און דאס ווערק אינגאַנצן באַקומט זיך לסוף ווי אַ רעבוס: איינצעלנע בולדער, אָפּגעריסענע שילדערונגען, אויסטערלישע, ווייניק־בינדענדיקע פראַזן און פון דעם אַלעם באַדארף מען צונויפשטעלן און דערגיין דעם באשייד, דעם פּתרון.

אין איינער פון זיינע לעצטע מעשיות — אין „ניי גייסט״ — געפינען מיר אזעלכע כאַראַקטעריסטישע פּאר נסתרן ווערטער:

„און דאָס אַלץ, און דאס ביז אהער געזאָגטע איז אַ משל נאר געמשלט... און וואויל איז דעם, וואָס וועט הערן דעם משל, און דעם איז וואויל, וואס אים הערען וועט ראוי זיין״.

פיל פון נסתרס ווערק אין די לעצטע יאָרן זענען מער אָנרעגונגס־שטאָף, ווי פארענדיקטע קונסט־ווערק, מער מאַטעריאַל צום שאפן, ווי שאפונגס־גופא. דא און דארט טרעפן מיר זיך אָן אויף גלענצענדע ערטער, פיין און אייגנאַרטיק געבויטע שילדערונגען, וואָס זענען פול מיט חן און גראַציע, מיט וואונדערלעכער שפּראַך־עשירות, פאַראַן איינגעגעבענע מיניאַטורן, עפּיזאָדן אין די ווערק. אבער זיי פאַרבונדן זיך נישט אין איין מאנאָליטגאַנצעס. מיר פילן אומעטום דאָס צאַפּלדיקע האַרץ פונם דיכטער, וואס האט געלעבט אינטענסיווער קאָמפּליצירטער, וואָס

האט עפּעס מער באַגערט, צו עפּעס העכערס געשטרעבט, אָבער צווישן אים און צווישן דעם ווערק איז פאַרבליבן עפּעס אַ דיסטאַנץ, וואָס איז נישט אָנגעפולט, אַ מהלך, וואָס ער איז ווי נישט דערגאַנגען. מיר פילן, אַז דאָס, וואָס דער מחבר האָט געהאַט בדעה, איז נישט אַרויסגעזאָגט און ס'וועט נאָך דעריבער רופן דעם דיכטער פולער און פולקאָמענער עס אַרויסצוזאָגן. און נסתּר אַליין, ווען ער פאַרענדיקט איין זאַך, איז זי שוין פאַר אים קליין און נישטיק און באַפרידיקט אים אַליין נישט, און ער קוקט שוין אַרויס מיט בענקעניש אויף דער אַנדערער, צווייטער זאַך, וואָס ער וועט נעמען צו שרייבן און וואָס וועט זיין נעענטער צו אים, נעענטער צו זיין אינעווייניקסטער וועלט און צו זיין שעפערישן ווילן. און אַזוי זענען טאַקע די ווערק פאַר אים און פאַר דעם לעזער: פּרובן צו געבן זיין אינערלעכע וועלט, און אַזוי שאַפט ער איין ווערק נאָך דעם אַנדערן: וואַריאַציעס אויף איין און דעם זעלבן הויפּט-מאָטיוו און הויפּט געדאַנק. אַלץ די זעלבע וועלט, מיט חיות און פייגל, בהמות, שרצים און נפשות, וואָס יעדער איינער שטעלט מיט זיך פאַר אַ גאַנץ וועזן, סימבאַליזירט פאַרשיידנאַרטיקע געדאַנקען, באַגריפן און אידעען.

1925

ש. ניגער

שוין צוואנציק יאָר, ווי ער שטייט אויף דער וואך פון דער יידישער ליטעראטור, פון דעם יידישן שאַפן. נאך גאָר אַ יונגערמאַן, האט ער אָנגעשריבן (אין אַ ווילנער ס.ס.ישער וואָכנ־שריפט) זיינע ערשטע אינטערעסאַנטע קריטישע אַרטיקלען איבער שלום אַשס „משיחס צייטן", און די אַרטיקלען האָבן גלייך שטאַרק פאראינטערעסירט. גלייך נאָך דעם האָט ער אָנגעהויבן צו פארעפנטלעכן גלענצנדע אַרבעטן (אין די „ליטעראַרישע מאָנאט־שריפטן" א.א.) איבער פּרצן, אַשן, מענדעלען, שלום־עליכמען, און גאָר גיך איז ער געוואָרן דער יידישער קריטיקער. בעל־מחשבות איז נאָך צייטנווייז געווען פּובליציסט, פּובליציסטישער באָוועליסט, אַלענגערע צייט האָט ער זיך נאָך אַלץ געפילט ווי אַ געקומענער פון דער פרעמד, אַ גר־צדק. ער האָט זיך נאָך לאַנג געראַנגלט מיטן פרעמדן אין זיך, געזוכט צו פארענטפערן זיין צוריקקומען צום יידישן שאַפן, צום יידישן לעבן און ווי געטויטיקט זיך אין חזוק. ניגער איז גלייך און פון אָנהויב אָן געווען אַן אייגענער, היימישער, אויסגעבונדן מיט לייב און לעבן מיט דעם יידישן וואָרט. בעל־מחשבות האט נאך צייטנווייז

געצווייפלט אין קיום פון יידיש, ער האט נאך נישט אינגאַנצן זיכער און פעסט געגלויבט אין דער אַליינהערשונג פון יידישער ליטעראטור, ניגער האט שוין פון דעם קאמף און פון דעם צווייפל נישט געוואוסט. ער איז שוין פון ערשטן טריט אָן גע־שטאנען אויף פעסטן באָדן, געשטאַנען אין מיט פון יידישער אַרבעט, אין מיט פון יידישן שאַפן. ניגער האָט שוין נישט באַדארפט קעמפן פאַר אָנערקענונג פון אַ יידישן שרייבער, נישט באַדארפט אגיטירן פאר יידישער ליטעראטור. זיין סביבה איז שוין געווען אינגאַנצן אַ יידישע, אַ יידישיסטישע, וואו יידיש איז שוין געווען אַ פאקט, אַ יש. בעל־מחשבות האָט ווי געזייט ערשט קערנער, געפלאַנצט ערשט בוימער אויף אַ „קרקע־בתולה", ניגער האָט שוין געריסן און אויסגעוואָרצלט שלעכטע גראָזן, באַמיט זיך אין געדיכט־צעוואָקסענעם וואלד, צו שאַפן ליכט און לופט פאַר ווייטערדיקן באַרמאַלן און געזונטן וואוקס און וואַקסן.

גלייכצייטיק מיט זיין לעבן און מיטלעבן מיט דער היינטצייטיקער יידישער ליטעראַטור, מיט אירע פאַרשיידנסטע ריכטונגען און שטרעמונגען, האט ניגער געווענדט זיין בליק צו דער פאַרגאנגענהייט פון דעם יידישן שאַפן און גענומען אויספאָרשן די וועגן און אומוועגן פון זיין פריערדיקן גאַנג. אָבער דאס איז ביי אים געווען נישט קיין טרוקענע, וויסנ־שאַפטלעך־אַרכעאָלאגישע ארבעט. ער האָט זיך באַמיט דורך זיי אונטערצופירן אַ ברייטערן און פעסטערן פונדאַמענט פאר דעם מאָדערנעם יידישן שאַפן. און אין די פריערדיקע ווערק געזוכט צו געפינען דעם לעבעדיקן „שלשלת־היוחסין" פאר דער איצטיקער שאַפנדיקער ליטעראטור. זיינע אינטערעסאַנטע אַרבעטן וועגן דער לעזערין אין דער אַלטער יידישער ליטעראַטור, וועגן ר' נחמן בראסלאווער, א. מ. דיק, מיכל גאָרדאָן, מאָריס ראָזענפעלד א. א. זענען פול מיט לעבן, קראַפט און גלויבן, מיט טיפער פאַר־שטענדעניש, נישט ווייניקער ווי זיינע אַרטיקלען איבער דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור און מאָדערנע יידישע קינסטלער.

אין זיינע צוואַנציק יאָר אינטערעסאַנטער, פלייסיקער און

ערלעכער קריטישער אַרבעט האָט ש. ניגער אויפגעשטעלט אַ בנין, אַ טורם פון דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור פאַרן לעצטן יאָרהונדערט, — אָנגעהויבן פון די גרויסע וויכטיקע זיילן, פון די גאונים־קלאַסיקער ביז דעם מינדסטן שרייבער און ווערקל, וואס האָט זיך באַוויזן אין דער דאָך רייכער, פאַרצווייגטער און פילאַרטיקער יידישער ליטעראַטור. זיינע צענדליקער גרעסערע אַרבעטן, די הונדערטער קלענערע אַרטיקלען זענען צעוואָרפן, צעזייט און צעשפּרייט איבער פאַרשיידענע צייטונגען, זשורנאַלן און זאַמלביכער, און וואלט מען דאָס אַלץ צונויפגעקליבן, וואָלט עס געווען אַ געוואַלטיקער אוצר פון קריטישן שאַפן, פון פּרעכטיקע אָפּשאַצונגען, פון טרעפלעכע באַמערקונגען, פון איינלעבן און מיטלעבן, פון אויסטייטשונגען און פאַרטייטשונגען פון דעם אַלעם, וואס דער יידישער שאפנדיקער גייסט האט אריינגעבראַכט אין דער יידישער וועלט אין לעצטן יאָרהונדערט דורך דער יידישער ליטעראַטור. עס זענען געוויס דאָ אין דעם אוצר בלויזן, אומפּינקטלעכקייטן, פאראן געוויס שרייבער, וואס זענען נישט ריכטיק אויפגעפאַסט, נישט דערשאצט אָדער איבערגעשאַצט, אָבער אומעטום און אויף אַלע ניגערס אַרבעטן הערשט אויפריכטיקייט, ליבע און פּיעטעט, און דער עיקר — אויפריכטיקער ווילן און שטאַרקער גלויבן אין יידישן וואָרט, אין יידישן שאַפן.

* * *

די לייכטקייט, שפּילעוודיקייט, בויגעוודיקייט פון זיין אויפנעמען דיכטער און ווערק און פון זיין עצם שרייבן — איז פון זיינע טייערסטע, גליקלעכע מעלות און מיטלען, און גלייכצייטיק — אויך פון זיינע שטאַרקע חסרונות און שוואַכקייטן. אָפטמאָל גע־פינט ער זיך ווי אין געפענקעניש ביי אָט דער געדאַנקען איבערפליסיקייט און וואָרט־שפע. זיי פירן אים לייכט אַראָפּ פון וועג, פון פעסטן וועג, און ער פאַלט אַריין אין שאָדן. דערפון שטאמט די גרויסע דאָזע פון דרוש, כ׳וואָלט אפילו געזאָגט —

פון מגידות, פון װעלכער ס'האָבן אָפּט געליטן פיל פון זײַנע אַמאָליקע רטיקלען. אין פיל פון זײ איז געװען אַן עלעמענט פון דעם באַװאוסטן סוג: „נישט דאָס בין איך אויסן". און אָפּט־מאָל האט עס אַרײַנגעבראַכט „איפּכא־מסתברא"־געדאַנקען. אָט בויט ער אַ בנין פון אַ שרײַבער־כאַראַקטעריסטיק און דיכטער־געשטאַלט, שטעלט־אויף שטאָקן אויף שטאָקן און װען ער איז שוין מיט דעם װי אָפּגעפּאַרטיקט, הויבט ער אָן פונסנײַ, פון אַ נײַעם פונדאַמענט: „און אַז מען װיל, קאָן מען זאָגן..." ניגער האט זיך צײַטנװײַז און ערטערװײַז צופיל געלאָזט שפּילן מיט װערטער, ער האָט זײ טאַקע קאָמבינירט שײן און פײַן און גראַציעז, אָבער ס'איז געװען אויפן חשבון פון דער גאַנצקייט און שטײפקײט פון דער גאַנצער אַרבעט. אָפּטמאָל, פּאַרקערט, איז ער דורך דער װאָרט־קאָמבינאַציע, דורך דעם אַרײַנדרינגען אין אים און אַרויסדרינגען פון אים דערגאַנגען צו אינטערעסאַנטע און װיכטיקע דעפעניציעס און פינקטלעכקײטן.

ניואַנסירונגען, דעפיניציעס, פּאַנאַנדער־שיפרירן, פּאַנאַנדער־שרויפן, זײַטן־װעגעלעך, — דאָס איז אַ װיכטיקער יסוד און אײַגנשאַפט אין ש. ניגערס צוגאַנג צו אַ שרײַבער און צו דער פּערזענלעכקײט פון שרײַבער. ער באַטראַכט אַ שרײַבער פון אײן זײַט און פון דער צװײטער, „אַנפאַס" און פּראָפיל. אָט דער־בעװעגט ער זיך צו אים, װיל אים זען און פילן פון דער נאָענט, און אָט דערװײַטערט ער זיך און װעגט איבער און מעסט אים מיטן בליק פון דער װײַט. און אַזוי פון אַלע זײַטן און דורך אַלע זײַנע אָפענע און באַהאַלטענע צענטרען און װינקלען. אָפּטמאָל צעגלידערט ער אַ שרײַבער, אַ װערק אויף קלײנע טײלן און טײלעכלעך, און נישט גרינג קומט אים אַלײן שפּעטער אויס אויפצושטעלן פון די פּאַנאַנדערגעטײלטע טײלן אײן גאַנצע פולשטענדיקע זאַך. מעגלעך דערפאַר, װאָס פּאַנאַנדער־נעמען, פּאַנאַנדערטײלן, צעברעקלען איז אים לײַכטער, איז מער צוגעפּאַסט פאַר זײַן כאַראַקטער, פאַר זײַן מהות.

ניגער איז בכלל אין זײַן דענקען און שרײַבן מער אַ

אַנאַליטיקער ווי סינטעטיקער. דער סינטעטיקער בכלל איז מער פאַרבלענדט, פאַרליבט, זעט דאס גאַנצע, פולקומע, דער אַנאַליטיקער האָט אַ שאַרפן בליק, אַ שניידנדיקן פאָרשונגס-ווילן. ניגער האָט אין זיך פיל פון ליטווישער חריפות, טרוקנקייט און ניכטערקייט. שכּור, פאַרבלענדט פאַרליבט איז ער זעלטן, גאָר זעלטן. אַ שרייבער, אַ ווערק איז פאַר אים פריער פון אַלץ, און דער עיקר — שטאָף צו באַאָבאַכטן, צו באַטראַכטן, צו פאַרשטיין, צו דערקלערן און אויפקלערן. איז ער אין זיין יעדן אַרטיקל וועגן אַ ליריקער, צי וועגן אַ פּראָזאיקער, וועגן אַ קלאַסיקער אָדער וועגן אַן אָנפאַנגער — פאָרשער און אָפּשאַצער, גריבלער און לערנער. ער לערנט פּשט און וויל עפּעס אַרויסדרינגען, וויל פאַרשטיין און געפונען דעם „מיין". אין יעדער אַרבעט, אין יעדער גרויסער שאַפונג זעט ער דאָס עיקרדיקע, דאָס מהותדיקע, און גלייכצייטיק זוכט ער פּרטים, איינצלהייטן, שטעלט זיך אָפּ אויף אַ סרכא, פרעגט אָפּ און ווייזט אויף אַ ווידעראַנאַנד. און שרייבט ער וועגן אַ שרייבער, שעפּט ער און שעפּט אין זיין קוואַל און ער איז נאָך אַלץ נישט כּאַרטיק. ער איז זיכער, אַז מ'קאָן און מ'דאַרף נאָך און נאָך שעפּן און אַרויסדרינגען פון אים, זענען דעריבער נישט סתם באַשיידן די ווערטער, וואָס ער שרייבט אין זיין קורצער הקדמה צו זיינע צוויי גלענצנדיקע ביכער „וועגן יידישע שרייבער", אַז „די שטודיעס, וואָס זענען צונויפגענומען אין בוך", „קוקט דער אויטאָר אויף זיי, ווי אויף ליטעראַרישע פּראָבעס, פראַגמענטן, פאָראַרבעטן..." יעדער איינער פון די באַהאַנדלטע שרייבער איז נאָך, הייסט עס, פאַר אים אַן „ענין לענות בו"...

ש. ניגער געהערט צו די שרייבער, וואָס דאָס שרייבן אַליין איז ביי זיי אַ זאַך, אַן עבודה. ערשט בעתן שרייבן גופא קומט די אמתע, ריכטיקע אָפּנבאַרונג. ווי פיל אַרטיסטן, וואָס דערשפּירן די גרויסע ראָלע ערשט בעתן שפּילן גופא. פריער רייצט דער שטאָף, רעגט-אויף, פאַראינטערעסירט, אָבער צו דער אמתער פאַרקערפּערונג און אומוואַנדלונג דערגרייכט ער ערשט

בשעת דעם עצם־שפּילן. ערשט דאַן קומט די אייגנטלעכע אַנט־פּלעקונג. איך שטעל מיר פאָר, אַז צוטרעטנדיק צו שרייבן וועגן אַ דיכטער, איז ביי ניגערן נאָך נישט אינגאַנצן קלאָר, פאַרשטענדלעך, וואָס ער וויל דאָ זאָגן און אַז אין שרייבן גופא ווערט אויסגעטראָגן צייטיק דער געדאַנק, דער ווילן, די אויפ־פאַסונג און ערשט דאַן ווערט געבוירן ביי אים די געשטאַלטונג פון דעם שרייבער און דעם ווערק, וואָס ער באַהאַנדלט. עס קייטלט זיך ביי אים אַ געדאַנק צו אַ געדאַנק, אַ וואָרט צו אַ וואָרט, אַן אויסדרוק צו אַן אויסדרוק. צום עיקר דערגייט ניגער נאָך אַ לענגערן און לאַנגן פּראָצעס פון גיין, שטייגן און קלע־טערן איבער דעם טונקעלן לאַבירינט פון שרייבערס אייגנאַרטיקייטן און אייגנשאַפטן. און בעתן פּראָצעס פון שרייב ווערט צעגליט, צעוואַרעמט זיין אינעווייניקסטער איך און ערשט דאַן ווערט מעגלעך דאָס פולע פאַרשטיין, דאָס גאַנצע באַנעמען דעם קינסטלער.

אין פיל פון זיינע אַרטיקלען־אָפּשאַצונגען קאָנען מיר אָנ־טרעפן אויף מדרגות און דערגרייכונגען. דורך אָנשטרענגונגען און איבערלעכער עבודה און דורך נסיונות שטייגט ער פון מדרגה צו מדרגה אין זיין פאַרשטיין און אויפפאַסן דעם דיכ־טער, ביז ער קומט צו אמתער התגלות. און מיר פילן ביי אים שטענדיק דעם תענוג פון דער אמתער דערגרייכונג, די התגלגלות אין גלגול פון דעם שעפערישן געדאַנק, ווי עס איז גלענצנדיק אויפגעקלערט דורך די חבדניקעס אין זייערע חסידות־זאָגעריי. איך ווייס נישט, צי האָט ניגער אין זיין יוגנט גע־האַט אַ שייכות צו דער חבד־תורה, אָבער מען פילט עס שטאַרק אין זיין אופן פון שרייבן, אין זיין אופן פון מסביר זיין אַן ענין.

עס טרעפט אָפט, אַז ניגער נעמט אַמאָל אַ באַגריף, אַ הנחה און הויבט זיי אָן אַרומצושלייפן, אַרומצופיילן און אַרומ־צוטאָקן. דער באַגריף און די הנחה ווערן אַלץ דין און דינער און ס׳פאַראַן די מורא, אַז אָט־אָט ברעכן זיי זיך איבער פון דער דינקייט. אבער ער ווערט נישט מיד און וויל אַלץ־פּינקט־

לעבער צילן אין סאמען פינטל אַריין, ער שיילט און שיילט אָפּ אַ הייטל נאָך אַ הייטל, רייסט אראָפּ די מלבושים פון אָן אויטאָר און וויל אים זען אין זיין עכטער נאַקעטקייט און נאַטירלעכ־קייט.

מיט פיל אָפּשאַצונגען קאָן מען מיט ניגערן נישט מסכים זיין, איניקע דיאַגנאָזן וועגן שרייבער האָבן זיך ארויסבאַוויזן נישט ריכטיק און צוגעטראַכט, אבער איר מוזט זיך צוהערן צו זיינע באַטראַכטונגען און אויפקלערונגען, ווייל זיי העלפן אייך מיט ארויפצוגיין אויפן ריכטיקן וועג פון פארשטיין און אויפ־נעמען דעם דיכטער און צו געפינען דעם אמתן באַשייד. און דעריבער לייענען אלע, אפילו זיינע קעגנער, מיט אזא התמדה זיינע אַרטיקלען. און אויך יעדער שרייבער, דער אָנערקענטער און דער אָנפאַנגער, ווארטן שטענדיק מיט נייגיר און אינטערעס אויף ניגערס וואָרט.

* * *

ניגער האט אמאָל געשריבן וועגן בעל־מחשבותן, אַז „כל זמן זיי האַלטן זיך, ציען זיך, די שפינוועבס־פעדעם פון דער סביבה, זוכט ער זיי און האלט זיך אָן זיי אָן, ווען ער וויל נישט פאַרבלאָנדזען אויף די געהיימע וועגן פון קונסט". ניגער גראד איז זייער צופרידן און גליקלעך, ווען ער קאָן זיך אַזוי אוועקלאָזן אין די געהיימע געהיימנישן און טיפע טיפענישן פון קונסט און פון דער פערזענלעכקייט, וואס איז וויכטיקער, שטאַרקער און רייצנדער פאר אים ווי סביבה, ווי מיליע.

אין אַ לאַנגן אינטערעסאַנטן בריוו, וואָס בעל־מחשבות האָט געשריבן (אין 1908) צו ש. ניגער, פּרובט בעל־מחשבות צו אַנאַליזירן די פאַרשיידענע אַרטן קריטיק און כאַראַקטעריזירט דערביי זיך און ניגערן. „איינער — שרייבט ער — האָט ווערטער און בילדער פאַר דער פערזענלעכקייט, דער אַנדערער פאַר דער ראַסע, דער דריטער פאַרן מיליע". „די עסטעטישע קריטיק קאָן האָבן פיל שאטירונגען, זי קאָן טראָגן דעם שטעמפּל

און אייער אַ ר ט, וואו איר גראָבט זיך מער אין דער פּערזענלעכקייט, זי קאָן זיין אויף מיין אַרט, וואו איך גראב זיך מער אין דער פאָלקס־פּסיכאָלאָגיע און מאַסן־לעבן (מיליע)".

אין זיין פיינעם אַרטיקל וועגן בעל־מחשבות („וועגן יידישע שרייבער", צווייטער באַנד, ז. 143—164) טייטשט ניגער אויספירליכער אויס אָט די באַזונדערע ארטן־קריטיק, און אין די דעפיניציעס קאן מען אַרויסלייענען אויך ניגערס אַני־מאמין אין קריטיק; „די מיליע־קריטיק — שרייבט, אגב, ניגער — איז ווייניקער ווי יעטוועדע אַנדערע קריטיק בכח צו דערקלערן אונז דעם ש ו ר ש פון דער קונסט: ע ר ליגט אין דער איינציקאַרטיקע פּערזענלעכקייט פונם קינסטלער... בשעת די אַנדערע קריטיק זוכט דאס א י נ ע ו ו י י נ י ק ס ט ע ליכט פונם קונסט־ווערק, באַלייכט עס די מיליע־קריטיק מיט שטראַלן פון ד ר ו י ס ן ; בשעת די ערשטע אינטערעסירט זיך מיטן שאַפן, איז פאר דער צווייטער וויכטיק דאס ערב־שאַפן... דער אונטערשיד איז, וואס איינער שטעלט די פראגע: „ו ע ר ? ו ע ר איז די קינסטלערישע פּערזענלעכקייט, וואס האט דאָס דאזיקע ווערק באשאפן" דער אַנדערער פרעגט": „פ ו ן ו ו אַ נ ע ן ? פ ו ן ו ו אַ נ ע ן קומט עס אַזאַ מין שאפן צו דער דאזיקער פּערזענלעכקייט ?"

ניגער האט אין זיינע אַרבעטן פיל זיך אינטערעסירט אויך מיט דעם „פונוואנען", אין פיל פון זיינע אָפּהאַנדלונגען האט ער, אויך געפרובט צו באַלויכטן דאס ווערק, דעם קינסטלער „מיט שטראַלן פון דרויסן", אבער מער פון אַלץ און דער עיקר האט אים געצויגן צו געפינען דאס אינעווייניקסטע ליכט פון קונסט־ווערק און אויפצודעקן די פּערזענלעכקייט, אירע אייגנשאַפטן און באַזונדערקייטן.

די באדייטונג פון ניגערן פאר דער וואקסנדיקער, שאַפנדיקער יידישער ליטעראַטור און די גרויס פון זיין השפעה אויף דעם יידישן שרייבער און לייענער איז גאָרנישט אָפּצושאַצן.

1925

א. ליטוואַק

נאָך זיין אָפּזיין אַכט יאָר אין אייראָפּע (אין רוסלאַנד און אין פּוילן), איז א. ליטוואַק איצט אַוועקגעפאָרן צוריק קיין אַמעריקע. „מסתּמא אויף אַ לענגערער צייט, — האָט ער געזאָגט ביים געזעגענען זיך — און אפשר גאָר אויף עטלעכע חדשים“. ער איז געבליבן דער נע=ונד מענטש, דער „בראָדיאַגא“, וואָס האט אין ערגעץ קיין אייגן ווינקל נישט, און וואס די גאַנצע וועלט איז דאָך זיין היים. אָט אַזוי שלעפּט ער זיך ארום שוין אַ יאָר דרייסיק, פינף און דרייסיק, כמעט אָן אַ רענצל אין האַנט, פון שטאָט צו שטאָט, פון לאנד צו לאַנד. אנשטאט אייגענע חפצים, פירט ער מיט מיט זיך אַ פּאָר לעצטע ביכער, עטלעכע ביגעלעך פאַרשריבענע צעקנייטשטע פּאַפּירלעך. און וואו ער זאָל נישט קומען, איז ער גלייך ווי ביי זיך אין דער היים, ער מאכט פון זיך קיין ווען נישט, נאָר ער שפּאַנט זיך תּיכף איין אין וואָגן און שלעפּט און שלעפּט. אַמאָל איז עס געווען דער פּאַרטיי=וואָגן, איצט — ווען ער איז אַזוי אדער אַנדערש דערווייטערט פון דער פּאַרטיי=אַרבעט, שלעפּט ער דער עיקר דעם קולטור=וואָגן.

ער, דער דיסציפּלינירטסטער צווישן די דיס-

צ י פ ל י נ י ר ט ע, איז דאָך שטענדיק אויסער דיסציפּלין. ער קאָן פאָלגן און טון, ווען ער פאָלגט זיך, ווען דאס, וואָס ער טוט, טוט ער פונם גאַנצן א י י ג ע נ ע ם ווילן. איינשפּאַנען אים אין פרעמדן וואָגן, געטריבן פון אַ פרעמדער בייטש — דאָס ניין! דאַן איז ער עקשן און פארביסענער עקשן, און קיינע איינריידענישן און באשלוסן און התחכמותן, וואס מ׳וועט אנווענדן לגבי אים, וועלן נישט העלפן. ער גייט פּאַמעלעך אבער פעסט זיין גראדן וועג, זיין געדאנקען־גאנג איז אַ זיכערער, אָפענער, ער ווייסט נישט פון קפיצת־הדרך און פון גלגולים און פון התגלותן. מוז ער יעדע זאך דערגרונטעווען ביזן סוף, אויפנעמען עס אין זיך טראָפּנווייז און אויסלעבן עס בהדרגה. שפּרינגען אין דער הייך און קייקלען זיך אין דער טיף — קאָן ער נישט און וועט שוין נישט קאָנען. שטייגט ער אזוי אויף דעם עוואָלוציע־לייטער, וואס פון איין טרעפּל ביזן צווייטן ליגן חדשים און יאָרן. אַזוי איז ער אין פּאָליטיק, און אזוי איז ער אויך אין קריטיק. דויער און אויסדויער, פעסטע פונדאַמענטן אויף זיכערן באָדן. אויף נסים זיך פארלאָזט ער זיך נישט. און דער שטאָף — איז האַרטער, פעסטער, קיינע סוראָגאטן און צייט־פּראָדוקציע, און אויך קיינע זייטיקע וועגעלעך און וועגן. האַרט ביי דער ערד, און לויט אַלע כּללים פון דער לערע (מער עטישע ווי עסטע־טישע); „הלכה למשה מסיני", — און קיינע חידושים פון אַן אַחרון. סיידן, דער אַחרון איז דער גרויסער בר־סמכא, וואס לית מאן דפּליג און וואס האט נישט קיין מהרהרים נאָך זיך.

אַזוי איז שוין זיין מזל: צווישן פּאָליטיקער איז ער פאַר־וויגט פאר אַ קולטור־„ספּעץ" און ליטעראַט, ביי ליטעראַטן און קולטור־טוער האלט מען אים פאר א פּאָליטיקער און אַרבעטער־מוער. אָבער פאר דער יידישער אַרבעטער־זאַך האט ער פיל מער אויסגעטאָן, ווי פיל אויסגעשפּראָכענע פּאָליטיקער און אַרבעטער־טוער, און פאר דער יידישער ליטעראַטור און קול־טור — פיל מער ווי פיל קולטור־טוער אין ליטעראַטן.

פּאָליטיק און קולטור איז ביי אים שטענדיק און פון אַלע

מאָל הײנו־הך. ער טײלט זײ נישט פונאַנדער װי, לײדער, פיל פון אונזערע ײדישע סאָציאַליסטן, ײדישע קולטור איז בײ אים נישט װי בײ פיל פון זײנע חברים אַ זאַך פאַר אָרעמע און װײניק־אַנטװיקלטע אַרבעטער־מאַסן. דער פּרעסטיזש פון ײדישער קולטור איז בײ אים געװען הױך ניט נאָר איצט, װען ײדישע קולטור איז שױן געװאָרן אַן אַרטיקל „עובר־לסוחר". ער שפּילט זיך נישט מיט ײדישער קולטור, װי די פּאַרטײ־לײט: באַדאַרף מען זי — איז מען זי מקרב, צערטלט מען זיך מיט איר, אַלא נישט — איז זי פאַר זײ איבעריק און דערעסנדיק.

נאָך אײדער א. ליטװאַק איז אַרײן ראשו ורובו אין דער ײדישער אַרבעטער־באַװעגונג, האָט ער שױן זיך אַרײנגעטאָן אין דער אױפקלערונגס־אַרבעט צװישן די ײדישע אַרבעטס־מאַסן, געװען אײנער פון די גרינדער (און מסתמא אױך באַגרינדער) פון די „זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן", און שױן אַזױ אױף שטענדיק אָנגעצײכנט זײן װיטערדיקן לעבנס־װעג ביז אױף הײנט צו טאָג. און בײ דער אַטמאָספער, װאָס האָט געהערשט דאַן צװישן די ײדן־סאָציאַליסטן (ײדישע סאָציאַליסטן זענען ערשט שפּעטער געװאָרן), איז עס געװען אַ גאַנץ אומדאַנקבאַרע אַרבעט. נישט אײנער פון זײנע חברים־מיטקעמפער האָבן אים געװיס דאַן געהאַלטן פאַר אַ „בטלן" און „לײדיקגײער", װאָס האָט צו טון מיט אַזעלכע „נאַרישקײטן", בעת ס'זענען דאָ װיכטיקערע פּאָליטישע אױפגאַבן און צילן. און באמת: ס'איז געװען דאַן אַ געװאַגנדע אַפּיקורסות, אַרומצוטראָגן זיך מיט מעשה־ביכלעך — אנשטאָט פּאָליטישע װערק, כאָװען די ײדישע שפּראַך — אנשטאָט צו טראַכטן מכוח פּראָגראַם־פראגן, רײדן מכוח ליטעראַטור — אנשטאָט טון פּאָליטיק. און ס'איז מסתמא זײן פאַרדינסט, װאָס פּרצעס „גאָלדענע קײט", למשל, האָט פאַרנומען אַ בכבודיקן אָרט אין אַ בונדישן זאַמלבוך. די מער פּראַקטישע פּאָליטיקער האָבן געװיס אונטערגעמורמלט קעגן אַזאַ מין השגת־גבול.

ער איז אַ האַרטער ליטװאַק און זײער װײניק בױגזאַם.

זיין ליניע האט ער שטענדיק אַדורכגעפירט מיט עקשנות. ער איז נישט פון די גרינג־אויפפלאַקערנדיקע מאַטעריאַלן. אים אָנצוואַרעמען באַדאַרף מען האבן אַ לאַנג־דויערנדיקע טעמפּעראַטור. אָבער איז ער שוין דערוואַרעמט, האַלט זיך ביי אים די היץ יאָרן און יאָרן. ער ווערט נישט נתפעל פון פארבלענדעניש, ער איז אויך נישט קיין ברויזנדיקער קוואַל, ער איז ווי די געקאַלכטע גרוב, וואס זאַמלט אויף און לאָזט נישט ארויס פון זיך קיין איין טראָפּן וואסער. ער באטרינקט דערנאָך זיינע אייגענע פעלדער פון די אליין־טראָפּנס, אָנגעקליבן אין משך פון לאַנגע — לאַנגע יאָרן.

ווי זיין דענקען, אזוי איז אויך זיין ריידן און שרייבן. אַלץ פעסט און גרונטאָווּנע און אָן לייכטע פליטערלעך. געמאָסטן און געוואויגן. רעאַל, קאָנקרעט און האַרט ביי דעם ערד, קלאָר־אויסדריקלעך און אָן אויבער־הסברות. ער רעדט שטענדיק און ער שרייבט דאָס, צו וואָס ער אַליין איז דערגאַנגען, קיין אמונה און אבערגלויבן און קיינע רמזים און התפעלותן. דאס וואָס ער רעדט קאָן און ס'ווערט דורך אים אַליין וואָרט אין וואָרט געשריבן. ער פארגאַלאָפּירט זיך נישט אין זיין ריידן און שרייבן, הגם ער איז אַן אויסגעצייכנטער רעדנער און גלענצענדער שרייבער; און שרייבן שרייבט ער זיין אַן אמאָליקע אָדער אַ שפּעטערדיקע רעדע אות באות. ער סטענאָגראפירט זיך אַליין פון זיין אייגענעם זכרון. ער האַלט פעסט זיין וואָרט און פעדער, ער גיט זיי קיין פרייהייט נישט. סיידן אין פּאָלעמיק, אין אַן „עידנא דריתחא", ווען מ'טרעט אים אָן אויף אַ פילנדיקן אָרט, דאן קאָן ער אַ ביס טאָן מיט שארפע ציין און מיט גאַל. און ס'איז נישט מקנא צו זיין דאַן דעם קעגנער. — —

„לא זכיתי באור מן ההפקר,
אף לא בא לי בירושה מאבי".

(איך האָב נישט זוכה געווען אין קיין ליכט פון הפקר, ס'איז מיר אויך נישט געקומען בירושה פון מיין פאָטער), — די דאָזיקע ביאַליקס ווערטער, קאָן אַ. ליטוואק זייער דרייסט

זאָגן וועגן זיך: אַלץ וואס ער האָט אין זיך, האָט ער אַליין ערוואָרבן, ערוואָרבן מיט געטרייער התמדה. און מיט אויפריכטיקן דורשט צו וויסן.

עד־היום איז ער דער געטרייער מתמיד און אויפריכטיקער באַגערער צו לערנען און צו פאָרשן ער לאָזט נישט אַדורך קיין איין נײַ ווערק הן פון סאָציאַל־פילאָסאפישן וויסן און הן פון שיינער ליטעראַטור, יידיש און נישט יידיש, ער זאָל עס נישט גרינדלעך אַדורכקנעלן מיט אַלע זיינע מפרשים... — ,

---

נאָך אַכט יאָר ארומוואגלען איבער רוסלאַנד און פוילן זאָן אַרענצל אין האַנט, וואו געטאָגט דארט נישט געגעבטיקט, פאָרט ער איצט קיין אַמעריקע. מיר ווינטשן אים אין זיין אַלט־נייער היים אַביסל מנוחה און מעגלעכקייט צו שאַפן פון זיינע לעבנס־דערפאַרונגען און אָנגעקליבענעם וויסן ווערק, צו שאַפן פון זיין תורה שבעל־פה — אַתורה שבכתב.

די יידישע ליטעראַטור און דער יידישער מאַסן־לעזער וועלן געוויס פון דעם פיל און פיל געווינען.

1925

בער באראכאוו

ער איז ביי אונז פון די אינטערעסאַנטסטע און אויס־טערלישסטע טיפּן. אַ וואונדערבאַרער געמיש פון סתירותדיקע כחות. אַ גאונישער מתמיד אין גאָר אַ נייער אויפפאַסונג. אויף אים זענען אָנגעמאָסטן מעשיות און לעגענדעס פון אַ נייעם, הײנטצײטיקן שניט וועגן „שבע חכמות" און „שבעים לשונות", וואס ער האָט, ווי אמאָליקע גאונים, צווישן טאָג און נאַכט זיך אויסגעלערנט. מ'האָט נאָך קלאָר נישט געוואוסט, וואָס ער איז און ווער ער איז, און אַרום אים האָבן זיך שוין געוועבט וואונדערבאַרע געשיכטן, וואָס זענען איבערגעגעבן געוואָרן פון מויל צו מויל און דערגאַנגען ווייט־ווייט אריבער די גרענעצן פון זיינע פאַרטיי־חברים.

אין די יאָרן פון 1905 — 1906 האט מען נאך אין די ברייטערע קרייזן זיין אמתן, ריכטיקן נאָמען נישט געוואוסט. פון צייט צו צייט איז אַריינגעפאַלן אין האַנט אַ פועלי־ציוניסטי־שער רוסישער זשורנאַל, אַ פועלי־ציוניסטישע רוסישע אויסגאַבע, און אויפן ערשטן בכבודיקן אָרט זענען געגאנגען לאַנגע, שווע־רע און טשעקאַווע אַרטיקלען; שווער אָנגעלאָדן מיט חריפות

און בקיאות האָבן זיי געוועקט שטימונג און יראת־הכבוד. דער־נאך זענען געקומען פּאָליטישע „פּלאַטפאָרמעס" — טיף־באַגרינ־דעטע און פול מיט פּלפּול. און ווידעראַמאָל האט מען בסוד־סודות אָנגערופן זייער מחבר און גערעדט ווי וועגן אַן אויסטער־לישן יונגנמאַן. פון דער זייט האבן מיר זיך שווער פּאַנאַנדער־געקליבן אין דעם שפע פון ציפערן, פּאָלעמישע איינפאַלן, קאָמפּליצירטע חלוקי־דעות, טעאריעס איבער טעאריעס, אָבער מען האָט געהאַט אָפּשיי, מען האָט געהאַט דעם געפיל, אַז ס'איז עפּעס ניי, וואָגיק און זייער וויכטיק

און דערציילט האט מען, אַז אט דער יונגערמאַן האט גאונישע פעהיקייטן, קאָן דיסקוטירן גאַנצע נעכט, ווייסט קאַרל מאַרקס „קאַפּיטאַל" אויסווייניק און ער שרייבט און שרייבט גאַנצע חבורים, טראַקטאַטן איבער יידישע אַקטועלע נאַציאָנאַלע און קלאַסן־פראַגן, וואס דאַרפן אַלץ באַלויכטן, אויפקלערן און אריינברענגען נייע וועלט־אנשויאונגען. און דערצו איז אָט דער טעאָרעטיקער אַלט אַ 24 — 25 יאָר. און נאך אַוואונדער — אָט דער חריף און למדן שרייבט נאר רוסיש, יידיש איז אים פרעמד.

ס'גייען אַריבער עטלעכע יאָר. 1908 — 1909. יאָרן פון רעאַקציע, פון געזעלשאַפטלעכער אַפּאַטיע און נידערשלאַגנקייט. די פּאָליטישע פּאַרטייען ווערן אָפּגערוקט אָן אַ זייט. מען צעגייט זיך, מען צעפּאָרט זיך ווי נאך אַרוישיקער חתונה. אין אט די טונקעלע יאָרן שיינט אויף דער העלער און פריידיקער שיין פון יידישער קולטור, פון יידישן שאַפן, פון יידישער ליטעראַ־טור. נייע ווערטער, נייע באַגריפן: קולטור־רענעסאַנס, מאדערן וועלטלעך שאַפן, יידישיזם. יידישע שולן. אין די „ליטעראַרי־שע מאנאַטשריפטן" זענען פאַראייניקט דריי געוועזענע קעגנער און פּאָליטישע שונאים: ש. ניגער (ס. ס.), א. ווייטער (בונד) און ש. גארעליק (ציוניסט). אויך אין די קולטור און ליטע־ראַרישע געזעלשאַפטן אַרבעטן־מיט פּאַרטייאישע קעגנער. ס'איז געבילדעט געוואָרן איין קולטור־פראנט און מ'האָט מיט געמיינזאַמע

כחות געשאַפן אין געבויט. פון די פריערדיקע פּאַרטיי־טוער זענען נאָר אַ טייל אַריבער צו דער קולטור־אַרבעט, צום יידי־שיזם: הן פון די גרויסע, אָנגעזעענע און פירער, און הן פון די מיטלויפער, געוויינלעכע סאָלדאַטן. פיל אָבער האָבן געקוקט מיט חשד, מיט אומצוטרוי, און זענען טאַקע פאַרבליבן פון דער זייט און ווייט, מחוץ למחנה. אייניקע האָבן גאָר געקעמפט, באַקעמפט און באַמיט זיך פאַרשרייען און אָפּשרייען די ציטער־דיקע אָנהויבן, די פּרואוון און עקספּערימענטן אויפן יידישן קול־טור־געביט.

און אָט דערשיינט דער „פּנקס" (יאָר בוך פון דער גע־שיכטע פון דער יידישע ליטעראַטור און שפּראַך), און פלוצלים אַ גע־וואַלדיקע איבעראַשונג: דער זעלבער בער באַראַכאָוו, וואָס האָט נישט לאַנג מחדש געווען חדושים און פּלאַטפאָרמעס און וואָס צוריק מיט אַ פּאָר יאָר האָט ער קוים געקאָנט שרייבן און רעדן יידיש, פּאַרעפנטלעכט איצט אַ גרויסע אָפּהאַנדלונג: „די ביבּ־ליאָטעק פונם יידישן פילאלאג" — אַן איבערזיכט פון „פיר הונדערט יאָר יידישע שפּראַכפאָרשונג", וואו עס ווערן באַהאַנדלט גאַנצע 500 ווערק, אַרטיקלען, כתבי־ידן, און אומעטום זענען צוגעגעבן באַמערקונגען, הערות, הוספות, אנווייזונגען און מיינונגען שוין פון אַן אמתן און ערנסטן בר־סמכא. און דאָס איז ערשט דער ערשטער טייל. און דאס אַלץ איז אדורכגעמאַכט און אַדורכשטודירט אין פאַרלויף פון אַ פּאָר יאָר. וואונדער איבער וואונדער. און ווידער ווערן איבערגעגעבן „מופתים" פון דעם יונגן יידישן פילאָלאָג, און זיין נאָמען פאַרנעמט גלייך און מיטאַמאָל דעם אויבנאָן אין אונזער יונג־ער און פאַרוואָרלאָזטער ליטעראַטור־וויסנשאַפט...

אַרום דעם נאָמען בער באַראַכאָוו און זיין משונהדיקער התמדה ווערן זיך ווידעראַמאָל מעשיות און לעגענדעס, ווי וועגן די אַמאָליקע גאונים און די אייזערנע קעפּ...

און דערנאָך גייען יאָרן פון וועלט־קריג, פון צעפּאַלן פון צעטיילן, פון צעריסנקייט.

בער באראָכאָוו איז דערוויַיל אַדורכגעגאַנגען די ביבליאָ־טעקן און מוזייאומס פון ווין, בערלין, אָקספאָרד, לאָנדאָן, און איז שוין אין אַמעריקע. און ער קלויבט בערג מאַטעריאַלן, פאַרגעסענע ספרים און מאַנוסקריפּטן צו דער געשיכטע פון אונזער יידישן שטאַם.

און אָט — אין סאַמע העכסטן ברען פון רעוואָלוציאָנערן און נאַציאָנאַלן קאַמף אין אוקראַינע. אַלע בליקן און געדאַנקען זענען געווענדט צו פאַרשטאַרקן די נאַציאָנאַל־קולטורעלע פּאָ־זיציעס. קומט בער באראכאוו פון אמעריקע. ער פאַלט גלייך אַריין אין ברויזנדיקן קעסל פון קאַמף און שטרייט אין קיעוו, ער ווערט אָבער גאר גיך קראַנק, געפערלעך־קראַנק. פון די קאָנ־פערענצן, מיטינגען, פּארטיי־שלאַכטן בלייבט ער אַ שווער־קראַנקער ליגן אין אַ באַשיידענער פּריוואַטער „לעטשניצע" אויף וולאדי־מירער גאַס. ליגט ער אַזוי מיט דער האָפענונג באַלד געזונט צו ווערן און זיך ווידער אומצוקערן צו דער קאָכעדיקער אַרבעט.

אין איינעם אַ פאַרנאַכט, אין מיטן דעצעמבער 1917 (איינ־גאַנצן עטלעכע טעג פאַר זיין טויט) האָב איך אים באַזוכט. ער איז געלעגן אויף זיין טויטן־בעט, דער קאָפּ, און דאס פּנים איינגעפאַלן, אויסגעמאטערט פון די שלאָפלאָזע נעכט און שרעקלעכע ווייטאָגן, נאר מיט לעבעדיקע ברענענ־דיקע אויגן. אין די ערשטע פּאָר מינוט פונם שמועס האָט ער אויפגעלעבט: מען איז אַרויף גלייך אויף דער יידישער ליטע־ראַטור, אויף דער יידישער שפראַך, און ווי פון אַ לעבעדיקן קוואַל האָבן פון אים געגעבן אַ שטראָם געדאַנקען, אָפּרופן, מיינונגען, פּלענער, פּראָיעקטן, פּערספּעקטיוון. יאָ, ער האָט גאַנצע קאַסטנס מיט נאָטיצן, מאַטעריאַלן, איבערגעשריבענע זעלטענע מאַנוסקריפּטן, און דאָס אַלץ דאַרף מען סיסטעמאַטיזירן, גרופּירן, צונויפשטעלן און פאַרעפנטלעכן. אָבער דאָס איז אַן אַרבעט אויף חדשים. און די מאַטעריאַלן זענען נאָך נישט אָנגעקומען פון אַמעריקע. אָבער דערוויַיל קאָן ער אויף גיך, אין פאַרלויף פון עטלעכע טעג, אָנשרייבן אַ קורצע געשיכטע

פון דער יידישער שפּראַך און דער עלטערער יידישער ליטעראַטורי
יאָ, דאס האט ער פּאַרטיק אין קאָפּ, אין עטלעכע אויפדער-
נאכטן, ווי נאר די ווייטאָגן וועלן אַריבער, וועט ער עס מאכן, —
אומבאַדינגט מאַכן.

און טאקע אויף מארגן איז געגאַנגען אנאטיק, אז איבי-
גיכן וועט דערשיינען א ביכל פון ב. באראכאוו „צו דער גע-
שיכטע פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור". יאָ, מיר
ביידע זענען נאַאיוו געווען און ביידע האבן זיך אָפּגענאַרט.

אין א פּאָר טעג אַרום איז בער באראכאוו אויסגעגאַנגען...

מען האט איינגעאָרדנט גאר אַ גרויסאַרטיקע לויה, מיט
פּענער, מיט געזאַנג, מיט מאַרשירנדע אַרבעטער, מיט גרויסע
פּייערלעכע רעדעס פון אלע פּארטיי-לידערס (אָן אויסנאַם). אלע
האבן פלוצים דערפילט, וואס בער באראכאוו איז געווען און
געקאנט זיין פאר דער יידישער ליטעראַטור, פאר דער יונגער
יידישער קולטור-באוועגונג. די לויה און די רעדעס אויפן
קיעווער בית-עלמין זענען געווען שטאַרק אימפּאָזאנט און גע-
מאַכט א דערשיטערנדיקן איינדרוק אויף אלע אנוועזנדיקע.

מען איז געגאַנגען צוריק פון בית-עלמין צעבראכן און
דערשלאָגן און מיט דעם איין שווערן געדאַנק, אז א געוואַלדיקע
אבדה האט די יידישע ליטעראַטיר געליטן מיט דעם פריצייטיקן
טויט פון דעם קוים 36 יאָריקן מאדערנעם גאון, וואס האָט אין
זיך פאראייניקט ביידע די גרויסע מעלות פון „סיני ועוקר-הרים".

1925

יעקב פיכמאן

ביי אונז, אין דער יידישער ליטעראַטור, איז ער שטענ־דיק ווי אַ גאַסט, „אַן אורח אויף אַ ווייל". אַ זעלטענער, אומגע־ריכטער, און דאָך — אַ ליבער און שטאַרק־אָנגעלייגטער גאַסט.

זיינע יידישע לידער האָבן זיך נאָך געדרוקט אין אַמאָ־ליקן „יוד". נאָך צוריק מיט אַ יאָר פופצן האָט ער צונויפגע־שטעלט אין יידיש די ערשטע ערנסטע אַנטאָלאָגיע פון יידישער דיכטונג — „די יידישע מוזע" — מיט אַ פיינער, ערנסטער פאָרעדע וועגן דעם יידישן פאָלקס־ליד. מיט צען־צוועלף יאָר צוריק האָט ער געשאַפן אַ גאַנץ־גוטע יידישע, פּאָפּולער־געוואָרע־נע כרעסטאָמאַטיע „פאר שול און פאָלק", אין 1918 איז ארויס זיינס אַ ביכל קינדער־לידער, אין פארשיידענע יידישע אויסגאַבן דרוקן זיך זיינע ציכטיקע, הארציקע, פשטותדיקע און פיין־געבויטע קריטישע עסייען.

און דאָך איז ער ווי אַ גאַסט ביי אונז.

און צי איז ער דען אזא נאָר אין דער יידישער ליטע־ראַטור? איז ער דען נישט דער זעלבער זייטיקער און שטענ־דיק אומגעריכטער גאַסט אויך אין דער העברעאישער ליטעראַטור, וואו ער איז שוין כמעט 25 יאָר אַ תושב?

יעקב פיכמאן גייט זיך שטענדיק אָן א זייט, אליין, האט זיך תמיד זיין אייגענעם לעבנס און דיכטער-וועג. ער איז צופיל פארוואָקסן אין זיין אייגענעם איך, אין זיין אייגענעם קוועלנדיק-שאפנדיקן איך, ער זאל קאנען אזוי לייכט ארויס פון זיין רשות-היחיד אין רשות-הרבים אריין. מיט זיין גאנצער ווייכקייט, צוגעלאָזנקייט, גוטמוטיקייט, — איז אין אים דאך פאראַן עפעס עקשנותדיקס, כ'וואלט געזאָגט פויערשס, שווער-האמעטנס, וואס האַלט אים אָפּ און פארינגלט אים אין זיינע אייגענע ד' אמות. ער איז, דוכט זיך, גרינג אויף ווירקונג פון דער זייט, ער איז עלול נתפעל צו ווערן, אָבער ער פירט זיך תמיד זיין אייגענעם שטרענגן חשבון-הנפש מיט נאטור, מיט וועלט, מיט פראָבלעמען, מיט דיכטער און ווערק. ער קומט מיט זיי אין ענגער בארירונג, ער ווערט גערירט. אט די גערירטקייט רעגט אים אָן, אבער פירט אים נישט אראָפּ פון-אייגענעם וועג. ער גייט זיך פאַמעלעך, באזאַכט, באטראַכט הארט ביי דער ערד, ביי זיין אייגענער ערד. ער קאן זיך איינלעבן מיט ווירקונגען, מיט איינדרוקן פון אויסן, פון דער זייט און מיטלעבן א צייט מיט זיי, אָבער ער גיט זיך זיי זעלטן-ווען אינגאנצן איבער.

ער איז א ליריקער אין זיין דיכטונג און א ליריקער אין זיין קריטיק. אבער אָן דער לייכטקייט, לייכטזיניקייט, אויבער-פלאכקייט און נאכגיביקייט פון דעם דורכשניטלעכן טיפּ ליריקער. זיין ליריק איז א דויערהאַפטיקע און נישט-איבערגייענדיקע. זי קומט נישט פון צופעליקע, זייטיקע, אָנרעגנדיקע אימפולסן, נאר דאס איז זיין טבע, זיין יסוד, זיין עיקר און תמיד. אזוי איז ער אין זיינע לירישע נאַטור-לידער. זיין דיכטונג — איז נישט-אויפבינדנדיקע באהעפטונג מיט שטומער נאטור, וואס לעבט א געמיינזאם לעבן מיט אים. זיינע לידער זענען נישט סתם נאטור-שילדערונגען, נאטור-באשרייבונגען און מאָמענטאלע התפעלות-אויסדרוקן. זיי זענען טיפע נשמה-

אַנטפּלעקונגען, אָפּקלאַנגען פון שטימונגספולע איבערלעבענישן, פון נאָענטן, אינטימען און אָרגאַנישן צוזאַמענלעבן

די נאַטור פילט ער דערעיקר, זעען זעט ער זי ווייניק. ער פילט זי אין דער באַהעפטונג מיט זיך. זי שטאַמט ארויס פון זיין אינעווייניקסטן וועזן. עס איז סוביעקטיוויזירטע נאַטור, מיט אַ שטאַרקן צומיש פון זיין נשמה, האַרץ און שטימונג. די נאַטור פאַרמאָגט ביי אים ווייניק בילדער, זי איז געדיכט־אָנגעזאַפּט מיט מענטשלעכע איבערלעבענישן. מיר האָבן אין איר מער שאָטן ווי ליכט, מער טענער ווי קלאַנגען, מער אָפּבילד ווי בילד.

נישטאָ ביי אים קיין בונטע, ראַשיקע און איבעראַשנדיקע פאַרבן און טענער, ווערטער און אויסדרוקן. ער ווייסט נישט פון קפיצת־הדרך. סתּם שוועבן אין אַבסטראַקטע וועלטן פון מליצה, רעטאָריק און פאַנטאַזיע האָט ער פיינט, ס'איז אים דערווידער. אַלץ מוז ער אליין איבערלעבן, אויסטראָגן אין זיין אייגענעם שויס, און ערשט ווען ס'ווערט ביי אים רייף און צייטיק שאַפט ער.

אין די סאַמע הייסע, קאָכעדיקע טעג פאַרבאַהאַלט ער און היט איין זיין אינעווייניקסטע רוהיקייט. קלאָר איז ער דאַמאָלס און קאַלט, ווי דער באַרג־שטראָם, וואס ריזלט, פאַרטוען און פאַרנומען אין זיך מיט זיין אייגענעם אימפּעט. אזוי איז ער געווען מיט זיין דיכטונג אין די יאָרן 1905 — 1906, און אזוי אויך אין די רעוואָלוציע־און שחיטה־יארן פון 1917 — 1919. זיין דיכטער־געצעלט איז אָפּגערוקט אָן אַזייט, ווייט פון דעם געשעענישן־פּראָנט. עס קאָן פאַרדריסן, עס קאָן דערצערענען אָט די רוהיקייט, אָבער אזוי איז עס. עפּעס, משמעות, איז פאַראַן אין אים פּעסטעס, שווערעס, וואס לאָזט נישט קיין זייטיקע שטראָמען צו פאַרפלייצן אים, וואס דערלאָזט נישט צו רירן אים פון אָרט אזוי לייכט. געוואקסן איז ער דאָך אויף די בעסאַראַבער סטעפּעס און פאַרהאַרטעוועט און פאַרשטייפט איז ער פון יענע זונען און שטראַלן. שווערוואָגיק איז ער און

שטאַרק געבויט, און טריט האט ער פּאַמעלעכע, גלייכע און פעסטע, און שטורם און וויכער איז — אים גאָרנישט.

ער פאַרמאָגט אָן אַ שיער פּשטות, פּרימיטיווקייט. זי איז אָבער אין משך פון יאָרן קולטיווירט געוואָרן און זי האט שוין אַ שטאַרקן צומיש פון ראפינירטקייט. אָבער ער איז נאָך אַלץ דער מענטש, וואס נעמט דער עיקר מיטן חוש, מיט געפיל, מיט איבערלעבונג.

אזוי איז ער עד־היום אין זיינע קריטישע עסייען איבער שרייבער, איבער דיכטער און איבער שאַפן. לכתחלה קומט געפיל, און ערשט שפּעטער געדאַנק. פריער שטימונג, און דערנאָך די אויפקלערונג. צווערש דער חלום, און נאָך אים — דער באַשייד. באַהעפט ער זיך איצט און לעבט זיך איין מיט איין שרייבער און דערנאָך — מיט אַ צווייטן אַן אַנדערן. פילט ער היינט איין מין נאַטור, און אין אַ צייט אַרום אַ צווייטע נאַטור, פון אַן אַנדער לאַנד, פון אַן אַנדער שניט. האָט ער אויפגענומען מיט זיין גאַנץ וועזן דעם כמורנעם שוואַרצן ים אין אָדעס און שפּעטער די זוניקע, וויסטע לאַנד־שאַפטן פון ארץ־ישראל, די בוים און בוימלעך פון אוקראַינע און די בלויע, טיפע הימלען פון גליל. צו די אַלע גאַנץ־באַזונ־דערע און אייגנאַרטיקע וועלטן שאַפט זיך ביי אים מיט דער צייט, אין פּראָצעס פון לאַנגן מיטלעבן, ספּעציעלע נאָענטקייט, פאַרבינדונגס־געפילן, אינטימקייט.

אינטימקייט און פאַרליבטקייט. און פון דעם קומט דער־נאָך ליבע, פּיעטעט, השתפכות־הנפש, התדבקות און הזדווגות. מיט אָט די דאָזיקע געפילן זינגט ער ארויס זיינע לירישע האַרציקע געזאַנגען און מיט אָט די דאָזיקע געפילן דערציילט ער תמיד וועגן שרייבער און ווערק. אויך צו זיינע אַרטיקלען און כאַראַק־טעריסטיקעס וועגן שאַפער און זייער שאַפן קומט ער פון אינע־ווייניקסטער התפעלות און ספּעציעלער פאַרערונג. דער וועג אויפצודעקן און צו אַנטפּלעקן אַ דיכטער גייט ביי אים פון אינעווייניק ארויס, פון שאַפער צום ווערק, און נישט פאַרקערט.

עדער איינער פון די דיכטער לעבט־אויף אין זיין האַרץ, און פון דעם אויפשיינען און אויפשטראַלן, פון דער אַנטפּלעקונג קומט פּיכמאַן צו רעדן און צו משפטן וועגן אים און זיין שאַפן. ער פאַסט־אויף דעריבער דאָס גאַנצע, פולע, עיקרדיקע, און נישט איינצלהייטן, פּרטים, אַרומאונאַרומיקייטן. און דעריבער איז אויך זיין קריטיק סוביעקטיוו, ליריש, באַהאַרצט, ווי זיין דיכטונג. לייענט אַדורך זיינע קריטישע פּאָעמעס איבער ביאַליקן, ברענערן, בערדיטשעווסקין, א. ד. גאָרדאָן, יהודה שטיינבערג, א. מאַפּו, י. ל. גאָרדאָן,—עס זענען נישט סתם קריטישע אַרטיקלען, עס זענען נישט קאַלטע אָפּשאַצונגען, אָפּהאַנדלונגען, נאָר דיכ־טערישע אויפפאַסונגען. ציטערנדיקע האַרץ־ניואַנסן, נשמהדיקע, ווענטלעכע שטימונגען. אין יעדן איינעם אַרטיקל האָבן מיר אפשר מער פּיכמאַנס פּערזענלעכע איבערלעבענישן, ווי כאַראַק־טער־שטריכן פון באַהאַנדלטן שרייבער.

טיף אין זיין האַרצן רוט אַ שטענדיקע רוהיקייט און קריש־טאָלענע קלאָרקייט. אין אָט דער לייכטנדיקער קלאָרקייט לאָזט ער שטענדיק אָפּשפּיגלען די פאַרשיידענע שעפער און זייערע שאַפנדיקע ווערק. פון אָט דער קלאָרער, ליכטיקער, באַשטראַל־טער רוהיקייט לאָזט ער צוריק אַראָפּשיינען און אַראָפּשטראַלן אין די טיפסטע, פאַרבאָרגנסטע ווינקעלעך פון פרעמדע וועלטן און פרעמדן שאַפן. און ס׳ווערט קלאָר און ליכטיק און גרינג אויפן האַרצן, און מיר נעמען אויף דאָס אומקלאָרע, טונקעלע, פאַר־באָרגענע, פאַרנעפּלטע און פאַרשטייען עס בעסער און פילן עס בעטנטער, און מיר דערגייען אזוי אַרום צום סאַמען פּינטעלע, צום עיקר־העיקרים.

יעדער אַרטיקל ביי אים איז אַ לויב־געזאַנג, אַ „שיר ושבחה" פאַר דעם דיכטער, וואָס פּיכמאַן איז דערגאַנגען און דער־גרייכט צו זיין העכסטער מדרגה. ער האָט אים דערפילט און פאַרשטאַנען, אמתע אָפּנבאַרונג.

אָפּטמאָל געדויערט ביי אים לאַנג ביז אָט די ליבע, פּיעטעט און פאַרשטענדניש ווערט רייף און צייטיק. זי טליעט

אין אים לאנג אָט די ליבע, און עס דאַרף קומען עפּעס אַ
קראַפט, וואס זאָל זי ארויסרופן, וואָס זאל זי אַנטפּלעקן. אָפּ=
שטויסן, אַוועקמאכן מיט דער האַנט, אַראָפּרייסן, מבטל צו מאכן—
דאס קאָן ער נישט. איז דער שרייבער אָדער בוך ווייט פון
אים, איז עס פרעמד זיין גייסט און געפיל — איז עס פאַר
אים לחלוטין נישטאָ. קעמפן און באקעמפן — דאָס איז נישט
זיין מדה.

און נישט נאָר היינטצייטיקע דיכטער נעמט ער אַזוי
האַרציק און אינטים אויף. אויך די ביבל=מאָטיוון האָט ער אויפ=
גענומען מיט באזונדערער אינטימקייט, מיט ספּעציעלער האַרץ=
נאָענטקייט. איוב, קהלת, רות, שיר השירים זענען ביי אים לע=
בעדיקע וועזנס געווארן, אויך מיט זיי האָט ער אָנגעקניפּט
אינטימע נשמה=באַציהונגען, זיך איינגעלעבט מיט זיי, און זיי
זענען דורך אים פארלעבעדיקט געווארן. ס'איז אַראָפּ פון זיי
דאָס ספּרדיקע, און ס'איז געקומען דאס לעבעדיקע, דאָס
מענטשלעכע...

יעקב פיכמאן לאָזט זיך טייטשן און אויסטייטשן. און מען
דאַרף נאָך וועגן אים רעדן און רעדן.

1925

ה. לייוויק

„דורך ליידן ווערט דער מענטש געלייטערט״.
פ. מ. דאָסטאָיעווסקי

א.

דער לויטערער

דער לויטערער — דאס איז דאס ריכטיקסטע, אמת־דיקסטע, צוגעפּאַסטע וואָרט פאר ה. לייוויק, פאר זיין דיכטונג, פאר זיין פערזענלעכקייט.

ווי דאָסטאָיעווסקי אַמאל, וואס דאס באגעגעניש פּנים אל פּנים מיטן טויט אין די שווערע קאַטארגע־יארן האבן שרעק־לעך געבראכן זיין געמיט און אויף שטענדיק איבערגעלאָזט אין אים אַ געטלעך פייער, וואָס האט זיך שפּעטער קיינמאל נישט אויסגעלאָשן, און וואס דורך די אייגענע אינערלעכע ליידן האָט ער באקומען דעם וועג אין לפני ולפנים פון דער ליידנדיקער מענטשלעכער נשמה, — אזוי אויך איז ה. לייוויק מיט זיינע זעקס שוידערלעכע קאַטאָרגע־יאָרן אין די רוסישע תפיסות אַדורכגעגאנגען דעם מענשלעכן גיהינום־פייער, אויסגעטרונקען דעם כוס פון מענטשלעכער זיטן־פאַרדאָרבנקייט ביזן סוף, גע־וואָרן געבראָכן, פאַרוואונדעט, און לסוף אַרויס אַ געלייטערטער

דאָס פאַרביטערטע וואָרט, די שווערע קללה דער מענטשהייט, די באַשולדיקונג קעגן דער וועלט איז, משמעות, נאָך אַמאָל פאַרבליבן ביי אים צווישן די קריצנדיקע ציין, און גובר געווען האָט די ליבע, מיטלייד, מיטגעפיל צו דערשלאָגענע, אומבאהאָלפענע, אומגליקלעכע און ליידנדע.

דער ווייטער בליק אין דער רעאַלער וועלט אַריין, דער אינטערעס צו אויסערלעכע געשעענישן איז פאַרצוימט געווען דורך די פאַרשלאָסענע, פינסטערע, נאַסע טורמע־ווענט, — איז דער בליק און דאָס געוויסן געווענדט געווען אין זיך, אין אייגענע איבערלעבענישן, אין אייגענעם חשבון־הנפש.

און פון דעם אייגענעם געבראָכענעם און געלייטערטן געוויסן האָט ה. לייוויק אַרויסגעזונגען זיינע שווערע און ליכטיקע, אומעטיקע און לויטערע געזאַנגען.

דאָס זענען די תפיסה־לידער און סיבירער מאָטיוון, וואָס ה. לייוויק האָט אין די ערשטע יאָרן פון זיין דיכטערישן שאַפן פאַרעפנטלעכט. דער אומיטלבאַרער ווייטיק איז שוין פאַריבער, די דירעקטע פיין איז שוין פאַרגאַנגען, און ס'איז געבליבן אין האַרץ דער רירנדיקער אָפּקלאַנג פון אַמאָליקע ווייטיקן, דער פאַרשטיקטער האַרץ־געשריי, וואָס איז שוין אַדורכגעמישט מיט פאַרגעבונג, מיט פרייד פון יסורים.

ס'איז דאָ עפּעס אַ גליק, אַ פרייד אין דעם, — זאָגט ה. לייוויק אַליין, — וואָס דאָס שוידערלעכע, אומְמענטשלעכע איז שוין אַדורכגעגאַנגען און עס איז אינעווייניק אין האַרץ אַדורכגעלעבט. אָט די פרייד, אָט דאָס גליק שטראַלט אַרויס פון יעדן ליד, פון יעדע באַרירונג מיט די אָפּקלאַנגען און נאָכקלאַנגען פון אַמאָל. אָבער די פרייד און דאָס גליק איז נישט קיין פולע, נישט קיין הילכיקע. ס'פילט זיך אין זיי שטענדיק ליידן, די אימה פאַר די ליידן און דער סוד און באַשייד פון זייער באַרעכטיקונג.

און נישט נאָר די לידער און פּאָעמעס פון די ערשטע דיכטער־שע יאָרן

בלעטערט און לייענט די ווייטיקפולע, האַרצפּאַרקלעמעני־דיקע בלעטלעך פון „גולם". קוקט נישט אַרויס אומעטום אין די ווערטער פון מהר"ל, פון תנחום, פון יונגן בעטלער אַנגסט און פּיין, שרעק און ציטער פאַר דאָס באַשאַפענע, פאַר דאָס רעאַלע? און גלייכצייטיק—אויך ליבע און גלויבן און ברכה און פרייד? און צי זינגט נישט אַרויס אומעטום, פון זיי אַלע, ל ײ װ י ק דער מענטש — דער דיכטער, וואָס די אַלע קללה־און־ברכה, שרעק־און־פרייד־געפילן זענען אויפגעקומען אין זיין אייגן האַרץ?

„איך האָב פאָרויסגעזען דעם אויסברוך פון דיין האַס.
ביז וואַנען עס וועט קומען יענע שעה פון קלאָרער פרייד,
פון אויסגעלייטערטן געוויין, פון שטראַלנדיקער רו —
זאָל אויפהערן דערוויל דיין בלינדער שרעק,
זאָל פאַלן אויף דיין האַרץ דערווייל מיין ערשטע ברכה,
מיין ערשטע טרייסט אויף דיין צעטומלטן געדאַנק".

אַזוי רעדט לייוויק אַרויס זיינע אייגענע ווערטער דורך דעם מ ה ר " ל, וואָס זענען געווענדט צום ג ו ל ם.

און אַ צווייט מאָל הערן מיר פון אים אַזעלכע רייד, געווענדט צום יונגן בעטלער:

„נעם אים צו, אַנטלויף
מיט אונזער פּחד סם אים נישט דאָס האַרץ.

— — — — — — — — — — —

ער מוז אַוועק. ער טאָר זיך נישט געפינען
אין אונזער גבול. — צי קאָן ער זיינע פינגער
צונויפקלאַמערן אין פויסטן אייזערנע,
און שלאָגן מיט רציחה איבער קעפּ?"

און אַמאָל גאָר שמועסט לייוויק אונז איין:

„ס'איז נישט קיין שטראָף, נאָר דיר אַ טובה,
די לייכטקייט פון דיין האַנט זאָל דיר נישט רייצן מער"...

און באַקענט מען זיך נעענטער מיט לייוויקן, הערט מען זיך איין צו זיין רעדן, צו זיין דערציילן, פאַרנעמט מען די

שטימע פון זיין נשמה, — דערפילט מען נאָך שטאַרקער די גאַנצע גרויזאַמקייט און אויפריכטיקייט פון זיין געלייטערטער דיכטונג.

און עס אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז דער וועג צו דעם „גולם".

ער פירט נישט נאָר פון די פּראָגער יידישע געסלעך, נאָר אויך פון די רוסישע פינסטערע תפיסות.

ב
„דער גולם"

דער יסוד פון ה. לייוויקס „דער גולם", איז די באַוווּסטע פאָלקס־לעגענדע וועגן מהר"ל פון פּראָג און דעם גולם, וואס ער האט באשאפן. אָבער די לעגענדע איז דאָ גענומען נאָר אַלס טעמע און מער נישט. אין דעם אַלטן שטאָף האָט ה. לייוויק אריינגעהויכט אַ טיפן מאָדערנעם אינהאַלט. לייוויקס „גולם" איז ווייט־ווייט אַוועק פון דעם לעגענדאַרן גולם. אין דער לעגענדע איז דער גולם באשאפן לכתחילה און דורכויס מיטן צוועק צו ראַטעווען יידן פון עלילת־דם. דער גולם איז דאָרט אַ שטומער, רעדט קיינמאָל קיין וואָרט נישט אַרויס. ער איז אויך נישט מסוגל צו טראַכטן און דענקען, און שווייגנדיקערהייט פירט ער אַדורך אַלץ, וואָס מען הייסט אים. אַ פּאַסיווע באַשעפעניש. די פּאַסירונגען אין זיין לעבן דרייען זיך אַרום די בלבולים אויף יידן — און דאָס גאָר.

ה. לייוויק האָט אַריינגעפלאָכטן אין דער דראַמע אָן אַ שיער טיפע, מאָדערנע געדאַנקען, מאָטיוון און פּראָבלעמען, און דאָס בוך וואַקסט־אויס אַזוי־אַרום אין אַ מערקווירדיק און אינטערעסאַנט היינצייטיק ווערק.

שווער צו זאָגן, צי איז דער גולם פאַר לייוויקן דער סימבאָל פונם מענטש פון אונזער דור, אָדער דער סימבאָל פון מענטש אין אַלע דורות. „דער גולם" לאָזט זיך טייטשן און אויסטייטשן, ער רעגט ביים לעזער די פאַנטאַזיע

און געדאַנק, און וויפיל מאָל מען זאָל דאס בוך נישט לייענען און איבערלייענען, אַלץ מער לייענט מען פון אים אַרויס.

פון ליים איז געשאַפן דער גולם, אָן זיין וויסן און אָן זיין ווילן, צוליב עפעס אַ שליחות, וואָס איז אים פרעמד און איז פון אים פאַרהוילט. דער מהר״ל באשאפט דעם גולם אין דער פינסטערניש פון נאַכט, מיט אן אומרויקן שווערן געמיט, און דאס געשטאַלט בעט זיך ביי אים:

„איך בין געקומען וואָרנען דיך: באשאף מיך נישט, נישט נעם מיך פון מיין רויקייט אַוועק. — — — נישט בייט מיר אויס מיין פינסטערניש, מיין שטילקייט אויף דעם גערויש פון גאַסן און פון מענטשן. — — — און מיר איז גוט אַזוי געווען צו זיין נאר ליים, צו ליגן טויט און רויק אויסגעמישט מיט אַלע זעמדעלעך און שטיינדעלעך פון דער ערד, פון אייביקייט ביז אייביקייט אַזוי״...

דער אַלטער יידישער „בעל כרחך אתה נולד״. און דער מהר״ל, דער באשאפער, זאָגט־אַרויס די צווייטע קללה פונם מענטשן דעם גולם. „עס איז דיין רצון גאַרנישט. אַנגעצייכנט שוין זענען אַלע וועגן, טעג און נעכט פאַר דיר און אַלע מעשים דיינע״.

דעם מהר״ל, דעם באשאפער, איז אַליין נישט קלאָר דער צוועק פונם באשאַפן דעם גולם. צוערשט טוט ער עס אין גאָטס נאָמען: „עס האט מיך גאט געשיקט, איך זאָל דיך קנעטן, איך זאָל דיך אָפּטיילן פון שטיינערדיקן באָדן״. אבער די זיכערקייט ווערט גאר גיך פארשוואונדן, און ער פילט, אז „אַ פינסטערניש האט זיך אריינגעריסן אין זיין געלייטערטער, געהייליקטער כוונה״. און אַז ער האט „אַ פגימה אין דעם קומענדיקנס הארץ געמאַכט״, און ער קלאָגט זיך, אז ער אליין מיט זיינע הענט האט דעם גולמס מזל אפגעווענדט „צום וועג פון פיין, צעטומלעניש, צעמישונג״.

דער גולם באוועגט זיך לכתחילה אָן אַן אייגענעם באגער

און פירט אויס געהאָרכזאַם דעם געבאָט פון זיין באַשאַפער. גיך הויבט ער אָבער אָן שטעלן פראַגן, הויבט אָן אַרויסצווייזן אייגענע פאַרלאַנגען, ער דערשפירט זיינע אייגענע כחות, פרווט ווידערשפעניקן זיין באַשאַפער.

דער באַשאַפער דערשרעקט זוך פאַר זיין שאַפונג, ווען יענער הויבט־אָן צו זיין גלייך צו אים. ווי אין חומש — דער שרעק פון גאָט, וואס האָט מורא פארן מענטש „והיה כאחד מאתנו". דער מהר"ל טענהט צום גולם: „דו דאַרפסט נישט באַכטון אַלץ, וואָס איך". און טאקע גלייך קומט די קללה פון „בזעת אפיך תאכל לחמך".

דער גולם קלאָגט זיך, אַז „האַק לויפט לייכט אַזוי אין מיינע הענט אַליין אַרויף, אַראָפּ, אַרויף, אַראָפּ, און איך בין אַזוי הויך, דער העכסטער". ענטפערט דער מהר"ל דערויף:

> „איך האָב געגעבן לייכקייט דיינע הענט, אָן אַר־
> בעט — צו פאַרגרינגערן דיין איינזאמקייט. זאָל פליען
> ווי אַ פעדער אין דיין האַנט די האַק — אזוי האָב
> איך געגעבן דיר מיין ברכה. נאָר איצט, איך זע,
> מוז אנדערש זיין. מיט מי, מיט שווערער אָנשטרענגונג,
> מיט שווייס זאָל יעדער הויב פון האק דיר אָנקומען,
> און יעדעס מאָל, ווען אויפן האָלץ וועט זיך דער
> שארף אַראָפּלאזן, זאל אויך דער אטעם דיינער ארונ־
> טערזינקען, ווי אַ שווערע משא".

און עס ראַנגלט זיך שפּעטער אין בוך דאס גולמשע, וואס איז פון ליים געקנאָטן און וואס איז שטענדיק צו ערד צוגעשמידט מיט דעם ווילן צו שטאָלפּערן אין די הויכע הויכן און צו ווערן אליין דער צענטער און עיקר־העיקרים. דער גולם דערפילט אַ צווייטן, אַ העכערן אין זיך, און ווען ער הויבט־אָן צו טראַכטן וועגן זיך, דאַן הערט זיך דער טיפער פיין פון מענטש: „איך לעב, און ווייס אליין נישט וויפיל, אויף דער ערד און אונטער איר, און קיינמאָל זע איך נישט דעם אנהויב

און דעם סוף פון מיר און פון מיין אייביקן פארגיין"...

און דער איינו נראה פון גולם, דער גייסט זיינער, זאָגט צו אים: „דו ביסט געקומען זען דעם טאַנץ פון אומזין, דו האסט געזען דעם אָנפאנג ערשט נישט לאנג, און איך וועל דיר אנטפלעקן אויך דעם סוף, דעם גאַנצן אומזין..."

דער אומבאהאָלפענער גולם הויבט־אָן וואס ווייטער אַלץ מער צו שפּירן זיך אַלס דערלייזער.

תנחום — די פאַרקערפּערונג פון דעם קרענקלעך־אויפגערעגטן, פארצווייפלט־אומגעדולדיקן אומרו, וואָס וואקסט־אויס אויף דעם פיינלעכן פאָן פון צער און צאָרן, — תנחום, דער געפּלאגטער איוב, וואס האט אָנגעהויבן שילטן, לעסטרן און קלאגן זיך, איז שוין אויך מסכים, אז דער גולם זאָל זיין דער לעצטער, דער איינער: „זיי וואכעדיק — רופט ער צום אים — איך וויל. איך האב קיין מורא נישט. און ווער דו ביסט — איך ווייס נישט, אז אלע זענען אויסגעשטאָרבן, דארף איינער דאָך פארבלייבן, זיי דו דער איינער"... און ער דערזעט פּלוצלינג אין דעם גולם „אַן אַנדערן, אַן אנדערן און נישט דעמזעלביקן, אַ באלויכטענעם, אַ שטראַלנדיקן, אַ ברענענדיקן פּנים". און ווען אין „פינפער־טורעם" בלאנדזשען־ארום פארלוירענע און דערשראָקענע די רביצין און דבורהל, רופט דער גולם אויס פּאַטעטיש: „און ווער וועט זיין דער אַנדערער, וואָס וועט אייך ראטעווען? איר האָפט אומזיסט, איך זאָג אייך... דער איינציקער, וואס קאָן אייך ראַטווען, בין איך, בין איך".

דער מהר"ל, דעם גולמס באשאַפער, ווייטאָגט צוזאַמען מיטן גולם, און פארשטייט זיין פּיין און טראַגיזם. ער פאַרנעמט אַלע מאָל זיינע ליידן און טרייסט אים, און באַקלאָגט אים. ער זאָגט צום גולם: „דו ווייסט, און וואָס דו ווייסט צעטומלט דיך, פאַרפּלאָנטערט דיך נאָך מער, אָנשטאט צו פרייען זיך". און טיף רירן אונז די ווערטער און קלינגען ווי אַ קללה: „דו קאָנסט פון דיין פארלאָרנקייט זיך נישט באפרייען

און איבער קיין זאַך קאָנסטו נישט דערהויבן זיך, און אויך נישט איבער זיך אַליין". „וואָס איז פון דעם, וואָס עפּעס האָסטו יאָ באַגריפן, יאָ פאַרנומען, אַז אַלץ, וואָס האָט זיך פאַר דיין אויג אַנטפּלעקט, האָט אויף אַ האָר דיין לעבן נישט געלייטערט, נישט גע־שטילט דיין אומרו, אויך דיין מויל קיין שמייכל נישט געבאָרן"...

און לסוף דער טרויעריקער, אייביק־טרויעריקער פינאַל: „איך הייס דיר, לייג זיך אויף דער ערד אַוועק... צי־אויס די פיס.. נישט פרעג"...

דער גולם ציט זיך מיט די הענט צום מהר"ל: „וואָס ווילסטו טון מיט מיר?" דער מהר"ל ענטפערט קורץ, אָפּגע־האַקט: „נישט קיין ענטפער... הויך־אויס דיין לעצטן אָטעם. אמן".

דאָס פּראָבלעם פון דעם גולם, זיין געבוירן, לעבן און שטאַרבן — דאס איז נור אַ טייל אין דער וואונדערלעכער פּאָ־עמע פון ה. לייוויק. אין בוך ווערן געבראַכט אַ גאַנצע ריי געשטאַלטן, וואס יעדער איינער פון זיי פאַרקערפּערט אַ אידעע און ס'ווערן דערוועקט פיל פאַרשיידנאַרטיקע פּראָבלעמען. מהר"ל, תנחום, דער אַלטער בעטלער, דער יונגער בעטלער, די אָרעמע לייט, דער מאַן מיטן קרייץ, הייל־רוחות, די אונטערערדיקע — זיי אַלע פלעכטן זיך אַדורך אין דער פּאָעמע און קומען־אַרויף יעדעס מאָל מיט טיפע, דורכגעווייטאָגטע ווערטער.

דער מהר"ל באַגלייט דעם גולם פון פאַר זיין באַשאַפן אָן ביז צום סוף. אין אים ליגט דער אלט־אַלטער גלויביקער יידישער גייסט, דורכגעזאַפּט מיט טיפן יידישן צער און אמונה. אין זיין טראַכטן, אין זיינע ווערטער, אין זיין ליבע און שטראָף ליגט ירושה פון דורות. די יידישע צרות, די גרויסע סכנה פון פאָלק פירן אים צום נסיון צו באַשאפן דעם גולם. ער איז

פריער פול מיט בטחון און זיכערקייט, גלייך אבער דערפילט ער, אז ס'איז געשען אַנדערש, אַן אנדערער איז באַשאַפן געוואָרן, און ער פלאָגט זיך: „שלעכטע צייטן קומען־אָן אויף אונז, תּלמידים מיינע, און יעדערער פון אונז ער ווערט געבראַכט צו שווערע אומפאַרמיידלעכע נסיונות"... און שטיל פאַר זיך זאָגט ער, דער מהר"ל: „אַזוי פיל צייכנס! אזוי פיל שלעכטע צייכנס". דער מהר"ל, דער אַלטער יידישער גייסט, שפּרייזט־ארום און לאָזט זיך נישט ברעכן. עס קומען צוגיין דער אַלטער בעטלער מיטן יונגן בעטלער — אליהו מיט משיחן. — דער מהר"ל קומט צו־גיין אַן איילנדיקער, קוקט מיט בייזע שטרענגע אויגן: „וואָס טוט איר דאָ, וואָס טוט אירביידע דאָ?"... ער קלאַפּט מיטן שטעקן: „אליין גאר קומען. אליין גאָר איילן!" ער טרייבט זיי פונם פינפער־טורעם. דער יונגער בעטלער, דער משיח, וואס איז אזוי מיד פון זיינע וואונדן פון די קייטן, בעט זיך: „אָ, נאך א ביסל שלאָפן, נאך איין ביסל". עס קומט־אריין דער גולם. די בעטלער כאַפּן זייערע זאַכן און לויפן־ארויס אין איילעניש. דער גולם וויל זיי נאָכגיין. דער מהר"ל שרייט: „זיי דא, איך הייס דיר. ז יי ע ר צייט איז נישט געקומען. איצט איז ד יי ן צייט".

איצט איז די צייט פונם גולם, — דא ליגט דער טראַגיזם פונם מהר"לס אויפטו. ער באַשאַפט דעם גולם, הגם זיין וועזן און כח איז אים אינגאַנצן פרעמד. עס איז ביי אים א גרויסע פשרה, וואס ברענגט סוף־כּל־סוף צו בלוט, צו יידיש בלוט. דער מהר"ל ווערט געפירט פון געפילן צו ראַטעווען די יידן פון אַן עת־צרה און פונם בלבול, וואס הענגט אויף זייערע קעפּ. ער טרייבט־אוועק דעם אלטן און יונגן בעטלער. — אליהו מיט משיח —. ער שטאַרק זיין הארץ, ער דערשטיקט די רחמנות־געפילן, ווייל ער ווייס, אַז עס איז פ א ר ד ע ר צ יי ט. ער ווייס, אז עס איז די טובה פאר זיי און פאר די יידן.

דער אלטער מיטן יונגן בעטלער ווערן פארטריבן, און דער יונגער זאגט אזוי צו זיך:

„װער װײס, כ׳האָב אפשר אײן מינוט פאַרשפעטיקט, און אפשר גאר אויף אײן מינוט זיך צוגעאײלט"...

און שפעטער: דער יונגער בעטלער און דער מאן מיטן קרײץ װערן ארײנגעשלײדערט אין הײל־ארײן, װאו דער גולם זיצט אין מיטן און זײ בעטן זיך בײ אים: „נעם אונז אויך ארײן אין מיטן". און זײ רײדן און שטאַמלען־נאך װארט נאך װארט דעם גולם. ס׳איז זײן צײט.

דער מהר"ל האט באקומען זײן שטראָף. ער האט באַשאפן דעם גולם צו שיצן די יידן, צו פאַרמײדן בלוט, און די האק האט זיך אויף יידישע קעפ אַראָפּגעלאָזט.

דער מהר"ל פאלט בײ זיך שטאַרק אראָפּ, ער פילט זיך שולדיק פאר דעם בלוט: „געקומען ראטעװען און איצט אלײן בלוט פארגאָסן"...

אַן אַלטע לעגענדע, אַן אַלטע טעמע, אָבער אויף יעדן זײטל רײסט זיך די שטימע פון אונזער צײט, פון אונזער תקופה.

מען איז פאַרבליבן װי אויסגעלײדיקטע, מיט לײדיקע הערצער שטײט מען אזוי און מען זוכט און מען נישטערט דעם אמת, װאָס מ׳האט אין טומל, אין געררויש פארלאָרן. אַלץ האט אָנגעװאָרן זײן זין, זײן טעם, זײן אינהאַלט. און די גאַנצע מענטשהײט מיט איר גאַנצן טויזנט־יאָריקן קולטור־פאַרמעגן איז איצט װי דער גולם, װאס װערט ערשט װי געקנאטן פון לײם, װערט געקנאָטן פון אומבאַקאנטע, זײטיקע הענט. ערשט נישט לאַנג האָט זיך דער מענטש געקרוינט פאַרן איבערמענטש, געשטיגן אַלץ װײטער און הויכער אין די הימלען, געװומען שטרײטן מיט גאָט. און אָט שטײט ער װידער איצט דער מענטש אַן אויסגעלאכטער, אַן אויסגעשפּאָטער, און ער הײבט אָן אַלץ פונסנײ, פון די ערשטע נישט־זיכערע טריט אין דער הוילער פינסטערניש. און עס רײסט זיך דער װילדער גולם צו אויס־

לייזונג. ער דערפילט די קראַפט אין זיינע גלידער און ער וויל אויסנוצן די בלינדע קראַפט, וואס ליגט פאַרבאָרגן אין אים. קיינע מיטלען קאָנען נישט אָפּהאַלטן די סטיכישע קראַפט, וואס שלאָגט ארויס פון דעם גולם. ס'קומט דער גראַנגל, דער געווירבל פון אידעען, פון פּראָבלעמען, פון ווילנס און האָפנונגען, — און איבער אלעמען — „דער איינציקער, וואָס מעג זיין פינסטער, וואס מעג פארגיסן בלוט פאַר בלוט"... —
דאס אומרו־בוך פון אונזער אומרו־צייט

ג

דער דיכטערישע אני־מאמין

דעם ברייטן יידישן לייענער־עולם איז ה. לייוויק באקאנט דער עיקר אלס דער מחבר פון „גולם". אָבער אויסער דעם „גולם" האט ה. לייוויק פארעפנטלעכט פיל לידער און פּאָעמען, וואס שטעלן אים אַוועק אין דער ערשטער ריי פון די מאָדערנע יידישע דיכטער.

ער איז באַזונדערס אינטערעסאַנט, וואס ער איז פון די טיף־אינדיווידועלסטע דיכטער און גלייכצייטיק אויך פון די אמשטאַרקסטן־געזעלשאַפטלעכסטע. אין זיין דיכטונג האָבן מיר טיפע, וויברירנדיקע פערזענלעכע איבערלעבונגען און אויך פּראָבלעמען פון יידישער געשיכטע, פון יידישן פאָלק. פיל פון זיינע לידער שטאַמען אַרויס פון אייגענע איבערלעבונגען, פון אייגענעם האַרץ־ציטער, זיי זענען אָפּקלאַנגען פון סוביעקטיווסטע טראַכטעניש, און זיינע שטאַרקערע גרעסערע ווערק — „דער גולם", „ער", „די שטאָל", „ל"ו" — פארנעמען זיך מיט עיקר־פראגן פון יידישן קיום, פון יידישער שליחות, פון יידישער און אַלמענטשלעכער אויסלייזונג. און נישט נאר אין פאַרשיידענע שאַפונגען איז ער פאַרשיידן. אין יעדן ליד זיינס מישן זיך אָפט

די צוויי באזונדערע עלעמענטן פון „איך" און „וועלט", פון ייד און מענטש. גראָד אין די לעצטע יאָרן פון זיין שעפערישן וואקסן און זיין דיכטערישער פאַנאַנדערבליהונג איז ער אממייסטן פערזענלעך, ביז גאָר ראפינירט, ער הערט זיך צו צו די דינ־סטע ניואַנסן פון זיין פילבאַרער נשמה און גלייכצייטיק פאר־טיפט ער זיך אַלץ מער אין דער טראַגישער און אויסטערלישער יידישער פאַרגאַנגענהייט און זוכט דאָרט און געפינט דארט ליכט און שאָטן, פאָזיטיווע און נעגאַטיווע כחות פון יידישן זיין, פון יידישן פרצוף. און „מעשה אבות — סימן לבנים" — פון טיפער פאַרגאַנגענהייט שטראַלט־ארויס זיין דיכטונג אין ווייטער צוקונפט, אויף ווייטערדיקן קיום. עס וויקלט זיך און עס וועבט זיך ביי אים דאס ריין־סוביעקטיווע, לירישע, טיף־אינע־ווייניקסטע מיט אַלגעמיין־עטישע ווערטן, מיט געשיכטלעכע גע־שטאַלטן און באַגריפן.

און דער לירישער פאָעט וויל זיין דורכויס מאָנער, שטראָפער. געגנוג מיט סתם־דיכטן, געגנוג צו זינגען, צו צערטלען אייגענע געפילן און איבערלעבונגען, ער וויל לערנען, רירן, ווירקן. און פריער פון אַלץ מאַנט ער און פאַרלאַנגט פון זיך גופא.

אין זיינס אַן אַרטיקל (אין זאַמל־בוך „פון צייט צו צייט") כאַראַקטעריזירט לייוויק זייער טרעפלעך זיך און זיין דיכטונג.

„איך שרייב נישט — איך טו אַ טוהונג. מיין פען אין האנט—אזוי ווי די זעג אין האנט פון זעגער, אַזוי ווי די האַק אין האַנט פון העקער. אזוי ווי דער זעגער אָדער העקער שטייט אנגעשטרענגט מיט זיין גאַנצן גוף צום בוים, וואס ער זעגט און האקט, אזוי שטיי איך אָנגעשטרענגט צום בוים — וואָרט, צום וואָרט, וואס וואקסט־ארויס פונם הארץ פון דער וועלט; צום וואָרט־וועלט".

„אָנגעשטרענגטקייט—צופיל ערנסט. איבערגעטריבענע ערנסט. קנאישקייט. אידעע־פיקס. — —

דערגרייכונגען פון בייע פאָרמען, פון שפּראַך־דינקייטן,

פון שטעלן אונזער ליטעראַטור אויף אייראָפּעאישער הויך, צו לייטן גלייך א. א. וו. — אַלץ וואוילע און פיינע זאַכן, אָבער די אַלע וואוילע און פיינע דערגרייכונגען זענען דאָך, און דאַרפן נישט זיין מער, ווי טרעפּ, וואס דאַרפן פירן צו גרויסע אינער־לעכע ווערטן, גרויסאידעאישע, גרויסגעשטאַלטיקע, מיט וועלכע אונזער לעבן, אונזער גרויס און זאנדערבאַר געשיכטלעך לעבן, אונזער אַלוועלטלעך לעבן היינט, איז פול און איבערפולט און מאָנט: שעפּט מיך, שאַפט מיך איבער, — אַז נישט—ווערט אַלץ צערינען, אויסגעדאמפט, זינלאָז".

און אָט דעם אַרטיקל ענדיקט ה. לייוויק מיט אַ רוף צו די צופרידענע פּאָעטן:

„זאָל אייך זיין גוט, פּאָעטן! גייט־אַרום איבער די גאַסן מיט אויפגעהויבענע קעפּ און טראָגט הויך די פּאָן פון פּאָעט, פון קינסטלער, פון כלומרשט אוממיטלבאַרן גאון, און זאָלן אַלע זען, אַז אייך איז גוט. זאלן זיי. אָבער אז אייך וועט באַשערט זיין דער אָנפאַל פון אומרו איבער אייך, דער אָנפאַל פון פאַר־צערענדן זעלישן הונגער און דאַרשט, אַז עס וועט זיך אָנהויבן הערן אין אייער קול דער געיאָמער — נאָך גאָט, נאָך באַהעפ־טונג מיט מענטש און יסורים פון מענטש, דעם נישט־אויסגע־לייזטן, נישט־אויפגעהויבענעם, נישט־באַפרייטן מענטש,—דאַמאָלסט וועט איר אייער קאָפּ אַביסעלע אַרונטערלאָזן, און אויך אייער צופרידענע פאָן וועט אביסעלע אַ ציטער־טון".

דער אני־מאמין פון דעם דיכטער, און דער וועג פון זיין דיכטערישן שאַפן און שטייגן, שטייגן און שאַפן.

1925

א. ראַבאָי

א. ראַבאָי איז דער מחבר פון פיל נאָוועלן און סקיצן פונם אַלט-היימישן לעבן און אויך פון דער ניי-אַמעריקאַנישער וועלט. די נאָוועלן זיינע זענען צעוואָרפן איבער די אמעריקאַניש-יידישע צייטשריפטן און טאָג בלעטער. נאר א קליינע טייל איז צונויפגעזאַמלט אין זיינע פּאָר בענדער. דעם אויבן-אָן פארנעמען אין זיינע געזאמעלטע שריפטן „העׂר גאָלדענבארג" און „דער פּאס פון ים".

„הער גאלדענבארג" און „דער פּאס פון ים" — די צוויי גרעסטע זאַכן פון א. ראבאָי — זענען שילדערונגען פון דעם לעבן פון יידן-פּארמערס, וואס האָבן פארלאָזט די רוסישע שטאָט, זיך פארקליבן ווייט פון טומלדיקן ישוב און גענומען זיך באַהעפטן צו דער ערד.

דער יידישער פּארמער איז נאך גאָר א נייער טיפּ אין יידישן לעבן. איבערהויפּט דער יידישער פּארמער, וואָס איז פאַרוואָרפן פון יענער זייט ים, צווישן א גאָר-פרעמדער און ווילדער נאטור. „הער גאָלדענבארג" איז א. ראבאָיס ערשט ווערק, געשריבן צוריק מיט א יאָר צען, עס איז ראַבאָיס ערשטע

באַקאַנטשאַפט מיטן יידישן פּאַרמער. „דער פּאַס פון ים" איז געשריבן מיט אַ פינף יאָר שפּעטער. דער קינסטלערישער מהלך צווישן אָט די צוויי ווערק, — וואָס לויט זייער טעמע זענען זיי גאַנץ ענלעך, — איז אַ גאַנץ ווייטער. אין „גאָלדענבאַרג" איז ראַבאָי נאָך יונג, רוי. ביי דער גאַנצער רחבות פון אט דעם בוך, ביי דער גאַנצער ברייטקייט פון שילדערן, איז פאַראַן אויבנאויפיקע איינדרוקן, גוזמאדיקע ראָמאַנטישקייט, איבערגעטריבענע שטריכן און פאַרבן. דער ייד גאָלדענבאַרג איז ערטערווייז ניט נאַטירלעך, איבערנאַטירלעך. ער איז צופיל בריה, עס גייט אים פון טיר און טויער, און די גליקן און די ערפאָלגן זענען צו אומגלויבלעך... דער פערד-יונג איז צו ריטערלעך, צו טעאַטראַליש, און די מעשה מיט זיין פאָטער און ברודער, וואס ער דערציילט, איז שטאַרק מעלאָדראַמאַטיש.

דאס איז געווען די ערשטע באַקאַנטשאַפט, באַרירונג פון א. ראַבאָין מיט דעם פרייעם ערדישן לעבן, נאָך דעם שטאָטישן גערויש און געטומל. דא איז געווען מער פאַרשכורטקייט, מער אויסלעבן זיך מיט דער שטאָט, ווי איינלעבן זיך מיט דער פאַרמער-וועלט.

זענען דעריבער די מענטשן, די נאַטור אין „גאָלדענבאַרג" געשילדערט צו יום-טובדיק און צו צעפלאָסן.

„דער פאַס פון ים" — די בילדער, געשטאַלטן, פאַסירונגען און געשעענישן פון דעם ראָמאַן, — זענען שוין גענומען בעענטער פון לעבן גופא. דירעקטע אָפּקלאַנגען פון וואָרווירקליכקייט, וואס האט פעסט-פאַרוואָרצלטע לעבנס-געזעצן, אן אויסגעווייטאָגטע ווירקליכקייט, וואס שטאמט ארויס פון די טאָג-איבערלעבונגען, פון טאָג-כראָניק. אין „פאַס פון ים" גייט דער מענטש הארט און שווער ביי דער ערד, ער שלאָגט ארויס מיט איבער-מענטשלעכע כחות די זאַפט פון איר, און יעדן שריט קעמפט ער אויס מיט ביטערן שווייס און שווערער אָנשטרענגונג. דאס ווערק איז דעריבער ביז גאָר מענטשלעך. די פרייד און לייד, די טאָג זאָרג, און די ערפאָלג-באַפרידיקונגען, וואָס

קומען אָן מיט אַזוי פיל מאַטערעניש און פּלאָגן, זענען אויס־געכאָוועט און אויסגעוואָרעמט אין שויס פון אינטים־מענטשלעכע מעשים און איבערלעבונגען. זיי ווירקן דעריבער שטאַרק, זיי ווערן אונז באַקאַנט, היימיש, ליבליך־היימיש, ווייל זיי זענען אויס־געהאָרעוועט, ווייל זיי זענען געקומען געקאָרן מיט מי און מיט שווייס און מיט שאַפונגס־פרייד.

דער מענטש רייסט זיך אַרויס פון שטאָט־געדויש, וואו אַלץ גייט זיך אין זיין אויסגעטראָטענעם וועג, און פאַלט אַריין אין אַ נייער, ווילדער פעלדער־סביבה. פיל מי, אָנשטרענגונג, אויפ־מערקזאַמקייט, קענטעניש, געדולד, אויסגעהאַלטנקייט פאָדערט זיך כּדי איינצובייסן די עקשנותדיקע נאַטור, די קאַפּריזן פון אָרט, די געוואוינהייטן פון די פאַרשיידענע פערד, חיות, עופות. יעדער איינער האָט זיך זיינע בייגונגען, זיין כאַראַקטער, זיין ווילן. פון דעם אַלעם דאַרף מען שאַפן אַ נייע באַהעפטונג, זיי אַלע דאַרף מען אַריינטון אין לעבנס־ראָד. ראַבאַי לעבט־מיט מיט זיי אַלע, שענקט יעדן פון זיי ליבע, פאַרשטאַנד, מיטפיל און אויפמערקזאַמקייט. נישטאָ ביי אים קיין כּשוף־שטעקל, וואָס זאָל אַלץ און אַלעמען ווענדן אין אַ געוואונשענער ריכטונג, אַלץ באַצווינגען צו ווערן געהאָרכזאַם און איינגאַנצן מותר זיין אויף אייגענעם ווילן. די געשעענישן און פּאַסירונגען האָבן זיך אין דעם נייעם אַרומיקן לעבן זייער אייגענעם געזעצלעכן וועג, און דער מחבר באַציט זיך מיט דעם זעלבן פאַרזיכט און ערנסט צו דעם מענטש, צום פערד, צו דער נאַטור, צו די גראָז און גרעזלעך, צום ברונעם־וואַסער. זיי זענען אַלע ביי ראַבאַיען לעבעדיקע וועזנס, און ער דערציילט וועגן זיי מיט דער זעלבער ליבע און הארציקייט.

אין דעם איצטיקן צוזאַמענלעבן פון ייִד מיט נאַטור איז פאַראַן בכלל עפּעס אומנאַטירלעכס, אומהיימלעכס, פרעמדס. ביי ראַבאַיס אידן איז די בענקשאַפט נאָך דער ערד, די רייסע־ניש צום פרייען לעבן, צום פעלד אַ טיפע, אַן אָרגאַנישע. צוליב אָט דער בענקשאַפט צעשטערן זיי זייער שטאָטיש לעבן,

און ווען די יידן נעמען זיך מיט זייער ניט־געניטע, ניט־דער־פארענע הענט צו קולטיווירן און באארבעטן דעם וויסטן באָדן, קומט עס צו אן אָנגעשטרענגטן קאַמף אויף לעבן און אויף טויט... און אָט דער קאַמף, אַט די ממשותדיקע שילדערונגען פון צוזאַמענלעבן זיך מיט דער נאַטור, אַט די באהעפטונג פון ייד מיט ערד־אַרבעט זענען דורך א. ראבאיען געגעבן אין העכסט־קינסטלערישע פארמען און דערהויבן צו אַ באמת־קינסט־לערישער מדרגה.

די פרוי איז מער קאנסערוואטיוו, זי איז מער געבונדן מיט אַלטע געוואוינהייטן, מיט שטוב, מיט אַלטע חפצים, מיט אַלטן לעבנס־שטייגער. איז איר שווערער זיך צוגעוואוינען צום נייעם לעבן, איז זי אומצופרידן מיט די „מעשה־בראשית" פון דעם מאַן און זי ווערט שנעלער מיד און בענקט צוריק „אהיים". דער מאַן איז מער עקשנותדיק. ער האט א הארטערע הויט און קאָן מער שלעפן דעם עול, קאָן מער שפאַנען איבער שטרויכ־לונגען און שטערונגען. א. ראבאי מאָלט עס אויסגעצייכנט, און זיינע סימפאטיעס זענען אלע מאָל אויף דעם מאַנס זייט.

עס איז א משונהדיקע פרייד — אַט דאס באהערשן די ערד און נאַטור, ראבאי גייט טריט ביי טריט מיט דעם יידן־האָרעפאשניק און העלפט מיט זיין שווערן געראַנגל, זיין איבער־מענטשלעכע אנשטרענגונג, ער איז דער מיטבויער, מיט־שאַפער מיט זיינע יידן.

ס'איז אפשר דאס ערשטע מאָל אין אונזער ליטעראטור, ווען די נאַטור ווערט געשילדערט ניט פון אויבן־אויף, ניט פון דער זייט. ראבאי גיט אונז די עצם נאַטור, די נאַטור־גופא... מיר האָבן ביי אונז פיל ליובּ־געזאנגען דער נאַטור, מיר פאר־מאגן אַזוי פיל איינדרוקן פון דער נאַטור, מען איז אנטציקט דערהויפט פון איר אויסערלעכן אויסזען. ביי א. ראבאָיען איז די נאַטור ניט קיין אבסטראקט־בילדעריש וועזן. די נאַטור האָט אירע שלעכטע און גוטע אייגנשאפטן, אירע קאַפּריזן און געוואוינשאפטן, ראבאַיס מענטש קומט מיט זיי אין

ענגער בארירונג און פארבינדונג, ער ראנגלט זיך מיט זיי, אָט באַהערשט ער די נאַטור און אָט פאלט ער פון איר א באקעמפטער. די נאַטור־שילדערונגען ביי א. ראַבאָי זענען אזוי ניט ענלעך צום געוויינלעכן באַנאַלן נוסח פון נאַטור־בילדער. די נאַטור לעבט ביי אים פאר זיך, ניט נאָר אין איינדרוק ביים מענטש. די נאטור לאָזט זיך ניט באַהערשן פון מענטש, אינסטינקטיוו שאפט זי פאר אים שטערונגען און שטרויכלונגען צו פאראַליזירן זיין ענערגיע. און דער פראָצעס צו באקעמפן די נאטור איז דעריבער ביי ראַבאָיען אַ פּאַמעלעכער, דויערענדיקער, אבהדרגהדיקער, אָט דעם פּראָצעס שילדערט א. ראַבאָי אינטערעסאַנט, מיט טיפן פארשטאנד, ליבע און מיט א מערקווירדיקער פּינקטלעכקייט.

א. ראַבאָי פאַרמאָגט א וואונדערבאַרע פּיעטעט צו זיינע טיפּן און געשטאַלטן. איידל, פּאַרזיכטיק, מיט אן אמתן יראת־הכבוד דערציילט ער וועגן זיי. ער לעבט זיך איין מיט די געשילדערטע מענטשן און בילדער און טרעט ניט ארויס פון זייער שטימונג, זייער טאָן.

געמיטלעך, הארציק, מיט שטילע, צאַרטע שטריכן דערציילט ער אין זיין אויסגעצייכנטער נאָוועלע „חתונה״ וועגן א יידישן יונגערמאַן א שניידער, וואָס האט איבערגעלאָזט אין זיין היים, אין שטעטל, א ווייב מיט קינדער, פאַרליבט זיך אין אמעריקע אין א מיידל און גייט מיט איר חתונה האָבן. עס באַדאַרף קומען דער פינאַל פון דער מעשה, וואס קאָן אויסזען אויסטערליש, ניט נאַטירלעך און צוגעטראַכט, ציט א. ראַבאָי אונטער א פּאַסיקל אין דער נאָוועלע און הויבט אן אָט ווי אַזוי:

„דאָס פּאַסיקל, וואס איך האָב אויבן אויפגעקריצט, איז דאס לעצטע פון דער דאָזיקער מעשה. איך האָב אַ ציגאַרעט אָנגעצונדן, אַ ברייטן וואָלקן רויך איבער מיין צימער צעלאָזן, איינצלהייטן שווימען ארויף אין מיין זכרון. און אָט ווי דאס פאלק פארענדיקט די מעשה״...

און ס׳גייט אַוועק דערנאָך דער רירנדיקער סוף.

אַזוי רירנד מענטשלעך, אינטים באַציט זיך א. ראַבאָי צו זיין שרייבן און אַזוי פּאַרזיכטיק איז ער צו ווערטער און אויסדרוקן.

און אָט ווי צאַרט ער הויבט אָן אַ צווייטע נאָוועלע „דאָס שטומפּיקע מעסער״:

„בחור, אויב דו לעבסט נאָך ערגעץ אויף דער וועלט, זאָל עס דיר ניט פאַרדריסן. פאַרקערט, נעם מיין ווארעמע האַנט, וואָס איך שטרעק אויס צו דיר פון ווייטן, בשעת איך שרייב אָט די דאָזיקע מעשה״.

די קינסטלערישע מיטלען, מיט וועלכע א. ראַבאָי שילדערט מענטשן, בעלי־חיים און פּאַסירונגען זענען זויבערע, איידעלע, צאַרטע, ציכטיקע. ער פאַלט קיינמאָל ניט אָן אויף זיינע טיפּן, ווי אַ חיה־רויבערין אויף אַ רויב, גרייט זיי צו דורס זיין. ער קען ניט אָפּשפּעטן, חוזק מאַכן, אַראָפּשינדן די הויט, באַליידיקן, פּייניקן און אַרויסשטעלן דעם טיפּ אין זיין נאַקעטקייט. ראַבאָי איז דורכאויס אַ רעאַליסט, האָט צו טון מיט רעאַלער ווירקלעכ־קייט, אָבער זיין רעאַליזם איז אַ מילדער און זיידענער, אַ ווייכער און לירישער. ער געברויכט ניט ביים שילדערן קיין שטאַרקע ווער־טער, קיין שוואַרצע, שרעקנדיקע פאַרבן. ליידט דער מענטש, פּייניקט זיך דער טיפּ, — ליידט ער מיט מיט אים און פּייניקט זיך אויך. ער פאַלט ניט אַריין אין סענטימענטאַליטעט, הגם מיר געפינען אין זיין שילדערן אַזוי פיל לירישע אָפּוועגדונגען.

א. ראַבאָיס ליריזם איז אַ רעאַלער, אַ קאָנקרעטער, אַ מענטשלעכער. איבערהויפּט מאַמשותדיק איז ער אין זיינע שיל־דערונגען פון דעם פאַרמערס־לעבן.

מיר האָבן פאַרשיידענע דערציילונגען, סקיצן פון דעם לעבן אין די פּאַלעסטינער קאָלאָניעס. אָבער אין די פּאַלעסטינער־שע דערציילונגען האָבן מיר על פּי רוב אַבסטראַקט־לירישע איינדרוקן, מער הימל ווי ערד, מער חלום ווי וואָר. הימל־בלויקייט, לבנה און שטערן, ווייטע האָריזאָנטן, אַלגעמיינע

סכעמעס־בילדער. דער קינסטלער נעמט אויף די פּאַלעסטינע־בילדער דורך זיין שטימונג, פּאַסט אויף אַלגעמיינע איינדרוקן. ראַבאָיס פּאַרמער־בילדער זענען קאָנקרעט, רעאַל, שוועבן ניט אין חלל פון שטימונג און פאַנטאַסטיק. ער גיט די חבלי־לידה פון דעם נייעם לעבנס־שטייגער, וואָס פּיקט זיך אויס דורך דעם מענטש, מער פון אַלץ דורך דעם פּאַרגראָבטן, פאַרהאָרעוועטן מענטש, און דאָס געזאַנג איז אַ טיפערס, אַן אינעווייניקס, זינגט ארויס פון אויסגעהאָרעוועטע, אויסגעכאָוועטע שטיקער לעבנס אין דער נישט־היימלעכער און שווער־גיביקער פרעמדער נאַטור.

און אָט דאָס געזאַנג, און אָט די פרייד, וואָס זינגט ארויס פון די ניי־אויסגעשיילטע לעבנס איז דאָס נייעס, אייגנאַרטיקס, וואָס א. ראַבאָי האָט אריינגעבראַכט מיט זיינע צוויי גרעסערע ווערק אין דער יידישער ליטעראַטור.

1923

———

מנחם

מנחם געהערט צו דעם דור יידישע דיכטער, וואָס איז געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור גלייך נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905—1906. יענער קינסטלער־דור איז געקומען פון צוויי זייטן און געטריבן געוועזן פון צוויי באַזונדערע שטראָמען.

פון איין זייט — דער שטאַרקער צופלוס פון פשוטע המונישע כוחות. די רעוואָלוציע האָט דאַן אויפגערודערט פאַרלייגנטע, פאַרשלאָפענע פאָלקס־שיכטן. שטומע נשמות זענען צום וואָרט געקומען. דורך אָט די פאָלקס־מענטשן איז אין דער יידישער ליטעראַטור אַריינגעבראַכט געוואָרן אוממיטלבאַרע פרייד, תמימותדיקע באַגייסטערונג, געזונטע פשטות, רעאַלע פאָלקס־טיפן.

פון דער צווייטער זייט — דער אינטעליגענט מיט זיין צעווייטיקטער און געפייניקטער נשמה, מיט דורות־ירושה, מיט חשבונות צו וועלט, מענטש און פאָלק, מיט דורשט און אומרו אין זיך און יאָך אויף זיך.

ביידע אָט די שטראָמען זענען געקומען פון רעאַלן יידיש לעבן. האָט איינער פאַרטראָגן אין דער ליטעראַטור ביי'ע

קרעפטיקע שילדערונגען פון ממשותדיקן לעבן, און דער אנדערער — געגריבלט זיך אין דער נשמה, אַרויסגעשלאָגן פון אייגענע טיפענישן מאָטיוון און פראַגן און אַרויסגעבראַכט געראַנגל פון פּראָבלעמען און לעבנס־סיטואַציעס. איז פון איין זייט געווען — י. מ. ווייסנבערג, יונה ראָזנפעלד, משה טייטש, יואל מאַסטבוים, משה סטאַווסקי א. א. און פון דער צווייטער זייט — א. ווייטער, דוד אייַנהאָרן, ז. י. אנכי, ז. סעגאַלאָוויטש. צו אָט דער צווייטער גרופּע האָט אויך געהערט מנחם. אין די דעמאָלסדיקע „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן" איז י. מ. ווייסנבערג געקומען מיט זיין „אַ שטעטל מיט בנים", און מנחם — מיט זיינע „תפלות".

שוין פון אָנהייב אָן איז געווען גאַנץ קלאָר אָנגעצייכנט מנחמס דיכטערישער וועג. נישט אויסנווייניקסטע לעבנס־באַשרייבונגען, נישט סתם ווירקלעכקייט־שילדערונגען, נאָר אינעווייניקסטע אייגענע באַגערן, וואָגלענישן איבער אייגענע מדבריותן, תאוות געפלאָכטן דורך אייגענע ענויים, אויפגאַנג און אָפּגאַנג פון זיך און צו זיך. אין זיינע אַלע גרעסערע און קלענערע לידער און פּאָעמען—איז דאָ אַלץ דער גאַנג, דער אויפשטייג און אָפּשטייג אין זיך און אַרום זיך. קניפּן, וואָס בינדן זיך פון אייגענע ריסן, און ריסן, וואָס אייביקן זיך און ווערן פאַרוואַקסן אין דעם אייגענעם דיכטערישן האַרץ. מנחם אָבער ווערט נישט פאַרפּלאָנטערט אין זיינע אייגענע איבערלעבונגען. ער לאָזט זיך נישט פאַרפּלאָנטערן. שטענדיק איז ביי אים דאָ דער אויסקוק: די אידעע, דאָס פּראָבלעם פון פאָלק, פונם יידישן פאָלק, פון מענטש, פונם יידישן מענטש.

און אָט דאָס איז דאָס נייע, אייגנאַרטיקע, וואָס מנחם האָט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער דיכטונג. זיין דיכטונג איז אַ געזעלשאַפטלעכע, — געזעלשאַפטלעכע ליריק. ער האָט געדיכטעט יידישע פּראָבלעמען; געזעלשאַפטלעכע ליידנשאַפטן זענען דורך אים אָנגעקליידט געוואָרן אין דיכטערישע מלבושים. שוין אין זיין פּאָעמע „פוילן" (געשריבן אין 1913) האָבן מיר נישט קיין

געוויינלעכע נאַטור־שילדערונגען פון פוילן, נישט קיין סענטימענטאַלע הארץ־אויסגוסן, נאר געזעלשאַפטלעכע טענדענצן, דורות־חשבונות פון יידן און פוילנס צוזאמענלעבן, ברכה און קללה, האַס און ליבע, פיעטעט און פארביטערקייט, וואס איז אַ פועל־יוצא פון פּאָליטיש־געזעלשאפטלעכן קאַמף, פון פעלקערישן לעבנס־גע־ראַנגל. עס איז נישט יחידישע דיכטונג, פערזענלעכע איפּרעגונג, נאר פאָלקס־צאָרן, די רייד פון פאָלק צו פאלק. אָבער ווי גרויס עס איז נישט דער געזעלשאַפטלעכער עלעמענט פין דער פּאָ־עמע, ווי עס דאָמינירן דא נישט אַקטועלע טענדענצן, ליגט אויף די שורות די אינדיווידואַליטעט פון דיכטער — דער באַ־הארציקער טאָן, דער רירנדיקער ציטער, דאָס אינמיטע ליידן.

קלאָרע, אויסגעשפּראכענע, ממשותדיקע פּראָבלעמען און אידעען וויקלען זיך פאנאנדער אויך אין די אַנדערע דיכטערישע ווערק פון מנחמען, וואס ער האָט געשריבן אין אַמעריקע. אומע־טום דער גערעַנגל פון דעם נייעם ייד אין די איצטיקע לעבנס־סיטואַציעס. דער רינג אין דער קייט, אין דער קייט פון דורות. ער קאָן זיך קיינמאָל נישט באַפרייען פון דעם טאטן, פון דעם זיידן, פון עלטערנס ירושה, וואס זינגט ארויס פון אים און וואס גלייכצייטיק פענטעט זי אים. דער גאַנצער ווייּ־טערער דיכטערישער לעבנסגאַנג איז אַ מין ווילן אַראָפּצושליי־דערן פון זיך פריערדיקע משאות, אָבער גלייכצייטיק אויך אָנ־ווארפן אויף זיך נייע. עס איז אַ פּראָצעס פון אויסלאָדן און אָנלאָדן זיך. דער יאָך בלייבט ווי פריער שווער, ער דריקט, ער איז אָבער אָנגענעם, „טייער, און אַז מען נאָך און נאָך שליידערן אויף די פּלייצעס. — —

דערנאָך קומען יאָרן פון צעשייד. מנחם ווערט איבערגע־פלאַנצט אויף דעם נייעם אמעריקאַנער באָדן, און מיר דאָ מאַכן אַדורך יאָרן פון מלחמה, פון רעוואָלוציע, פון בירגער־קריג. עס וואַקסט דער פירוד־הלבבות צווישן אונז און די אַמעריקאַנער. מנחם בלייבט דאָך געבונדן און געפּענטעט מיט אונזער היגן לעבן און מיט אונזערע „אַלטע" פּראָבלעמען.

„זאוול רימער" (1922) איז ביי מנחמען געווען אַ נייער מין דיכטערישער פּאַרמעסטן זיך. עס איז ביי הן לויטן אינהאַלט הן לויטן פאָרם פאר מנחמען. ער איז אַוועק פון זיין אינדיווידועלער ליריק און זיך געלאָזט באַהעפטן צום שטייגער-לעבן. פריער פלעג ער אַלץ ארויסזינגען פון זיך, פון אייגענעם האַרץ, און דאָ פּרובט ער ארויסשלאָגן געזאנגען פון אנדערע און דער עיקר פון דעם פּאָלקס-מענטש—זאוול רימער. דאָ גייט שוין אַ קינסטלערישע ארבעט פון ארויסוויקלען, ארויסשיילן אַ מענטש מיט באַגערן, מיט כאראַקטער, מיט לעבנס-פּאסירונגען, מיט צוזאַמענשטויסן.

ווער איז זאַוול רימער אליין? אַ שטומע נשמה? נישט אינגאַנצן ריכטיק. אַ נשמה, וואס רעדט פיל, אָבער, רעדט אינעווייניק אין זיך. זאוול רימער לעבט אינגאַנצן מיט זיך, איז טיף פארגראָבן אין אייגענעם וועזן. אַ שטיק אורמענטש. אַלץ וואָס ער טוט, טוט ער מיט אייגענע כוחות און מיט אייגענער אָנשטרענגונג. ער מאַכט נישט נאָך קיין פרעמדע געפילן און באַנוצט זיך נישט מיט קיין געבאָרגטע ווערטער און באַגריפן. ער טרעט אין לעבן ווי אין אַ נישט אויסגעטראָטענעם וואלד, פלאָנטערט זיך איז זיין אינערלעכער וועלט. און ביז גאָר שווער איז אים ארויסצובאקומען און צו אַנטפּלעקן זיינע איבערלעבונגען, ער איז שווער-באַוועגלעך, נעמט אויף פּאַמעלעך און עס געדויערט ביז אַן איינדרוק, אַ ווירקונג דערגייט צו אים. איז אָבער אַ געפיל, אַ געדאַנק אַדורכגעדרונגען זיין האַרטע הויט, איז אים שוין שווער צו באַפרייען זיך פון דעם. ער פאַרמאָגט אַ שטאַרקע קראַפט און זי ווערט דורך אים נישט צוועקמעסיק און נישט אויסגערעכנט פאַרווענדט.

אין דער יונגער יידישער ליטעראַטור איז אפשר זאַוול רימער דער ערשטער מאַסן-טיפּ פון אַזא מין שניט, מיט אַזאַ מין כאַראקטער. באַזונדערס ניי זענען די אַלע שטעלן, ווען פון אָט דעם פאַרשלאָסענעם, פארהארטעוועטן מאַסן-מענטש הייבט

אָן ריזלען אַ שטראָם פון שאַפן, וואָס שלאָגט אַדורך די שטייבער-וועגט און הייבט זיך אָן צו אַנטפּלעקן דורך די לידער.

מנחם האָט אנגערופן זיין ווערק אַ כראָניק. ער היט זיך פאַר ליטעראַרישקייט, פאר ליטעראַרישע שאַבלאָנען. ביים דערציילן (נישט שילדערן, נאָר דערציילן) די שטאַרקסטע געשעענישן באַמיט זיך מנחם צו פאַרבלייבן פשטותדיק, אוממיטלבאַר. אָין דווקא אָט די עפּישע פשטות און אוממיטלבאַרקייט ווירקט שטאַרקער ווי אויסגעפּרואווטע שטאַרקע ליטעראַרישע אויסדרוקן און פאָרמען. אַ פּאָר מאָל פאַרלירט מנחם דעם איינפאַכן טאָן פון אַ דערציילער און נעמט זיך גריבלען אין זאַוולס וועזן. בכלל אָבער ציט זיך די עפּישע פּאָעמע אַרום די געשעענישן, וואַקסט, ווערט פאַרשטייפט און אָנגעלאַדן מיט דעם טיפן ערנסט צוזאַמען מיטן וואוקס פון די פּאַסירונגען אין און אַרום זאַוול רימער. זאוול פאַרפּלאָנטערט זיך אין געדיכטעענישן פון אייגן האַרץ און געפיל, ער ווערט געפּייניקט פון זיין צעגליטן געוויסן. די דערנעענטערונג צו דעם רייכן הויז, די באַרירונג מיט די צאַרטע גבירישע מיידלעך, די השפעה פון דער אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע ענדערן זיין לעבן, רייסן זיך אַריין אין זיין האַרץ. ער איז צו פּאַסיוו, צו אינערט, צו שווער-וואָגיק מיטאַמאָל איבערצומאַכן זיין לעבן, ווערט ער ווי פאַרצויגן אין אַ קלעם און געפּענטעט פון אַלע זייטן. און ווען זיין האַרץ ווערט פאַרפּלייצט פון געפילן, פון איבערלעבונגען, דאַן זוכט ער פאַר זיי אַן אויסוועג דורך זיינע לידער. מנחם גיט אונז דאָ זייער פיינע שטריכן צו דער פּסיכאָלאָגיע פון שאַפן ביי אַ מאַסן-דיכטער, — אָט דער מין, וואס איז דא ביי אונז פיל אין דער יידישער ליטעראטור.

אין „זאַוול רימער” האָט מנחם גלענצנד אויפגעכאַפּט דעם גאַנצן געווירבל פון די מלחמה-יאָרן. און אויך דאָ איז נישט דער עיקר סתּם שילדערונג פון לעבנס-געשעענישן, נאָר איבערגעדיכטעטע איבערלעבענישן; איבערלעבענישן ווי זיי גייען אַדורך

און קריצן זיך איין אין דעם האַרץ און נשמה פון דעם וואונדערבאַרן פאָלקס־מענש, וואס וויל נישט אויפנעמען אויף זיך און אין זיך די אַלע ווילדע געשעענישן. עס איז אַ מערקווירדיקער געראַנגל פון וועלט־קאַטאַסטראָפע און אינטימען האַרץ־געזאַנג. די משונהדיקע פּאַסירונגען ווילן פאַרכלינען דעם באַשיידענעם מענטש־אינזל. דער מענטש אבער אין זאַוול רימער האָט אַ שוץ אין זיינע אייגענע שיינע, עניוותדיקע ברעגן, וואָס פאַרהאַלטן די וועלט־כוואַליעס. דער יידישער מענטש וואַקסט דורך דעם געראַנגל, ער אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז אין אַ גאָר בייעם און צניעותדיקן ליכט.

אויב דער וועג אין „זאַוועל רימער״ איז פון דער ערד אַרויף־צו, צום הימל צו; פון קאָנקרעטס, ממשותדיקס צו אַבסטראַקטס, איז דער וועג ביי מנחמען אין זיין נייעם ווערק, אין „גלגול״, — אַ פאַרקערטער — פון אַבסטראַקטן צום ממשותדיקן. זאוול רימער איז אַ געפּענטעטער דורך זיין אוממיטלבאַרקייט, דורך זיין פשטות, אין „גלגול״ האָבן מיר אַ קנויל פון אָן אַ שיער פּלאָנטערנישן. דער „גלגול״ איז איבערגעפּולט פון כלערליי אקטועלע פּראָבלעמען און ווידערשפּרוכן. מנחם זוכט דעם גלייכגעוויכט, וואָס דאַרף קומען דורך דורכלייטערונג, דורך היילקן אייגענע מחשבות, געפילן און באַגערן. עס איז אן איבערפלוס פון פאַרשפּיצטע קרענקלעכע איבערטראַכטענישן, טייוולשער כיכיקן פון זיך זעלבסט, און דורשט צו באַהעפטן זיך מיט פאָלק, מיט מאַסע, זעלבסטפּייניקונג ביז דער העכסטער מדרגה, ביז זיך אָפּלייקענען, ביז מפקיר זיין דעם אייגענעם לעבן, אבי אַרויסצוגעפינען דעם צובונד צום אייגענעם פאָלק.

בעקער אין „גלגול״ איז אַ זון פון זיין פאָלק. ער גייט אַדורך אייגענע שבעה מדורי גיהינום און וויל ארויסגעפינען דעם סינטעז פון אלדי געשעענישן און אלדי אינערלעכע פּלאָנטערענישן. זיין טראַגיזם, זיין באַדנלאָזיקייט פילט ער באַזונדערס, ווען ער טרעפט זיך מיט זיין חבר־שכן מירסקי

געהאָלפן ווערן פון צווייטנס אויפקום און אומקום. אָט קומט א פּאַרשטענדעניש צווישן די נאָענטע־ווייטע, אָט פאַלן זיי איינער דעם פּאָליאַק. איינער שטעקט אָן דעם צווייטן, איינער וויל אין די ארעמס פון צווייטן, און אָט גיט זיך אַ ווירבל־געדריי און זיי קריצן שוין מיט די ציין און וואַרפן סמען־בליקן איינער דעם צווייטן. עס זענען צוויי ווידעראנאנדן, צוויי שטאַרק־סתירותדיקע כוחות, וואָס ווילן דאָך ווירקן און ווערן געווירקט. איין כח אַ פּאָזיטיווער, דער אַנדערער — א נעגאַטיווער. אָט מיינט מען, אַז פון זייער טרעפן זיך וועט קומט אַ ישועה, אַן אויסלייז. און ווידער — א דריי און ווידער א געראַנגל. יעדער איינער האט זיך זיינע לאַסטן, זיינע ווידערשפּרוכן, וואס וויל אַראָפּוואַרפן פון זיך, זיי אויסוואָרצלען פון זיך, ער איז גרייט ארויפשליידערן זיי אויפן צווייטן. אָט זוכט איינער די רעטונג אין דעם צווייטן. אָבער מען איז אזוי פארפלאָנטערט, אזוי פארשפּיצט, אַז קיין אויסוועג איז נישטאָ. עס איז א ווייטערער, פּאָלקומענער וואַריאַנט פון דער פּאָעמע „פּוילן" מיט אַ שטאַרקן צוואוקס פון נייע 12 יאר לעבן און מיטלעבן, האס און שנאה, פּייניקן און זעלבּספּייניקן. אין „גלגול" קומט דער ווייטערער אידעען־גאַנג פון מנחם דעם גוזעלשאַפטלעכן דיכטער. עס איז ווידער אמאָל רייד, שטראף־ און מיטלייד־רייד פון פאָלק צו פאלק, פון יידישן מענטש צום פּוילישן מענטש.

עס איז דאס ערשטע מאל ביי אונז, ווען א דיכטעריש ווערק גייט־צו אזוי האַסטיק, אזוי פאַרטיפט צו אַ ק ט ו ע ל ע לעבנס־פּראָבלעמען, צו געזעלשאַפטלעכע פראגן, אזוי האַסטיק און מיט אזוי פיל איבערלעבע ווייטיקן און פלאָגענישן.

ס'זענען ווייטערדיקע וואָגלען פון דעם דיכטער, און אַלץ ארום זיך, פון זיך. דער ווייטערדיקער גלגול פון דעם דיכטערס פערזענלעכקייט. א נייער פאַרפלאָנטער, צי אויפפלאָנטער? —

די יידישע ליטעראַטור, וואס שווימט על פי רוב אויף אויבערפלאַכן פון לעבנס־שטייגער, וואס פארנעמט זיך דערעיקר מיט אויסגווייניקסטע פאסירונגען, וועט מנחמס דיכטערישן פאר־מעסטן זיך געוויס גערן אויפנעמען.

1925

משה נאַדיר

משה נאַדירס ווערק זענען ווי אַ לאַבירינט. אַזוי פיל וועגן און אומוועגן. אָט גאַר ליכטיקע, אָפענע, פאַרשטענדלעכע, און באַלד — טונקעלע, פאַרדרייטע, פאַרפלאָנטערנדיקע. אָט — קינדיש־לייכטנדיקע, האַרציק־תמימותדיקע מאָטיוון־געדאַנקען, און גלייך — כמורנע, כיכיקישע, טייוולשע.

ווען מען קאָן משה נאַדירן בלויז פון זיינע ווערק, בויעט מען נישט־ווילנדיק כלערליי השערות און טעאָריעס וועגן אים און וועגן זיין שאַפן. וואָס מער מען ל יי ע נ ט אים, אַלץ מער דערוועקן זיך פראַגן און ווידעראַנאַנדן אין דעם זיגזאַגן־און־פלאָנטער וועג פון דעם אָריגינעלסטן, משונה־ווילדן יידישן דענקער־נישט־דענקער, דיכטער־נישט־דיכטער, פעליעטאָניסט־נישט־פעליעטאָניסט משה נאַדיר. עפעס אַזא מין לייכטזיניק־געפערלעכער שפיל־פלאָנטער פון נעכטנס און מאָרגנס, פון אָנהייבן און סופן, ערנסט און שפילעריי, ביטול און פיעטעט, תמימות און ערמה, קדושה און חול, סענטימענטאַלישקייט און ברוטאַלישקייט, גלעטן און שטעכן, געלעכטער און טרערן, שיכּרות און ניכטערקייט,

און ווער ווייס וויפילערליי נאך סתירות און היפוכים, פּלאָנטערן זיך ביי אים אין די ווערק, דרייען און פאַרדרייען זיך.

עס פאַרדריסט אָפטמאָל זיין בכיוונדיק ביטול־שפּיל מיט קאַנאָנען, מיט הייליקייטן, מיט אָנגענומענע אמתן און פערזענלעכקייטן. עס רודערט אויף דאָס להכעיס־חוזקן פון זיך אַליין, פון אייגענע נאָענטע, פון ארומיקע. און פיל האָט מען דעריבער פאַרענטפערט מיט פּאָזע, מיט אָנשטעל, מיט געקינצלטקייט, מיט געמאכטער און ארויפגעצויגענער הפקרות.

אָבער גענוג נאָר די ערשטע באַגעגעניש מיט משה נאַדירן גופא, און פיל, פיל ווערט קלאָר און אויפגעקלערט.

משה נאַדיר אַליין, ווען מ׳דערנעענטערט זיך צו אים, פאַרטייטשט די אַלע תיקוס. ער פּראַלט אויף טיר און טויער אין זיין שאַפן.

זיינע ווערק זענען ער אַליין. משה נאַדיר איז נישט בלויז פאַרפירער, נאָר אַליין אויך דער פאַרפירטער. ער פּלאָנטערט נישט פאַר אַנדערע, נאר ווערט אַליין אָן אויפהער געפּלאָנטערט אין זיינע אייגענע שטראַלן־שאָטנס.

הינטער יעדן „פעליעטאָנדל" ליגט פאַרבאָרגן אַ לעבעדיק, צאַפּלדיק וועזן מיט אַ מענגע קולטור, וויסן, לעבנס־פילאָזאָפיע און שאַרפע אינטויציע. אַן אולטראַ־מאָדערנער מענטש, וואָס קוקט מיט צו־אָפענע, צו־ליכטיקע, צו־קלאָרע אויגן אויף אַלץ און אַלעמען. ער איז אַזוי שטאַרק באַהאַוונט און אויסגעקאָכט אין די אַלע ליכט און שאָטן, שוואַרץ און ראָז, טומאה און קדושה פון אויסערלעכע גאָרער וועלט־דערשיינונגען און פון די אמתע איניקסטע האַרץ־ציטערענישן. און ער שפּילט זיך מיט זיי, צערטלט זיי, און פּלוצים—טוט זיך ווי אַ דריי, אַ קער, און ער חוזקט שוין און לעסטערט. אָט איז ער דער אכזר, דער לעסטערער, וואָס טרעט אויף אַלדי הייליקייטן און אָט גאָר — ווי אַ נאַיווו קינד, וואָס פּעסטעט זיך און פאַרוויגט זיך אַליין מיט זיסע קינדער־לידלעך און מיט נישטיקע קינדישע שפּילעכלעך.

אָט דעם געמיש, אט די פאַרווירעניש האָט משה נאַדיר

ליב. דער געמיש און מישמאַש באַפּרוכפּערט אים שטענדיק. אין דעם געדאַנקען־געווירבל בליצט אויף שטענדיק זיין דיכ־טעריש ווען און עס וואַכט־אויף זיין שעפערישער גייסט. משה נאַדיר שפּילט זיך אליין זייער גערן. אָפטמאל ווייסן מיר אַליין נישט, וואו ענדיקט זיך ביי אים ערנסט און וואו הויבט זיך אן זיין לייכטזין. מיר גיבן זיך איבער אין די שויסן פון זיינע „פלאַפּלעגישן", לאָזן זיך וויגן און פארוויגן, ביז לסוף—מיר כאפן זיך אויף דערשראָקענע און פרעגן זיך: מיינט ער עס ערנסט, אָדער ס'איז נאָר אַ בייזוויליקער אָנשטעל, בלוטיקט ער באמת, אָדער ער שפּאַסט און כיכיקעט גאָר.

אָבער משה נאַדיר אליין מיט זיין פערזאָן און כאראַק־טער קלערט אלץ אויף: אזוי פיל אָפנהארציקייט, גוטמוטיקייט אין זיין אומבאַרחמנותדיקער בייזקייט. אזוי פיל אמתדיקע נאַ־טירלעכקייט, כאראקטער אין זיין אומנאטירלעכקייט, אזוי פיל פשטות — אין זיין פּאָזע, אזוי פיל גראַדליניקייט — אין זיין זיגזאַגן־וועג, אזוי פיל תמימות — אין זיינע „שמד־שטיק".

אָפטמאל ציט אויף זיך משה נאדיר ארויף בכיוון דעם חוזק־מיצל, פארבט אָן זיין פנים און לצעוועט אויף וואס די וועלט שטייט. אבער מ'דאַרף נישט מיינען, אז ס'איז סתם־אזוי. יעדער חוזק־שפּיז געווענדט צו דעם צווייטן, טרעפט פריער פון אלץ אים אליין. און דערפאַר פארגינען מיר אים פון פולן הארצן די „שפּילערייען". ער אליין שטעלט זיך שטנדיק אין קונע אריין.

שטענדיק האט משה נאדיר געקעמפּט מיט סתם ליטעראַ־טור, ארויסגעטראָטן קעגן ליטעראַרישקייט, קעגן פעסט־אָנגענו־מענע פארמען און טראַדיציעס, אבער אזוי פירט זיך שוין דאס בידנע מזל פון אונזער לעבן: ער, משה נאדיר אליין, וואס וויל שטייען אויסער אלע טראַדיציעס און שאבלאָנען, איז גע־וואָרן אליין אַ שטיק נוסח, אַ שטיק טראַדיציע. פאראַן שוין א משה נאַדיר־נוסח, וועלכן ער אליין... מוז נעבעך באקעמפן און אָט דער געראנגל פון משה נאדירן דעם מענטש מיט משה

נאַדירן דער ליטעראַטאַר איז אויך אַ פיינער קונציקער שפּיל און פריער פאַר אַלץ—פאַר משה נאַדירן אַליין.

משה נאַדיר גופא איז דאס שענסטע, אָריגינעלסטע ווערק־ וואָס משה נאדיר האט געשאפן. נישט אומזיסט שרייבט איצט משה נאדיר אבוך „פערציק יאָר מיט משה נאדיר".

משה נאדיר גופא מיט אלע זיינע פּאָזעס, קאפריזן, ערנסט און שפּיל איז אַ אינטערעסאַנט קונסט־ווערק, — דאס ווערט גלייך, ביי דער ערשטער באַגעגעניש, קלאָר.

נישט קיין דיכטער אַ פאַרפירער, נאר אליין „געבעך" אַ פאַרפירטער —

דורך משה נאדיר.

מען האָט פארוויגט ביי אונז משה נאַדירן פאַר אַלץ, פאר אַ פעליעטאָניסט, פאר אַ חוזק־מאַכער, פאר אַ הומאָריסט. ס׳איז שוין אזוי ביי אַלעמען געוואָרן אַ שאבלאָן. אבער פון צווישן די ווערטל־ביימער זעט מען גאָרנישט אַרויס דעם ערנסט־וואַלד — משה נאַדיר דעם קריטיקער, משה נאַדיר דעם שפראַך־שאַפער.

פאראן ביי נאַדירן אַ בוך, — הייסט עס מיט אַ משה נאדירישן נאָמען: „מיינע הענט האָבן פארגאָסן דאס דאָזיקע בלוט". אָט דאס ווערק איז עד־היום ווייניק באקאַנט און נאָך ווייניקער אָפּגעשאצט ביי אונז. און ס׳איז כדאי, אַז מ׳זאָל אריינקוקן אין בוך. געשוואוירענע און פראָפעסיאָנעלע קריטיקער פילן זיך עפעס נישט גוט, ווען זיי לייענען איבער אָט די שאַרף־וויציקע, טיף־טרעפלעכע ארטיקלען וועגן שרייבער און ביכער. נישט גוט, — ווייל אַזוי שרייבן קריטיק, אזוי אריינ־ טרעפן אין סאַמע פּינטל אריין, אזוי אויפכאפן דעם אמתן אמת וועגן אַ שרייבער — אזוי אָנטאַפּן דעם שוואַכן פונקט זיינעם—

אַ׳ אר־גאר אַ זעלטנהײט, און װײניק־װײניק זענען דערגאַנגען צו אַזאַ מדרגה פון פאַרשטאַנד, אָריגינאַליטעט און טיפקײט.

ער איז דאָרט בײז אין זײן שמײכל, אומבארחמנותדיק אין זײן גלעטן, בײסנד אין זײן צערטלען. מען קאָן זיך פאָר־שטעלן, אַז די שרײבער, װעמען משה נאַדירס העגט האָבן פאַרגאסן דאָס בלוט, האבן אַ לענגערע צײט נישט געקאָנט קומען צו זיך, און ס׳װעט בײ זײ מסתמא קײנמאָל נישט פאַרװאַקסן װערן דער שראַם נאָך דער טיפער װאונד, װאס ער האָט זײ פאַרשאַפן מיט זײנע קלוגע־תמעװאטע רײד. ער רעדט זיך אַזױ גלאטיק, װערטלדיק, אָבער ער דערלאַנגט אין דער סאַמע זיבעטער ריפּ.

פאַר דער יידישער קריטיק, װעלכע איז נאָך עד־היום על פּי רוב אַן אָנזאגעריין, נאכזאָגעריין, אױסטײטשעריין און הללו זאָגעריין — איז דאס קלײן קריטיק־ביכל פון משה נאדיר אַ יש, אַן אוצר. מען האט עס פאַרשװיגן, און משה נאַדיר אַלײן פארשװײגט עס (װער װײסט אים, צי בכיון, צי נישט בכיון). אָבער דאַ האָבן מיר אַ נײעם, פאַרגאַנצטן, פאַרשטײפּטן משה נאַדיר, מיט אַ טיפן פארשטאנד און גאנצן װילן, װעלכן מיר דאַרפן אָפּטמאָל זוכן און זוכן אין זײנע אנדערע װערק.

אויב איר זענט אַ מענטש, װאס לײדט אויף שפּראַך־שװאַכ־קײט (און װעלכער פון אונז איז נישט געשלאָגן אויף דער „מחלה״), װעט איר גלײכגילטיק נישט קאָנען לײענען משה נאַדירן. איר פאַרגעסט אָפט דעם אינהאַלט, אײך אַרט גארנישט, װאס משה נאדיר זאָגט, נאר װי ער זאגט עס. אין יעדער קלענסטער זאך נאדירס האָט איר אָן אַ שיער שפּראַך־אײפטועו, װאָרט־קאָמבינאַציעס, װאס זענען לחלוטין נײ און אָריגינעל און ביז אים אומבאקאנט געװען בײ אונז. לכתחילה דוכט זיך, אַז עס זענען לײכטע שפּראַך־שפּילערײען, װאָרט־קונצן, אבער אָט

דאס וואָרט „נעמט", ווירקט און בעט זיך, מ'זאָל עס איינבירגערן ביי אונז.

וואָלט טאַקע געווען אַ יושר, מען זאָל אָרגאַניזירן אַ שפּראַך־עקספּעדיציע, וואָס זאָל זיך לאָזן אין נאַדירס „ווילדן ווערטערוואַלד" און ברענגען פון דאָרט, פאַר דעם יידישן שפּראַך־אוצר נייע רייכטימער.

וועט מען, הייסט עס, גאָר נעמען קנעלן און פאָרשן משה נאַדירן!

און אַזאַ מין קנעלן און פאָרשן משה נאַדירן האָט זיך שוין אָנגעהויבן.

משה נאַדיר אין דער ראָלע גאָר פון אַ שפּראַך־מלמד!

אויף אַזאַ מין „שפּיצל" האָסטו זיך געוויס נישט געריכט, משה נאַדיר!

פאַרפאַלן, משה נאַדיר! צי דו ווילסט יאָ, צי דו ווילסט נישט, — דיין שרייבן ווערט אַן ערנסטער ענין.

אַן ערנסטער ענין!

1926

עוזר ווארשאווסקי

די יונגע יידישע בעלעטריסטיק אין פוילן איז באָדנלאָז, צעשטויבט און צעשוואומען. זי געפינט זיך עפּעס אָן אַ זייט פונם לעבן, ארום דעם לעבן. פאַראן שרייבער, ביכער, ס׳איז אָבער נישטא קיין פונדאַמענטאַלע יונגע יידישע בעלעטריסטיק, וואס זאל פאַרנעמען דעם בכבודיקן אָרט אינם לעבן, וואס זאָל זיין א גאנצע וועלט, א וועלט פאר זיך.

די יונגע יידישע בעלעטריסטיק אין פוילן גייט די גאנצע צייט אין צוויי גאַנץ באזונדערע און פארשיידענע שטראָמען.

איין שטראָם ציט זיין אָנהויב פון פרצן, שניידט אַדורך באַמבערגן און פארבייגעגאנגען קאסעלן און סעגאַלאָוויטשן, ווערט ער שפּעטער צעפלאָסן און מטושטש. ער ווערט אָן איינגאנצן זיין אייגנארטיקן פרצוף, זיינע אייגנאַרטיקע שטריכן און באקומט אויסערלעכע השפעה פון דער פרעמדער (דייטשער, רוסישער, באָרוועגישער אָדער פוילישער) ליטעראַטור. אונזערע יונגע, אזוי־גערופענע אינטעליגענטן־שרייבער זיינען צופיל ליטעראַטן.

צו גרויס איז די השפעה, וואָס זיי באַקומען באַוואוסטזיניק אָדער אומבאַוואוסטזיניק פון דער אייראָפּעיִשער נאָוועלע, און מער אָדער ווייניקער געלונגען פּרובן זיי אין זייערע ווערק אַריבערצופירן צו אונז די כמעט-פאַרטיקע פאָרמען-שאַבלאָנען פון די פרעמדע ליטעראַטורן. גענוג איז דאָס איבערפלעכלעכע באַקענען זיך מיט אייניקע ווערק פון די יונגע אינטעליגענטן-שרייבער, כדי צו זאָגן, אַז זייערע ווערק פאַרמאָגן מער ליטעראַרישקייט, ווי קונסט, מער ליטעראַטור-טעכניק, איידער דיכטונג.

א צווייטער שטראָם רייסט זיך פון אונזער שוואַרץ-ערד, לעבט אָן אויפהער מיט אייגענעם חיות און שפּייזט זיך דער עיקר מיט אייגענער אינטואיציע. אונזערע, יונגערע פאָלקס-שרייבער זענען ווי פאַרהאַרטעוועט, פאַרעקשנט אין זייערע פאַראייַנפאַכטע, פּרימיטיווע אינטערעסן און באַגריפן. אָפּגעריסן פון גאָר דער וועלט-ליטעראַטור, האַקן זיי פאָרם און אינהאַלט פון אייגענעם שטיין און ביין און בלייבן אַזוי פאַרשטיקט אין די אייגענע, ענגע אוממיטלבאַרע ראַמען פון זייער לעבנס-שטייגער. און נישט גייסטיק און נישט קינסטלעריש גיט זיי זיך נישט איין אַרויסצוואַקסן פון זייער סביבה און ברייט אויסצונוצן דעם רויען שטאָף און פאַרוואַנדלען אים אין פאַרברייטערטע און פאַרטיפטע קונסט-ווערק.

ס'טרעפט אַמאָל, ווען דעם אָדער יענעם שרייבער גיט זיך אַמאָל איין זיך אויפצוהייבן אויף אַ געוויסער הויך, זיך פאַרמעסטן אויף עפּעס וואָס ברייטעס, און דאַן גייען זיך צונויף אָט די ציורי באַזונדערע ליטעראַטור-שטראָמען, פאַראייניקן זיך און בילדן אַ שטייפן, מעכטיקן אויסגוס. אין די ווערק פון אונזערע יונגע באַגעגענען מיר אַמאָל אַ מעשה, אַ נאָוועלע, וואו דער אייגנאַרטיקער כח ווערט איינגעפאַסט אין וועלטלעכע פאָרמען, און דער אייגענער אינטואיטיווער שטאָף גיסט זיך אויס אין אַ מאָדערנער אויפפאַסונג. אָבער עס זענען נאָר זעלטנהייטן און אויסנאַמען.

ד. קאסעל, ז. סעגאלאָוויטש, אַ. קאציזנע, ה. זשיטניצקי, יהושע פערלע פון איין זייט, י. מ. ווייסענבערג, יואל מאסטבוים, פּ. בימקאָ—פון דער אנדערער זייט. עס זענען ווי צוויי באַזונדערע, פרעמדע און פיינטלעכע וועלטן, וואס זענען אָפּגעטיילט צווישן זיך מיט א טיפן תהום.

איינע שוועבן אין דער לופטן, כאפן ווי פון אויר, לעבן מיט אבסטראקטע, אָפּטמאָל פרעמד־אויסגעבענקטע געפילן און פּראָבלעמען, קומען מיט שטיקלעך און ברעקלעך פון פרעמדע ליטעראטור־אָפּפאלן, הגם זייערע טעמעס זענען פון יידישן לעבן, און די העלדן טראָגן יידישע נעמען. אָבער די ווערק זענען אזוי אויבנאויפיק, זענען אזוי קאַלט פארליטעראַריזירט, אז ס׳באקומט זיך דער איינדרוק, ווי זיי זענען איבערגעזעצט פון מיטלמעסיקער ליטעראַטור אין אנדערע שפּראַכן און נאָר א ביסל פאריידישט, נישט מער, דאס טיף אייגנארטיקע, פארוואָרצלט־יידישע פעלט לחלוטין.

די אַנדערע זענען צוגעשמידט צו זייער באָדן, איינגעוואָרצלט אין אונזער רויער, נישט־צעאַקערטער ערד, לעבן מיט דער באַגרענעצטער, אוממיטלבאַרער ווירקלעכקייט, זוכן אויסדרוק־מעגלעכקייטן און שילדערונגס־פאָרמען פון אייגענעם לעבן.

די ערשטע געבן מער פאָרם, ווי אינהאַלט, מער ליטעראַרישע מאגער, ווי דיכטערישן חיות, און די צווייטע—מער שטאָף, ווי קונסט, מער מאטעריאַל צום שאפן, ווי שאפן אליין. און סיי די און סיי יענע געבן עפּעס נישט־רייפעס, נישט־גאנצעס, און זיי ביידע שאַפן עפעס א ערב־ליטעראַטור און נישט קיין ליטעראטור גופא. און צווישן אָט די ביידע פאַרשיידענע שטראָמען ליגט ערגעץ א גרויסער פוסטער חלל פון א גאנץ, גרויס לעבן, וואָס בלייבט ווי אויסער דער ליטעראַטור און מאָנט און רופט...

עוזר ווארשאווסקי מיט זיין ראָמאן „שמוגלארס" שיינט צו זיין דער גליקליכער אָנזאג, אז אונזער יונגע יידישע בעלעטריסטיק אין פוילן גייט ארויס פון אירע ענגע ראמען אויפן

ברייטן וועג פון שאפן, עס איז, אָן ספק, דאס ערשטע גרויסע ווערק אין פוילן פאר די לעצטע יאָרן, אין וועלכן עס גיסן זיך צונויף די צוויי באזונדערע שטראָמען. עס איז א שטיק סינטעז פון די צוויי פארשיידענע אויבנדערמאָנטע ליטעראטור־ריכטונגען.

עוזר וואַרשאַווסקי איז פול אָנגעלאָדן מיט רויער־גרויער ווירקלעכקייט, ער שטאַמט ארויס פון די פעסטע פאָלקס־פעלזן און טראָגט אין זיך א רעאַל, קרעפטיק און הארט לעבן. ער איז וואָגיק, קומט מיט א רייכן אוצר פון ממשותדיקער ווירקלעכקייט. אונטער אים שטייט א גאנצע בילדער־גאַלעריע פון לעבעדיקע, געזונט־געבויטע און פאַרשטייפטע פאָלקס־מענטשן — אין דעם ליגט זיין אייגנאַרטיקע גבורה. ער פאַרמאָגט אָבער אויך די קינסטלערישע מעגלעכקייט צו באַוועגן אָט די רייכע און שווערוואָגיקע מאַסע. ער הערשט אויף דער שטייפער, בונטער מענטשן־עדה, ער באַלעבט זי—און אין דעם שטעקט זיין קינסט־לערישער טאַלאַנט.

דורך איינציקע טרעפנדיקע, אויסגערעכנטע שטריכן גיט ער לעבעדיקע, באַוועגלעכע מענטשן־נאטורן. פון איינצעלנע פראגמענטן־עפּיזאָדן ווארפט ער פאנאנדער א גרויס בילד מיט א ווייטער פערספּעקטיוו און ברייטן פאַרנעם. פון אָפּגעריסענע, כראָניקאַלישע פאסירונגען־געשעענישן שאַפט ער א גאנץ, פאר־טיפט לעבן.

ער מאָלט שטייף, מיט חשבון, מיט פארשטאנד, ער כאפּט אונטער דאס רעליעפע, בולטע, מערקווירדיקע און דערגייט אויך אָפּטמאָל צום אויסערגעוויינלעכן, און אפילו סענסאציאָ־נעלן. דערביי אָבער איז ער אי רוהיק, אי אויפגערעגט, אָביעקטיוו־קאַלט און פארכאַפּט־באגייסטערט. ער ווארפט זיך אויף פּרטים און דערגרייכט צום עיקר, ער דרייט זיך ארום און ארום און דערלאַנגט אין סאַמע מיטן.

די „שמוגלאַרס" איז א קרעפטיק, און דרייסט ווערק. הארט,

פארשטייפט און שטארק קאָנצענטרירט. די טיפן, די בילדער, די געשעענישן קומען אַרויס בולט, רעליעף, גלייך ווי דער שילדערונג־אַפּאראט איז צוגעשטעלט נאָענט־נאענט צו די געשעענישן, קומען דערום אַרויס די שטריכן ווי אויסגעשניטן און שטארק איבערגעטריבן, זעען זיך דערום די איינצלהייטן, און עס פארלירט זיך גאַנץ אָפּט די פּערספּעקטיוו.

וואַרשאַווסקי שילדערט איינצלהייטן, ער שטעלט זיך אָפּ אויף איינצעלנע אָפּגעריסענע עפּיזאָדן, אים געלונגט אָבער שפּעטער קונציק צונויפבונדן די רינגען־עפּיזאָדן אין דער גאַנצער קייט פון די געשעענישן אין זיין בוך, ער פלעכט אריין דאס עפּיזאָדישע, דוכט זיך גאַנץ־זייטיקע, אין דעם אַלגעמיינעם געוועב. זענען פאַראַן דערום אין בוך אַזוי פיל פּרטים, איינצלהייטן, איז דאָס בוך אַזוי צעוואָרפן און צעשפּליטערט, און דאָך איז עס גאַנץ, קאָנצענטרירט און צענטראַליזירט.

וואַרשאַווסקי פאַרמאָגט אַן אינערלעכע שטאַרקע קראַפט, און פון אָט דער קראַפט טריפט ער אַריין אין זיינע טיפן, ער ציט אָן די שטריכן־אָדערן ביי זיי און גיט זיי צו פון זיין קרעפטיק, הייס זודיק בלוט. גייען ארום אזוי זיינע מענטשן מיט קרעפטיקע, שטייף־אָנגעצויגענע אָדערן, רייסן זיך ווי צעווילדעוועטע פערד און ווילן לאָזן אין גאַנג אָט די בלינדע, איבערפליסנדיקע קראַפט.

דערביי ווערט וואַרשאַווסקי אָפטמאָל געשטרויכלט: די קראַפט באווייזט זיך ארויס צו אַן אויסערלעכע, זי רייסט זיך אָן אויפהער ארויס, און ער מוז אָנקומען צו געשלעגן, צו קלעפּ, צו אויסערלעכע צוזאַמענשטויסן, אָנשטאָט זי צו פארשטאַרקן, זי צו פאַרשטייפן, זי פאַרוואנדלן מער „ראַציאָנאל” און מער „באַוואוסטזיניק”. כמעט יעדער קאַפּיטל, כמעט יעדער עפּיזאָד ענדיקט זיך אין בוך מיט א געראַנגל, מיט אַן אויסברוך פון קלעפּ, און עס באקומט זיך ן שפּעטער צו־האַסטיק און צו־איבערגעטריבן ביז גוזמען, ביז מידקייט.

דאס גאַנצע בוך איז פול מיט באַוועגונגען. וואַרשאַווסקי־

האָט ליב די באַוועגונג — די ראַשיקע, די עקיקע, און אויך דאָ קומט ער צו איבערטריבנקייט, צו גוזמא. אָבער אויך דאָ איז ער פאַרשטייפט, קאָנצענטרירט. די באַוועגונג ווערט נישט מטושטש, פאַרפאַלן. זי איז בולט, אויסדריקלעך, אפשר פאַרדראָ־סיק־אויסדריקלעך און שניידט זיך אַריין אין די אויגן, ווי מיט שאַרפע שטראַלן.

זיינע געדאַנקען אָבער — דערציילט וואַרשאַווסקי — זענען געווען דאָרט, נעבן דעם לערנטיש. זיי האָבן זיך געדרייט ביי די שיינע יידן און געוויקלט זיך אַרום זיי, ווי די דראַטענע שלאַנגען. ער האָט געפּילט, ווי די הענט זיינע קראַמפּן זיך, און די פיס, ווי פון אַ געזונט, הויפיש פערד, וואָס מ׳הייסט עס שטיין און וואַרטן"...

און מאָדנע און מערקווירדיק איז, וואָס אין אָט דעם דרייסטן, מאָדערנעם און יונגן עוזר וואַרשאַווסקי שטעקט פיל פון מענדעלען און שלום־עליכמען.

פון מענדעלען: עס ווימלט ביי אים דאָס גאַנצע שטעטל היפּנוויז, ווי ביי מילבן, עס לעבט אַ גאַנצע עדה ווי מיט איין עדה־לעבן. דער ספור־המעשה צעגיסט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט, ווערט אָפט צעשוואָומען אין זייטן־וועגעלעך, אין פּרטים־שילדערונגען, וואָס גיסן זיך שפּעטער צו־נויף אין דעם איין צענטער־שטראָם. דאָס **אויג** פונם מחבר, זיין **קוק** איז שטענדיק וואַך. און די געשעענישן קומען פאַר אונטער דער שטענדיקער באַגלייטונג פונם וואַכדיקן בליק, אַמאָל ווערט עס באַגלייט מיט אַ גוט־ווייך שמייכעלע, אַמאָל מיט אַ בייסנדיק־סאַטיריש געפּיל. און אָפט אַזוי גייט אַריבער ביי אים פון רעאַלער שילדערונג צו קאַריקאַטור־גוזמא. ביי מענ־דעלען ווערט פאַרגרעסערט דאָס בטלנישע, קליינשטעטלדיקע, סענטימענטאַל־נאַאיווע, און וואַרשאַווסקי טרייבט איבער דאָס האַסטיקע און פאַרווילדעווטע. און אומעטום אין בוך איז פאַראַן אַ צונויפמיש פון דאָס געשילדערטע מיט דעם דערבייאיקן, מיט דעם מענדעלישן „נישט דאָס בין איך אויסן", נאָר אויף אַן

אַנדער שטייגער. מישן זיך אַזוי אויס אין בוך, איבערהויפּט אין צווייטן און דריטן טייל, קרעפּטיקע בילדער מיט באַריכות־דיקן אַרומשמועסן. שטייט שוין דער אויטאָר ווי אַ וואַכעדיקער מוכיח און טאַדלט, שילדערט און משפּט; קלויבט צו זייטיקס, אַרום און אַרומיקס, כּדי וואָס שטאַרקער צו באַטאָנען און אונטערשטרייכן דאָס גראָבע, האַסטיקע, פּונקט ווי מענדעלע האָט געטאַדלט און אונטערגעשטראָכן דאָס קאָמישע, נאַאיווע.

און פון שלום־עליכמען: די באַרעדעוודיקייט, פון וועלכער עס ווייזן זיך אַרויס די העויה־באַוועגונגען פון דעם מענטשן, די באַרעדעוודיקייט, אין וועלכער עס ליגט אָן אַ שיעור טרעפנדיקע פּסיכאָלאָגיע; די איבערגעטריבענע קאָמישע באַוועגלעכקייט, אין וועלכער עס שטעקט אָן אַ שיעור טראַגיזם; די משונה־פאַרשאַרפטע העויות פון מענטשן־שאַטנס, וואָס זענען ביז גאָר קרענקלעך. אַ גאַנץ יידיש שטעטל, גאָר אַ נייס, אָן אומערוואַרטס, אָבער וואָס אין תּוך איז עס אַ מין שלום־עליכמישע כּתריליעווקע. אויך „קליינע מענטשעלעך מיט קליינע השגותלעך“, אָבער פון גאָר אַן אַנדערער שניט. יענע — אויסגעווייקטע, נשמות אָן גופים, די — אַדורכגעצויגן מיט דראָט און שטאָל, אָבער ביידע קאָמישע און טראַגישע, ביידע אומגעלומפּערטע און פאַרמשפּטע...

אָבער וואַרשאַווסקי ווייס עס נישט, און גוט איז, וואָס ער ווייס עס נישט. ער רייסט זיך אַריין אינם חלל פון אונזער לעבן און איז אָן אויפהער פאַרכאַפּט פון זיין אינערלעכן אימפּעט. ער טרייבט שטאַרק איבער, איז קינסטלעריש שטאַרק מגזם. ער אַליין איז ווי אין געפּענקעניש אין דעם געטומל פון די פּאַס־רונגען־געשעענישן און ער פאַרלירט דאַן די מאָס. פיגורירן שוין דערום צופיל קלעפּ, געשלעגן, צעווילדעוועטע צוזאַמענשטויסונגען, און צופיל הזרן זיך איבער אָט די געשלעגן אינם בוך, וואָס שטערן געוויס די קאָנצענטרירטקייט פונם ווערק. ער ווערט אויך צופיל אַריינגעצויגן אין די פּרטי־פּרטים פון די פאַרשיידנסטע אַרט־שמוגלערייען און ס׳באַקומט זיך אפילו אַן

איינדרוק פון אַ קאָלעקציאָנערײ. אבער וואַרשאַווסקי איז נאָך יונג, נישט ערפאַרן, מען קאָן עס אים מוחל זיין, ער וועט גע־וויס גובר זיין דאס אויסערלעכע, סענסאַציאָנעלע און אויך די צו־נאַטוראַליסטישע באשרייבונגען.

ווילנדיק וואס קלאָרער, בולטער און שאַרפער זיך אויס־דריקן, שטרעבנדיק צו געבן וואס־אויסדריקלעכערע און שטייפע־רע שטריכן, דערגרייכט ע. וואַרשאַווסקי צו גאַנץ נייע, דרייסטע און אָריגינעלע פאָרמען. אבער אויך דא קומט ער אפטמאָל צו גוזמא, צו איבערטריבנקייט. עס פילט זיך אויף יעדן זייטל, אין יעדער שורה צאַפּל און פרישקייט, גבורה און אימפעט, וואס פארפלייצט זיין קינסטלערישע מאָס און וואָג.

מיר לייענען דאָס בוך „שמוגלאַרס" מיט נייגיר און אינ־טערעס. דער נייגיר און אינטערעס איז אָפטמאָל צו די אוי־סערלעכע פּאַסירונגען, מיט וועלכע דאָס בוך איז צופיל אי־בערפולט. דער נייגיר און אינטערעס וואַקסט אַריבער אָבער פון די אויסערלעכע קינאָ־פּאַסירונגען און דערגרייכט צום עצם און מהות פון ווערק. מיר ווערן אַליין דערשטוינט און דער־שראָקן פאַר דער מעטאַמאָרפאָרזע, וואָס איז פאָרגעקומען ביי אונז אין אונזער לעבן. אַט דער מהלך פון דאָס אַלטע און נייע איז עפּעס אַ מאָדנער, נישט אינגאַנצן אַן אויסגע־שטאַנענער און אַ קלאָרער. דאָס נייע שטעטל, ווי עס באַווייזט אונז ע. וואַרשאַווסקי, זאָל זיין אין שטאַרק־איבערגעטריבענע פאָרמען, רופט אַרויס פחד און איינצייטיק נישט קיין קלאָרן גליק: פון וואַנעט גייען מיר און וואוהין קומען מיר? וואו זענען די וועגן, אין וועלכע עס גייט אָפּ דאָס יידישע לעבן אין די קליינע שטעטלך?

עס האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעריסן פון דעם צענטער, פון דעם אָנהאַלט, און אין דעם אימפּעט פון באַפרייען זיך פון דאס אַלטע, פאַרשימלטע, לויפט עס ערגעץ אין כף־הקלע, ערגעץ אין פינסטערן תהום, אָן אינהאַלט, אָן חיות, אָן פאָרם. די „שמוג־לאַרס" דאס איז אַ ווײ־געשריי פון דער באַפרייטער יידישער

מאַסע, וואָס פילט אַ שנאה, אַ האַס צו דעם בית־המדרש, צו דער אַלטער יידישקייט, צו דעם פאַלשן בעל־הבית, וואָס איז דורך און דורך אויסגעליידיקט, אויסגעפוילט, אויסגעקרישעט, און די אויפוואַכנדיקע יידישע מאַסע, די בלינדע, די פאַרוויל־דעוועטע, אָבער מיט קראַפט אין די בלוטן, דרייט זיך ארום אַ צע־שויבערטע און ווייסט נישט ווי אויסצולאָדן דעם אינעווייניקן ווילדן כח.

„האָט זיך געצויגן דאָס געשפּרעך מיט אַ מין בענקשאַפט וואָס דריקט זיך אויס אין קלאַפּן איבערן טיש מיט די פויסטן און אין אַ פלעמען מיט די אויגן. עפּעס אַ בענקשאַפט דורך אייזערנע לונגען מיט אייזערנע פּלייצעס איז עס געווען. און ס'האָט זיך געגלוסט אויפצושטיין פון טיש און צו געבן אַ גע־שריי גלאַט אין דער וועלט אריין: „הערט, ס'זאָל ענק אַ רוח אין די מאַמעס אריין!"... וואָרן אזא מין בענקשאַפט איז דאָס געווען... ס'האָט אויסגעזען, ווי מ'וואָלט זיך צעיאַכמערט איבער עפּעס, ווי מ'וואָלט זיך געקריגט, ווי מ'וואָלט זיך געריסן ביי די קעפּ. ווייל אַלע פּנימער זענען געווען רויט, ווי די פייערס און די אויגן זענען שיער נישט צעפּלאַצט געוואָרן. זיי האָבן געהאַט אַ געפיל פון דער דאָזיקער בענקשאַפט, ווי מ'וואָלט זיי גרויסע גראָבע דישלעס פון וועגן אין די געדערעם אריינגעזעצט און זיי שטיקן זיך און שטיקן זיך און קענען זיך קיין שום עצה נישט געבן"...

די „שמוגלאַרס" זענען אַ בשורה אין אָנזאָג. אַ גליקלעכע בשורה וועגן נייע, שטראָמנדיקע כוחות, וועלכע מיר פאַרמאָגן אין די טיפענישן פון אונזער פאָלק, אָבער אויך אַ גרויזאַמער אָנזאָג, וואָס דערוועקט שרעק און מורא פאַר דאָס נישט־קלאָרע, פאָרמלאָזע און צעווילדעוועטע, מיט וועלכע עס איז איבערפולט דאָס גייע, אויפגעוואַכטע יידישע פאָלק־לעבן.

אין אונזער צעשטויבטער, באַדנלאָזער יונגער בעלעטריס־טיק איז די „שמוגלאַרס" אַ מערקווירדיק און אינטערעסאַנטס

ווערקן. און עוזר וואַרשאַווסקי דאַרף און וועט אָן צווייפל פאַר־ נעמען אַ בכבודיקן אָרט אין אונזער ליטעראַטור. ער דאַרף וואַקסן און פאַרטיפן זיך, — ער פאַרמאָגט די מעגלעכקייטן דערצו.

1921

ביינוש שטיימאן

צווישן די מערקווירדיקע און אינטערעסאַנטע ווערק, וואס זענען ביי אונז געשאַפן געוואָרן די לעצטע עטלעכע יאָר פאַר־נעמען א בכבודיקן אָרט די דריי קליינע דראַמען, וואס עס האט איבערגעלאָזט נאך זיך דער יונגער, טראַגיש־אומגעקומענער דראַמאַטורג ב ײ נ ו ש ש ט ײ מ אַ ן.

אויף אלע זיינע דריי דראַמאטישע פּאָעמעס — „ביים טויער״, „משיח בן־יוסף״ און „דאס רויטע קינד״ — ליגט דער בלוטיקער צייכן פון די גליקלעך־טראַגישע ערשטע רעוואָלוציע־יארן אין אוקראַינע, וואו ב. שטיימאַן איז אויף אן אומגעלומ־פּערט־טראַגישן אופן, — אויף דעם 22־טן יאָר פון זיין לעבן — אומגעקומען. ער אליין האט גאָרנישט געוואוסט, וואס פאר א וואונדערלעכן טאַלענט ער האט פאַרמאָגט, און ווען ער איז אזוי נאַריש פון אן אומבאוואוסטער קויל אויפן פעלד ארום קיעוו גע־פאַלן, זענען נאך זיינע דראמען, כתבים פון אן אומבאַקאַנטן אָנפאנגער, געלעגן ערגעץ אין א טיש־קעסטל ביי אַ רעדאַקטאָר.

די דריי דראַמאטישע פּאָעמעס זענען, אין פלוג, פון גאר

פאַרשיידענעם שניט, כאַראַקטער און צייט: „ביים טויער״ — אַ דראַמאַטישער חלום פון דער צייט פון מיטלאַלטער: „משיח בן־יוסף״ — אַ דראַמאַטישע פּאָעמע פון „אַ פאַרגליוועטער וועלט, וואָס זאָגט עדות און פאַרציילט פון לילית־טויזנטיאָריקער הערשאַפט״ — און „דאָס רויטע קינד״ — אַ דראַמע אין דריי אַקטן, וואָס קומט פאָר ערגעץ אין אַ מזרח־לאַנד אין דער צייט פון „ביבלישער תקופה״. — אָבער אין תוך זענען די אַלע דריי זאַכן ווי פון איין שטיק אויסגעגאָסן. זיי זענען פון אָנהייב ביזן סוף אַ פייערלעכער און איינצייטיק פיינפולער אויסגעשריי, וואָס האָט אייגנטלעך באַדאַרפט ערשט דינען אַלס שטאָף פאַר ווירק־לעכע דראַמאַטישע ווערק. אין אַ פאַראַלגעמיינער פאָרם איז אין זיי געגעבן געוואָרן דער שטורם און דראַנג פון פאָלקס־מאַסן, וואָס זענען פאַרכאַפּט פון דעם אויסלייזונגס־פּסיכאָז. אָט די אויסלייזונגס־מאָטיוון און דאָס משיחשע פּראָבלעם זענען די אַקס, אַרום וועלכער עס דרייט זיך דער גאַנצער אינהאַלט אין די דראַמען, די געשעענישן און קאָנפליקטן זענען ווייניק־וואָס פאַר־קערפּערט אין בילדער און געשטאַלטן. זיי גיסן זיך און שטראָמען אַלץ מיט דעם ברייטן אויסגוס־שטראָם. און נאָך איידער עס וויקלען זיך פאַנאַנדער די געשעענישן, רייסן זיי זיך איבער און פּלאַצן דורך דער אומגעדולדקייט און אומרייפקייט פון יונגן אויטאָר.

אָבער עס איז ניט בלויז אַ צופעליקער, סוביעקטיווער חסרון פונם יונגן ווייניק־דערפאַרענעם אויטאָר.

דער יידישע לעזער אין פּוילן, וועלכער האָט נישט איבער־געלעבט די רוסלענדישע רעוואָלוציע, און איז נישט בייגעווען די גרויסע הערלעכע און טראַגישע געשעענישן פון דער סאָוויעטי־שער רוסלענדישער רעוואָלוציע, וואו טרויט און וואָר, בויאונג און צעשטערונג האָבן זיך לכתחילה אַזוי משונה־ווילד געפלאָנ־טערט און לסוף איז די אויפגייענדיקע זון פון פרייהייט פאַר־טרונקען געוואָרן אין די בלוט־רויטע פלאַמען פון שחיטות און חורבנות, — דער יידישער לעזער אין פּוילן, וועלכער געפינט

זיך אינם קלעם פון נישטיקער, קליינלעכער ווירקלעכקייט, אין די צוואַנגען פון רויער־גרויער טאָג־טעגלעכקייט, וועט אפשר אָנעמען שטיימאַנס דראַמען פאַר אויסגעטראַכטע און צוגעטראַכטע, פאַר געדאַנקלעכע און אַבסטראַקטע עפעקטן. און אַזוי איז שוין דאָ געשען מיט דעם רעצענזענט פון שטיימאַנס דראַמען, — מיט א. ל. יאַקובאָוויטש פון „היינט", — און אַזוי „טיפּזיניק" האָט אויפגענומען די דראַמען דער „קריטיקער" ב. ש. אין „מאָרגנשטערן".

ביינוש שטיימאַן איז אַ קינד, אַ פּאַטאַל קינד פון דער רעוואָלוציע, געבוירן דורך איר און אין איר אומגעקומען.

שטיימאַנס טאַלענט איז אויפגעוואַקסן אויף דעם שוואַרץ־רויטן פאָן פון דער שוידערלעכער וועלט־מלחמה, פון בלוטיקן בירגער־קריג, פון רעוואָלוציעס און ווילדע שחיטות און פּאָגראָמען. נישטיק איז דאַן געווען דער יחיד, דער איינצלנער, מיט זיין יחידישן לעבנס־שטייגער, מיט זיינע ווילנס און פאַרלאַנגען, האָפענונגען און פאַרצווייפלונגען. דעם קינסטלערס האַרץ האָט געגאַרט דאַן נאָך גרויסע מאַסן צוזאַמענשטויסונגען, זיין בליק האָט געבענקט נאָך ברייטע שטחים. די איצטיקע געשעענישען, אין וועלכע ס'זענען געווען אריינגעצויגן טויזנטער און מיליאָנען, דעם אויפברויז און אויסברוך פון דער שטורמישער צייט, האָט דער קינסטלער נישט געקאָנט גלייך אויפנעמען און אַרומנעמען, נישט געקאָנט נאָך פאַרקערפּערן אין בילדער און געשטאַלטן, — האָט אים די דיכטערישע פאַנטאַזיע אריבערגעטראָגן צו דער פאַרגאַנגענהייט און דאָרט געזוכט ענלעכע אָדער כמעט ענלעכע געשעענישען. עס קומען דעריבער אַזוי־אַרום אין דער איצטיקער ליטעראַטור פאַרגאַנגענע תקופות אין וועלכע ס'זענען פאָרגעקומען גרויסע מאַסן־קאַמפן און צוזאַמענשטויסן, וועלכע זענען שוין איינגאַנצן אויסגעפורעמט געוואָרן.

די גרויסע רוסלענדישע איבערקערעניש האָט אַלץ מיטאַמאָל מיטן וואָרצל ארויסגעריסן. קאַנאָניזירטע וועלטן און אמתן, וואָס האָבן זיך דורות־לאַנג געקליבן און געפעסטיקט, זענען

פּלוצים פאַרשוואונדן, דער לעבנס-שטייגער האָט אָנגעוואוירן זיין מהות און וועזן, זיין וואָג און אינהאַלט. די אויפגערעגטע פאַנטאַזיע איז שטיין געבליבן ביי אַנטבלויזטע וועלט-פּראָבלעמען. דאָס אַלגעמיינע און פּאַראַלגעמיינטע איז צוגערוקט געוואָרן צום אויפגערעגטן מח אין אַ פאַרגרעסערטער פאָרם. קיין אָרט איז נישט געווען אין דעם מאָמענט פון צעשטערן און בויען פאַר בהדרגהדיקן וואוקס, פאַר טריט-ביי-טריטלעכער אַנטוויקלונג פון געשעענישן און פּאַסירונגען. אַלץ האָט אויפגעפלאַקערט מיטאַמאָל, אין פּונקט אַזוי גיך פאַלט אויך אָן די שטאָק-פינסטערניש. אָט יובלט מען פון באַגייסטערונג, מען פאַלט כורעים, מען וואַרפט די קליידער פאַרן אויסלייזער און באַלד פליען אין אים שטיינער. מען לעבט מיט פאַרשאַרפטע, אָנגעצויגענע געפילן און מען רעאַגירט שנעל און אָפּגעהאַקט. דאָס וואָרט איז קורץ, שטייף, וואָגיק, באַפליגלט, און האָט אין זיך אַ וואונדערלעכע קראַפט: קלאַמערט צו און שטויס אָפּ, צערטלט און וואַרפט אין שאול-תחתיה. די מאַסע איז אַרויסגעצויגן פון אירע געצעלטן און זי לעבט ווי איין מענטש, מיט איין געדאַנק, מיט איין ווילן. אָט שטייט זי אויף, דערפילט שטאַרקע קראַפט אין זיך און אָט פאַלט זי פול יאוש און פאַרביטערונג.

ביי אָט די ווילדע קראַכן פון די אומטערגייענדיקע וועלטן איז געשטאַנען דער פילבאַרער און אויפגערעגטער קינסטלער און געפילט זיך אָט מאַכטלאָז און דערשלאָגן און אָט — פול אימפעט און גבורה. איז ער געשטאַנען אַ דערשראָקענער און צעטומלטער פאַר די גרויזאַמע געשעענישן און באַלד גענומען אינם וועלט-געטומל אַריינוואַרפן זיין דרייסטן רוף, זיין מונטערן האַרץ-געשריי. די אַלע אַלטע קונסט-מיטלען זענען נישטיק און קליין געווען לגבי די נייע לעבנס-שטראָמען. און ס׳איז מערקווירדיק: דער עלטערער דערפאַרענער קינסטלער מיט פעסטגעשטעלטע קונסט-פאָרמען איז געשטאַנען אָן אַ זייט און נישט געקאָנט געפונען קיין ווערטער און בילדער, קיין שטריכן און באַ-

גריפן פאר דאָס נייע ברויזנדיקע לעבן, וואס איז אויפגעקומען דורך בליצן און דונערן.

און דווקא די יונגע, רויע, נישט־דערפארענע קינסטלער, מיט אומבאַשטימטע, נאך נישט־פעסטגעשטעלטע קונסט־פאָרמען, דווקא זיי גיט זיך גיכער איין צו צוגיין צו דעם לעבן־כאַאָס און שאפן פון דעם בילד און פאָרם.

די ליטעראַטורן פון רוסלאנד — נישט נאר די יידישע — וויסן צו דערציילן פיל, פיל וועגן דעם, ווי עלטערע, געניטע, גרויסע קינסטלער זענען פארשטומט געוואָרן בעתן נייעם לעבן און גראָד יונגע נייע — האבן געפונען פאַסנדיקע דרייסטע ווערטער און געשאַפן באדייטנדיקע ווערק.

בייניש שטיימאן איז געווען אין דער אוקראינער־יידישער ליטע־ראטור דער יונגער קינסטלער, וואס אין זיינע ווערק פילט זיך דאס נייע, וואס איז געקומען אין לעבן. אין די אלע דריי דראמען פלאטערן אָן אויפהער די פליגלען פון טויט און ס׳דרינ־גען־אריין שטראלן פונם נייעם מאָרגן, פון דעם ליכטיקן שטראלנ־דיקן טאג, וואס קומט אויסלייזן די וועלט. אין איין דראַמע איז דא מער טויט, מער פאַרשקלאפונג, אין דער צווייטער — מער לעבן, מער גאולה.

פון די דריי דראמען איז די ערשטע, — „ביים טויער״, ווי אַן אָנהייב, אַן אריינפיר. דער פאָן איז נאָך אַ רואיקער, א גרויער. „אין צענטער — א גרויסער בנין — אַ תפיסה. אויפן הינ־טער־גרונט — קלויסטערס״. אַ שטאָט־פלאַץ אין אַ קרוין־שטאט אין אייראָפע. צייט — מיטלאַלטער. אָבער — צי נאר מיטלאַלטער? דען המון איז פול שנאה און פאראכטונג צו יידן. „יאָ, יאָ, — שרייט דער המון — אין די הייליקע ספרים ווערט געשריבן: דאס מלכות־שמים קאָן נישט קומען, ביז די מנוולים (די יידן) לעסטערן דעם הימל״. צווישן די יידן, וואס מען פירט אין תפיסה, כדי מאָרגן צו קעפן, איז דא איינער אַ יינגער, וועלכער קוקט אזוי מאדנע און פרעגנדיק מיט זיינע גרויסע קינדערשע אויגן״. ישו קומט צו חלום דעם שומר פון דער תפיסה און

קלאָגט זיך פאַר אים: „זיי, זיי האָבן מיך איינמאָל געקרייצט, איר אבער, איר קרייצט מיך יעדן טאָג". און ווען ישו לייגט אַרויף זיין האַנט אויף דעם טויער פון תפיסה, און דער טויער פראַלט אויף. לויפט־צו דער שומר, כאַפּט ארויס אַ מעסער, „רוקט אים אריין ישון אין זייט". דאס איז בּיינאכט אין חלום, און מארגן פרי, אין וואָר, פירט מען דעם יידן, וואס איז אזוי ענ־לעך אויף דעם געקרייצטן, צו דער תליה, און דער עולם לויפט נאָך, ווארפט מיט שטיינער און פייפט: „שדים, שווארצע נשמות"...

„משיח בן יוסף" איז אַ ווייטערע אנטוויקלונג פון „בּיים טויער". דאס פאָלק האט שוין אנגעוואוירן זיין מענטשלעך אויסזען. שוין לאַנג קיין זון נישט געזען. מען ליגט אין דער פינסטער, אין די היילן, און מען קריכט ארום ווי די הינט. מען לעבּט אין שטענדיקן פחד, און שווער איז שוין אויפצונעמען און פאַר־שטיין אַ זאַך. ערגעץ אין דער טיף ליגט באַגראָבּן דאס בענקען און גאַרן נאָך זון, נאָך אויסלייזער.

די מעשה קומט פאַר צוריק מיט פיל־פיל יאָרן און אפשר גאָר, גאר נישט לאַנג. לילית, די שווארצע לילית, הערשט. שוין טויזנטער יאָרן ווי זי הערשט. דער מענטש „האט זיין צלם־אלהים פארלוירן, אַ געהארכזאמער קנעכט גע־ווארן". אבער „די שווארץ־בּלויע לופט איז פול מיט פינסטערן שווייגן, וואס אין דעם פילט זיך דאס אנקומען פון אַ שטורם". פון די בערג־היילן, פעלזן־שפּאַלטן קוקן אַרוס דערשראָקענע מענטשלעכע פּנימער. און עס קנאַלן ווילדע קולות, אַ דונער צעטרייסלט די בערג, און די מענטשן־קנעכט ווערן פאַרציטערט און עמעץ אַ זקן זאָגט: „די ערשטע צוויי פון די צייכנס, פון די צען צייכנס פון קץ. די וועלט קומט אום".

און דאס דערשראָקן, פארציטערט פאָלק קומט נכנעדיק צו לילית און בעט זיך; „מלכה לילית, הערשערין, האָבּ רחמנות דערקלער אונז, גיבּ אונז צו פארשטיין! בּלינד זענען מיר און ווייסן נישט און פארשטייען נישט"... לילית לאכט און באַרואיקט

זיי: „אָט וואס עס האט אייך דערשראָקן: מיינע פרייד־געשאַלן, מיינע פייערווערקן, דאס איז דאך נישט מער ווי יום־טוב־שפּילן, נישט מער". עס באווייזט זיך פון וויטן משיח. עס גלייכט זיך פאַר אים באַרג און טאָל. לילית פּרוווט אים פארטרייבן. „נאָך וואס ביסטו געקומען אַהער, נאָך וואָס? אדער די ווייסט נישט, אַז דיין אָרט איז דאָרטן הויך, — אין הימל, ביי דיין גאָט. אַז דאָ בין איך די מלכּה?" דאס פאָלק ווייס נאך נישט, ווער דער געקומענער איז, און עס פרעגט איינער דעם אַנדערן: „ווער קאן עס זיין? איך ווייס נישט... קיינער ווייסט נישט קיינער". אָבער ווען משיח קומט נעענטער, דערקאָנט אים דאָס פאָלק און עס שרייט: „משיח! אונזער אויסלייזער! אונזער באַפריי־ער"! און לילית, וואָס טויזנטער יאָרן האט זי רעגירט און גע־ריטן אויפן פאָלק, ווייסט ווי צו באהערשן עס און ווארפט אַריין שווערע, פאַרצווייפלטע ווערטער אינם פאָלק: „ער ברענגט ווידער גליק און פרידן", אבער זייט וויסן, אז פון דעם אַלעמען וועלן „נאר אייערע קינדער געניסן. איר וועט מוזן שטארבן". און ס׳פאָלק ווארפט זיך גלייך צוריק און עס ברומט: „אויב אַזוי דאַרפן מיר אים נישט! נישט אים, נישט זיין זון, נישט גאָט!" פארשטיינען, פארשטיינען — לאָזן זיך הערן קולות און ס׳פליט אַ שטיין, אַ צווייטער אין משיח׳ן. לילית שטיקט זיך פאר פרייד. זי מיט איר מחנה נעמען זיך פאר די הענט, טאַנצן און זינגען: „ער׳ט נישט קומען, נישט קומען, נישט קומען!"

עס באַווייזן זיך אָבער איין שטערנדל נאָכן צווייטן און זאגן אָן: „ער וועט נאָך קומען!"

די דריטע דראַמע „דאָס רויטע קינד", איז נישט געבונדן צו קאָנקרעטע, רעאַלע געשיכטלעכע געשעענישן. דער אויטאָר ווייזט אָן, אַז די צייט איז די ביבלישע תקופה. אָבער עס לאָזט זיך אָנשטאט דעם אָנשרייבן די איצטיקע תקופה.

„דאָס רויטע קינד" איז אויך פול מיט דער אויפגערייצטער שטימונג, ווען די מאַסע איז אויפגערודערט פונם באַגערן נאָך דעם אויסלייזער. פריער האָט זי אָפּגעקערט פונם נביא און

גאָטס וואָרט — שפּאָט געמאַכט. פּלוצים אָבער ווערט זי אויפגערודערט, פאַלט אויף די קני און באַשולדיקט זיך אַליין: „אַז ס'איז נאַכט געווען... אַז ס'איז שוואַרץ געווען... און מיר זענען בלינד געווען...״ דאָס פּלוצימדיקע אויפוואכן פון די מאַסן. דער המון קומט צום נביא, ווייל שווער איז דער יאָך, וואָס מ'האָט אויף אים אַרויפגעלעגט. דער המון קרעכצט פון דער אַכזריותדיקער מלכה, וואָס דרעשט אים מיט ריטער, וואָס רייסט קינדער פון זייער מוטערס ברוסט און באָדט זיך אין זייער בלוט. אָט די מלכה וויל האָבן אַ יורש, וואָס זאָל נאָך איר טויט געוועלטיקן, און זי איז מזנה אויף אַלע וועגן און שוואַנגערט. אירע האַרן זאָגן: „די מלכה האָט אויף אייך אַרויפגעלייגט אַ יאָך, דאָס קינד, וואָס זי וועט געבוירן; וועט אים נאָך מערן״. דאָס פאָלק קומט צום נביא: „העלף אונז״. דער נביא טרייסט: פון דעם עקדיש-איי וועט זיך אַ טויב אויספּיקן. און דאָס, וואָס זי וועט געבוירן, וועט „אויסלייזן די ערד!״ די גרויזאַמע מלכה וויל נישט דעם אויסלייזער געבוירן. דאָס פאָלק איז אומגעדולדיק, איז פול מיט ערוואַרטונג. און עס הערט זיך אַ שטים פון אַ יונגנמאַן: „זאָל מען זי אַרויסשלעפּן אַהער, נ'בויך אויפשניידן און ס'קינד אַרויסנעמען.״ ס'קומט אָן דער נביא. די פּריסטער, באַדינער, די וואַך-לייט פון דער מלכה טרעטן אָפּ. דער נביא גייט אַריין אין פּאַלאַץ און קומט דערנאָך אַרויס מיטן קינד, מיט גאָטס-אויסדערווײלטן. דאָס פאָלק יובעלט און שאַלט: „לעבן זאָל דאָס קינד! לעבן זאָל דאָס רויטע קינד״.

און עס פלעכטן זיך אין די אַלטע סכעמעס נייע מאָטיוון, נייע הייַנטצייטיקע אידעען, שטימונגען און לאָזונגען. און אַזוי קוקט אַרויס פון די מיטלאַלטער און ביבלישע דראַמען די פייַנפולע צייט פון דער גרויסער רוסלענדישער רעוואָלוציע.

און די אַלע דריי קורצע דראַמען, (גיכער סכעמעס אויף דראַמען) ראַנגלען זיך פ י נ ס ט ע ר ע כוחות מיט ליכטיקע ש ט ר אַ ל נ ד י ק ע. אין „ביים טויער״ פאַרוואַרפט דער המון די יידן מיט שטיינער און נאר ד א ס מ י י ד ל, די משוגענע

פון פעלבורג, דערזעט אינם יונגן יידן דעם היילִיקן שפּעטער, אינם חלום פונם שומר, פלאָנטערט זיך דאס בילד פונם ייד מיט ישו דעם אויסלייזער, וועלכער פראַלט אויף טיר און טויער פאר די פארשלאָסענע און צום טויט־פארמשפּטע יידן... אין „משיח בן יוסף" הערן זיך „ווילדע קולות", וואס „פאַרהילכן די וועלט", די ערד „באַשפּייט די הימלען מיט פייער" און די מאַסן וואַרפן זיך פון משיחן צו לילית, וואס פאַרבלענדע זיי די אויגן און רופט זיי צו פאַרשטיינערן משיחן... אין דאָס „רויטע קינד" גייט שוין די מאַסע מיטן נביא צוזאַמען, און צוזאַמען מיט אים פייערט זי דאָס געבוירן פון דעם רויטן קינד און רופט אויס איינציקווייז:

— ער איז אַ רויטינקער! איינגאַנצן רויט פון די זונען־פלאַמען, פון דעם מאָרגן־רויט. לעבן זאל דאָס קינד!".

ביי די ערשטע זונען־פלאַמען פון דעם ניי־געבוירענעם רוסלאַנד, ביים פייער פון די ערשטע גליקלעך־טראַגישע רעוואָלוציאָנערע יאָרן אין רוסלאַנד האט זיך געוויזן ביינּיש שטיימאַן איבערגעלאָזט נאך זיך די דריי דראַמען, די יונגע, רויע און דרייסטע דראַמען, וואס פאַרמאָגן אזוי פיל יוגנטלעכע קראַפט און אימפּעט, אזוי פיל פיין און בענקשאַפט נאך דעם נייעם מאָרגנדיקן טאָג...

אונזער דראַמאַטורגיע, אונזער טעאַטער, וואס איז אַזוי אָרעם צו העראָאישע, פּאַטעטישע פּיעסן האט אין דעם יונגן ביינּיש שטיימאַן אָנגעוואוירן אָן קיין ספק אַ גרויסן, מערקוויר־דיקן טאַלאַנט. און די דריי קליינע איבערגעבליבענע פּיעסן זענען אין דעם יידישן אָרעמען בינע־רעפּערטואַר אַ ווינציקע געשעעניש. דער ערנסטער רעזשיסער וועט געפינען אין זיי אַ דאַנקבאַרן טעאַטראַלישן שטאָף.

1922

מלך ראַוויטש

„נאַקעטע לידער", ווין 1921

די הילכיקע טענער פ׳ן דער מאָדערנער ייד׳שער דיכטונג, אירע ברויזנדיקע רויש-געזאַנגען רייסן זיך וואָס-ווייטער אַלץ מער אַריין אין אונזער ליטעראַרישער וועלט און הייבן אָן צו צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פונם ערנסטן יידישן לעזער. דער ברייטער לעזער-עולם אָבער איז נאָך נישט אינגאַנצן תופס די יונגע יידישע פּאָעזיע און איז נאָך מיט איר נישט אַדורכגעקומען.

דער היגער דורכשניטלעכער לעזער איז נאָך שטאַרק באַהעפט מיט דער פאַרעלטערטער יידישער דיכטונג, און די מאָטיוון און פאָרמען פון דער יונגער דיכטונג ווייזן זיך אים אויס צושרייענדיקע און צו-האמעטנע. אין קיין געביט הערשט נישט אזוי שטאַרק די שליטה פונם סקאַרבאָוון נוסח, פונם אָנגענומענעם שאַבלאָן, ווי עס הערשט אין פּאָעזיע, וועלכע קאָן פאַרהיטן די ראָזע פאַרב, דעם אויסערלעכן צויבער, הגם זי איז שוין שטאַרק פאַרעלטערט, האט שוין לאַנג זיך איבערגעלעבט

און שוין לחלוטין אַנגעוואוירן דעם לעבנס־קראַפט און דעם צאַפּל פון וואַקסן און ווירקן.

ס׳איז אָבער קלאָר: די דיכטערישע אידיליע פונם געפיל און געדאַנק, די סענטימענטאַלע, ווייך־האַרציקע האַרמאָניע, דאס אינערלעכע, רואיקע צוזאַמענלעבן פון דיכטערישער פאַנטאַזיע און שאַפנדיקן גייסט זענען שוין אַ דורכגעגאַנגענע שטופע אפילו אין אונזער דיכטונג. און קומען איצט מיט אַ סוביעקטיוו־עלעגישער שטילקייט, מיט אַ סענטימענטאַל־ראָמאַנטישן שלייער, הייסט קומען מיט אַ פאַרשפּעטיקן אָפּקלאַנג פון אַן אַוועקגייענדיקער צייט.

שווער איז איצט צו זיין פאַרשלאָסן אין די ד׳ אמות פון אייגן־ענגן וועלטל און דאָרט, אין דער שטיל, וועבן אַ חלום פון אינטימע איבערלעבענישן. דער מאָדערנער דיכטער איז קעגן זיין אייגענעם ווילן אַריינגעשליידערט אינם אַלגעמיינעם שוימיקן קעסל פון וועלט־געשעענישן און וועלט־פּראָבלעמען, ער האָט פאַרלאָרן זיין אינערלעכע האַרמאָניע, און זיין שטימע רייסט זיך אַריין אין דעם אַלגעמיינעם ווײ־געשריי און שטורם־גערודער, וואָס עס פילט אָן גאָר די וועלט.

די שווערע יאָרן פון מלחמה און בירגער־קריג האָבן ווילד און סאַרקאַסטיש אויסגעלאַכט אַלע עטישע ווערטן, דער וועלט־פּרצוף איז אַנטפּלעקט געוואָרן אין זיינע מיאוסטע שטריכן, און אנשטאט דעם פריערדיקן צלם־אלהים האָט זיך באַוויזן דער טייוולשער פּנים. שטייט איצט דער אַמאָל־שטאָלצער מענטש ביי וועלט־חורבנות און ביים אייגענעם חורבן, ברומט פון טיפע ווייטאָקן, זוכט און נישטערט דעם נייעם גאָט, לעסטערט און שפּאָט פון זיך אַליין און שטילט אין דעם זיין פיינלעכן צער. און ווען דאָס האַרץ איז פול מיט שרעק און שגעון, רייסט מען שטיקער פון אייגענעם לייב און מען רודערט אויף די וואונדן. און איינצייטיק וואַקסן אויס ביים דיכטער אין אַ ריזיקער גרויס די מיליאָנען, וואס האָבן אויפגעוואַכט צום נייעם לעבן און זענען אַדורכגעדרונגען מיט איין און איינציקן ווילן

און באַגער צו בויען און איבערבויען אַלץ אויפסניי. און דער קרענקלעך־פיינלעכער דיכטער מיט די טיפע וואונדן אינם צע־בראָכן האַרץ ווערט פלוצים אָנגעצונדן, און זיין ליד ווערט פול מיט פרייד און נצחון. אָט דעם גראַנגל זעען מיר און שפירן אין דעם שאַפן פון די נייע דיכטער, פון די דיכטער פון אונזער טראַגישן דור.

עס רייסן זיך די געשעעניש־איבערלעבונגען פון דרויסן אין ברויזנדיקן האַרץ, זיי געפונען נישט דאָרט קיין רוהיק ווינקל און זיי רייסן זיך צוריק ארויס ווילדע, צעשויבערטע. אויפגערעגט און פול מיט ברויזנדיקן כאַאָס איז דעם דיכטערס האַרץ, און נישטאָ די רוהיגקייט אויסצווואַרעמען זיי אין זיין שויס. קומען די לידער אַרויס נאַקעטע, נישט פאַרוועבט מיט האַרמאָנישע פאָרם־פעדעם, נישט אויסגעצירט אין אויסגעאיידלטע, פאַרפיינערטע פערזן, נישט אויסגעצערטלט אין ליבע, מעלאָדישע וואויל־קלאַנגען. דער עיקר איז דאָ נישט דער ריטם, נישט דער פערזן־שפיל, נאַר דער אויסרוף, די טעמפּאָ, דער געשריי.

די לידער זענען אינגאַנצן אַרויסגעריסן פון דעם שטייגער־שיידל און זיי האָבן פאַרלוירן זייער פאַרבינדונג מיט דעם קאָנקרעטן לעבנס־אינהאַלט. נישט די פערזענלעכע, אינטימע באַדערפעניש אינטערעסירן און פאַרנעמען די דיכטונג. קליין איז דער איין און אייגנציקער מענטש, און נישטיק איז זיין באַגער און ווילן, זיין פרייד און לייד, וואָס איז געבונדן מיט דער אייגענער פערזענלעכקייט, לגבי דעם וועלטס־צער און דעם שטורם־און־דראַנג, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט גאָר די וועלט.

ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש פאַר די לידער פון אונזער צייט זענען מלך ראַוויטשעס „נאַקעטע לידער”.

אין דער הקדמה צו די לידער גיט ער איבער קאָנ־קרעט און קלאָר, נאַקעט און רעליעף וועגן זיין דיכטעריש וועזן:

„נאַ, זע די טרוקענע באַוואוסטקייט, וואָס פירט די ממשלה אין די ד׳ אמות פון מיין ביסל אייגנס אין דער וועלט.

„דער אמתדיקער מקור פון מיין טון איז אין געדאַנק און אין גאַרנישט מער.

„דער תוהו ובוהו פון דער קומענדיקער וועלט, וואָס וועט איבערשטרוימען פון גליק, פון פּאָטענץ"...

אָט דאס איז ער, דער פּאַן, אויף וועלכן עס ווערן געשאַפן זיינע לידער. עס איז זיכער: אַז דאס, וואס ער אליין ווייסט עס, איז אי אַ מעלה, אי אַ חסרון פאר אים. די לידער זענען דעריבער ביז־גאָר אויסדריקלעך, סילועטיש־נאַקעט, זיי ווירקן אויף אונז מער מיט זייער הארטער קלאָרקייט, ווי מיט זייער דיכטערישער פאַנטאַזיע. אָפּטמאָל זענען זיי צו געדאנקלעך, צו באַוואוסטזיניק. שוין צו קלאָר צייכנט ער אָן זיין דיכטערישן וועג, און צו באַוואוסטזיניק פירט ער זיין דיכטונג לויט דער צוגעטראַכטער און דיכטערישער סכעמע. אין דעם שטעקט דאָס גאַנצע וועזן פון דער נייער דיכטונג, וועלכע האָט אויפגעהערט צו לעבן אין פאַרנעפּלטע הויכן און זיך באַצויבערן מיט נישט־ערדישע טרוימען.

קלאָר און דייטלעך זאָגט מלך ראוויטש וועגן זיך: „צו די יונגפּוילסירנדיקע לידער־שרייבער וועל איך דאָך נישט מער געהערן. און באַוואוסט זיך אנידערצולייגן אין וואַרעמלעכן פוך אריין פון אייגענער פּאָעטישער גסיסה וויל איך נישט".

אָט אין דער באַציהונג צו זיך ליגט דער צייכן פון אונזער צייט. נישטאָ מער קיין ראָמאַנטיש פאַרוויגן זיך. מיט שטייפער האַרטקייט באַציט מען זיך צו זיך, ווי מען באַציט זיך מיט שטייפער האַרטקייט צום צווייטן.

נאַקעטע לידער איז אַ בוך, וואס איז פול מיט אומרו און צאַפּל, מיט שרעק און מונטער. אויף דעם טונקל־גרויען פאָן שוועבט אַ געמיש פון שוואַרץ און רויט. אפטמאָל קומען ארויס די לידער צו האסטיק, אומגעלומפּערט, וואס וועלן קאָן זיין, אין דעם איידעלן אויער קריצן. עס רייסט זיך אַ טונקל־גרויער שטומער און דאָך הילכיקער פּראָטעסט פונם דיכטער פון אונזער איצטיקן דור, — דער דיכטער און דער דור, וואָס

אָט איז ער אלמעכטיק, באהערשט וועלט און פּראָבלעמען, גע־וועלטיקט איבער געפילן און אלדי געשעענישן, און אָט דערשלאָגן און פארריקט אין אַ ווינקל, בייסט ער פון ווייטיק די אייגענע וואונדן.

„יאָ, עס זענען דאַ אַזוי פיל אָפענע וואונדן אין דער וועלט;" — רופט אויס דער דיכטער אין איין ליד, און אין אַ צווייטן זאגט ער:

„אזוי ווי אַ הונט פאר דעם הונטשלעגערס שלינג,
אנטלויף איך פלינק
פאַר מיין אייגן געוויסן".

און דאָס אויסגעפייניקט ליד ענדיקט ער:

„איך ליג צופיסן
און לעק פיל צער
די שטיוול פון מיין ברענעדיק געוויסן".

און אין אַ צווייטן ליד לייענען מיר אַזעלכע שורות:

„אָ, ווי ס'טאַנצן די נערוון־בערן אַ טאַנץ אין פאַרביקע בונטן, איינמאָל אַרויף צו די הויכע אויבן, און איינמאָל אַראָפּ צו די גרונטן אונטן.

מלך ראַוויטש איז גענוג געזונט און ער איז גענוג אָפּטימיסטיש, ער זאָל פאַלן אַ מאכטלאָזער אונטער דער שווערער לאַסט פון די טראַגישע וועלט־פּראָבלעמען. ער איז אָבער אויך גענוג געפייניקט און אינערלעך פארוואונדעט. ער זאָל אַלץ אין זיך קאָנען פארטריבקען מיטן שטורם און פּאַטאָס, וואס פולט אָן זיין הארץ. אַלע זיינע לידער זענען אזויכגעמישט מיט גלויבן און יאוש, מיט געזונטן שטאָלץ און צעפלויטיקטע נערוון, מיט גבורה און אָפּהענטיקייט. ער אַליין ווייס עס און זאָגט וועגן זיך און וועגן די עלעמענטן פון זיין דיכטונג: „מיין פיבער און מיין רו, מיין אָפּטימיזם און מיין פעסימיזם... מיין צעגריזשטע שטאָט־נשמה און די ליאַנע דאָרפישע לייוונט פון מיין געזונטער בענקשאַפט, וואָס וויקלט זי איין... מיין סאַדיזם, מיין נזירות, מיין גלויבן אין דער רעוואָלוציע און

מיין עלעמענטארער, פון טיפן־ווי ארויסגעשריגענער, ביטול פון יעדן מין רעליגיאָזיטעט״...

דער מאָדערנער מענטש, וואס איז אַזוי זאט און איבער־געזעטיקט פון דער קולטור, וועלכע ער לעסטערט אָן אויפהער, און דאָך שטעקט ער אינגאַנצן אין איר, צינדט נאָך זיך אַלץ אונטער און וואַרמט זיך ביים זעלבן פייער, וועלכן ער האַלט אין איין מבטל זיין, און ער שאַפט גלייך ווידער פון ס׳ניי:

„היינט האָט ער אַלע וועלט־רעטענישן אויסגעלייגט,
און מאָרגן איז ער מיט זיין אייגן ווערק נישט זיכער״.
און אָט רופט ער אויס מיט זיכער און שטאָלץ:
„אָ ווי האב איך פריידיק, מיט זיכערע שגיט,
די עבר־פעדעם פון גייסט צעשניטן,
מיט לייכטן־האַרץ״...

און ער גיט צו:

„וואָס איז מיר מיין פאָלק, וואס איז מיר דער גאָט,
פאָלק שליידער איך אויף רעכטס, גאט שליידער איך
אויף לינקס״...

און אינם תוהו ובוהו פון לעבן און דענקען קריצט זיך איין
אַ שארפער און קלאָרער געדאַנק:

„און דו, דו ביזט דער שטאָלצער און דער ערשטער
פון א נייעם דור,
וואס קיינער ווייסט נאָך נישט, וואָס עס וועט זיין,
און יעדער ווייסט, אז עס וועט אייביק זיין״...

לידער פון אונזער צייט! באַוואוסטזיניקע, שווער־וואָגיקע אויסרופן. צוערשט איז דער געדאַנק,—א שטאָלענער, רייפער און פארהארטעוועטער גייט ער אַדורך די נשמה און רופט אַרויס די אינטואיציע. די שעפערישע אויפרעגונג שטאַמט דער עיקר פונם קלארן באַוואוסטזיין, וואס פארמעסט זיך אויף וועלט און מענטש און דערנאָך ווערט זי ערשט באַוואָקסן מיט געפילן און באַגריפן, מיט בלוט און פלייש פונם רעאַלן לעבן. און עס פארבלייבן טאקע קאַמף־לידער, לידער מיט געזעלשאַפטלעכן אינהאַלט, און

דער הויפּט־געוויכט ליגט אַלץ אויף דעם אויפגערעגטן געדאַנק און נישט אויף די אינמיטע פעדעם, וועס פאַרוועבן, אָן דעם ווילן פונם דיכטער, דעם הויפּט־עלעמענט פונם ליד. ווייל דער רעאַלער לבוש, דאָס יחידישע איז דאָ אַטפּל, די פאָרם — נאָר אַ מיטל אויסצודריקן און פאַרקערפּערן דעם שטאַלענעם געדאַנק, וואס האקט פון שטיין פון ווירקלעכקייט, פון אויפגערעגטער ווירקלעכקייט. ווירקן שוין דערום די לידער מער מיט זייער געדאַנקלעכער קראַפט, ווי מיט דער קינסטלערישער אויספּאַסונג, מער מיט דעם נאַקעטן אומרו־גייסט, ווי מיט דער אויסגעצערטלטער פאָרם.

אָבער דאס אַלץ געזאָגטע איז נאָר אַ טייל פון מלך ראוויטשעס דיכטונג, דאס אַלץ האָט אַ שייכות צו מלך ראוויטש פון די ציקלען לידער, וואו ער קלאָגט און באַקלאָגט זיך אויף דעם וועלט־צער און וועלט־שרעק. דאָס נייע יידישע ליד אָבער איז אַדורכגעדרונגען מיט דעם שטורם און דראנג, וואָס די נייע צייט טראָגט אין איר שויס. זייער אָפט פאַרוואַרפט זי איר ברויזנדיקן רוף אויף ווייטע ווייטקייטן פון פרייהייט און אויסלייזונג, און אויך מלך ראוויטש, ווען ער גייט איבער צו די לידער וועגן דעם דערוואַכן פון דער „געפאַנגענער וועלט" ווערט ער פיבעריש־צאַפּלדיק, געזונט־אָנגעלאָדן און באַגייסטערט אָנגעזונדן. און דאַן הערן־אויף די לידער צו זיין נאַקעטע לידער. זיי ווערן איבערגעפולט מיט פאַטאָס און אימפּעט, מיט רעוואָלוציאָנערן גייסט, שטייף־פאַרהאַרטעוועטע געזאַנגען און אַדורכגעדרונגען מיט ממשותדיקן, שווער וואָגיקן אינהאַלט. דאס ליד ווערט איינגעוואָרצלט אין ברויזנדיקן לעבן, באַקומט דעם אָנלען אויף דעם ווילן פון די מאַסן, וואס איז געוואָרן אַקטיוו און שעפעריש.

„קום, לעג צו דער קאַלטער ערד דיין אויער
און הער, ווי עס שפּרינגען די קייטן פון לאַנד
פאַר דער אונטערערדישער היץ".

דער יידישער דיכטער ווערט ווי ווידערגעבוירן. ער הערט

אויף זיך קאָרטשען אין פײַנלעכע װײטאָגן. אַ נײַער און באַנײַ־טער קומט ער צו אונז.

„כ׳בין אַ רױשגעזאַנג פֿון שטורמדיקע בלוטן", — רופֿט אויס ראַוויטש אין איינער אַ ליד. פֿון די שטורמדיקע בלוטן שמידט ער אויס אַ קרעפֿטיק רויש־געזאַנג, וואָס דערהויבט אים אַליין און דערהויבט זײַנע לידער צו די לידער פֿון אונזער גליקלעך־טראַגישער צײַט.

אַליין נאָך אײַנגעזאַנצן איבם „געפֿענקעניש־מויער", אויף די הענט הענגט נאָך אַ שווערע קייט, און אין זײַן האַרץ ברויזט דער פֿרײַהייט־שטורם און דער אימפּעט פֿון די אויסגעלייזטע מאַסן:

„איך בין דער ערשטער, וואָס קומט באַגריסן די שעה
פֿון גייסט־דערוועקונג.
כ׳הויב אויף די הענט מיט די שטאָלערנע רינגען,
אַ רמז דיר, געפֿאַנגענע וועלט!
און מײַנע דורכגייסטיקע בלוטן זינגען,
אַ ליד, וואָס הויבט אויף די זון פֿון איר נאַכט,
און וועקט דעם פֿרײַהייטס־טאָג,
העכער און העכער, ליכטיקער, ליכטיקער;
און כ׳טו מיט די רינגען אַ זיכערן שלאָג,
און זיי שפּרינגען".

אַמאָל, אין די אַמאָליקע פֿרײַהייט־לידער, האָט דער ייִדישער דיכטער באַדויערט די מאַסן, געמאָנט פֿון זיי, געטאַדלט און געטייטלט דעם „אָרעמען" אַרבעטער. איצט איז דער דיכטער באַהערשט פֿון דעם אימפּעט, וואס עס פֿאַרמאָגן די מאַסן, און ער איז אַ כוואַליע נאָר אין דעם ברויזנדיקן ים, אַ רויש־געזאַנג פֿון שטורמדיקע בלוטן.

די יונגע ייִדישע דיכטער אין אוקראַינע זענען געשטאַנען אין מיט פֿון דעם רעוואָלוציאָנערן פֿלאַקער, געברענט און גע־צונדן, זיך געוואָרפֿן אין דעם שוימיקן רעוואָלוציאָנערן קעסל און אַליין צעפּלאָסן געוואָרן אין דעם ווילדן געווירבל פֿון די געשע־

ענישן. דאַן האט די דיכטונג כמעט ווי אָנגעוואוירן די יחידישע, אינטעלעקטועל־פּערזענלעכע שטריכן און געוואָרן אַן אויסדרוק פון כּללישע, קאָלעקטיווע איבערזוכן. דאס איז געווען אין די ערשטע חדשים פון דער רוסלענדישער רעוואָלוציע, ווען אַלע ווי איינער האָבן געברענט מיט דעם הייליקן פרייהייט־פייער. און ווי ד. האָפשטיין רופט אויס אין זיין ליד „פּראָצעסיע":

„היינט בין איך אַ שטיקל קלינגנדיקער קופּער". —

דאָס איז אבער געווען נאָר אַ קורצער גליקלעכער פּעריאָד. גלייך האָבן די שחיטות, פּאָגראָמען פאַרפּלייצט די יונגע פרייד און פאַרהילכט די שטורמישע געזאַנגען. די יידיש אוקראַינישע דיכטונג האָט די ביידע פּעריאָדן אויפגענומען דירעקט, אַליין אַדורכגע־מאַכט פרייד און פחד, גליק און בראָך. מלך ראַוויטש האָט זיי ביידע אויפגענומען פון אַ באַשטימטער דיסטאַנץ. ער האָט זיך פון דערווייטנס געגנומען באַהעפטן צו דעם אומקום און אויפקום. פון דערווייטנס געפילט איר קרענקלעכן, קאָנוולסיוון ציטער און זיך געריסן צו דער נייער וועלט פול גלויבן און האָפנונג. די אַלטע אָפּשטאַרבנדיקע וועלט אָבער זעט ער אין ריאַלע פאָר־מען, און די פרייהייט — אין טרוים און פאַנטאַזיע. דורך דער שוואַרצערווירקלעכקייט רייסט זיך זיין גייסט צום נייעם טאָג.

די צוויי וועלטן, די אַלטע און די נייע.

די ערשטע — אַן עקלדיקע, מיאוסע פול אַנגסט און ליידן:

„מיר אָרעם פאָלק,
מיר ליידנדיקע,
מיר פרויען, שוואַנגער, קראַנקהאַפטיק מיט רויט־צעגליטע [באַקן
בית־הקברות רויזן,
אונזערע לאַנגע צעפּ קריכן אויס פון טאָג צו טאָג,
[נאָך פאַר די יאָרן
אָ, מיר זענען יונג נאָך — דריי און צוואַנציק,

און אונזער מוטער-לייב פאַלט-אפיר פון הונגער און
פון שוואַכקייט,
און אונזערע ליידיקע ברוסטן לעכצן,
און אונזערע קינדער קרעכצן
אָן טרערן".
און די צווייטע—אַ שטראַלנדיקע יונגע, צאַפּלדיקע:
„געליבטער יתום אונזער קינד,
וועק אויף דיינע שווארצע אויגן אַ צינד,
העל פלאַטערן דיינע האָר אין דעם מערצענעם ווינט!
הייב דיך ארויף אויף דעם שטארקסטן געביי
היינט איז דער יונגסטער טאָג פון דער וויי;
ס'טאַנצט איבער דער שטאָט שוין דער יונגער ווינט.
צי אויף דאָרט די פאָן אויף דעם הויכן טורם!
זאלן די גלאָקן אויפזינגען: שטורם — — —"
אַ שוואַרצער, טונקל-גרויער פאָן:
שרעק און שגעון, קרענלעכע, ליידנפולע קאָנוואולסיע
און אַ שטראַלנדיקע, זוניקע, שטורמדיקע פרייד.
„און אויף די כוואַליעס פון פאָלקס בלוט און טרערן,
און אויף די כוואַליעס פון פאָלקס באַגערן
בין איך אַ לייכטע זעגל-שיף"...
אַ רויש געזאַנג פון שטורמדיקע בלוטן,
דאס געזאַנג פון אונזער צייט.

1922

י. י. זינגער

נישט לאַנג איז י. י. זינגער געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור און ער פאַרנעמט שוין אין דער יידישער בעלעטריסטיק זייער אַ בכבודיקן אָרט. זיינע ערשטע בעלעטריסטישע זאכן האָט י. י. זינגער פארעפנטלעכט אין די קיעווער צייטונגען און זאַמלביכער אין די יאָרן 1919—1920, אין 1922—1924 זענען ערשינען זיינע ביכער: „ערד-וויי" (אַ דראמע אין 3 בילדער), „פערל" „אויף פרעמדער ערד".

„ערד-וויי, אַ סימבאָל-דראמע פון וועלט-שרפה און וועלט-חורבן—איז געווען ביי זינגערן אַ גאָב דער צייט, דער תקופה—די רעוואָלוציע און שחיטה-יאָרן, וואס ער האָט אדורכגעמאַכט אין אוקראַינע. די דראמע שטייט און וועט מסתמא בלייבן שטיין אָן דער זייט פון י. י. זינגערס רעאַלן שאַפן. דער אָנגעצויגענער פאַטעטישער סטיל און די הילכיקע, באפליגלטע פראָזע זענען נישט כאַראקטעריסטיש פאר דעם ניכטערן און ווייניק-ראָמאַנטישן זינגער. דער פאַטאס און די וויי-געשרייען קומען אין דער דראמע מער פון אויסן, מער פון דעם ארום-און-ארום, ווי פון זינגערן גופא. זינגער לאָזט זיך נישט מיטרייסן פון פרעמדע רויש-

געזאַנגען, ער האָט אַדורכדרינגענדיקן בליק, אַ שאַרפן געהער, — אט דאָס זענען בעיקר זיינע קינסטלערישע כּלי־זיין. שאַרפע, קלאָרע בילדער, בולטע, קאַנטיקע שטריכן, ראַשיקע און אָפּגע־האַקטע באַוועגונגען, לעבעדיקע און רעליעפע געשטאַלטן, — אין אָט דער סביבה לעבט ער און אָט די סביבה באַלעבט ער, אין אָט דעם ליגן פאַרבאָרגן זיינע אייגנשאַפטן. ווען ער קומט צו שילדערן אַ מענטש, אַ פּאַסירונג, אַ סיטואַציע, גייט ער מיט זיין גאַנצן קינסטלער־באַגאַזש צום סאַמע צענטער און ווערט ווייניק וואָס פאַרלוירן אויף זייטן־וועגן. ער האָט פיינט צעפירן די שאַרפע פאַרבן אין וואַסערן און ארומרינגלען דעם עיקר מיט פיל זייטיקע פּרטים. בעלעטריסטישע באַרעדעוודיקייט און אַרומ־שרייבעכץ זענען אים פרעמד. ער צילט שטענדיק אין סאַמע פּינטל אַריין. אָבער דאָס פּינטל איז נישט שטענדיק דער מענטש גופא. קיין באַזונדערע ליבע, אינטערעס און אַכטונג צום מענטש האָט ער נישט. יעדנפאַלס צערטלט ער זיך מיט אים נישט און איז נישט גרייט אַלץ מפקיר צו זיין צוליב אים. דער מענטש איז ביי אים דער פּלעק אויפן פּאַן, דער ציל, וואוהין עס זענען געווענדט זיינע שאַרפע קינסטלער־פיילן, וואָס זענען זייער אָפט איינגעטונקען אין גיפט.

י. י. זינגער האָט פיינט אויסדערציילן וועגן זיין מענטש דאָס וואָס ער ווייסט. ער מאָלט, ער שילדערט, ער גיט שאָטנס און האַלב־שאָטנס, שטריכן און ניואַנסירונגען. זיין מענטש, זיינע פּאַסירונגען זענען אָט אויסדרוקספול און רעליעף, און אָט סי־לועטאַרטיק, פון שוואַרץ־אויף־ווייס כאַראַקטער. אָט באַווייזט ער דעם מענטש דורך און דורך, און אָט נאָר פּרטים און פראַג־מענטן. פּרטים, וואָס פאַרשטעלן דאָס אַלגעמיינע, פראַגמענטן, וואָס זענען אָפּגעטיילט פון דאָס גאַנצע. ער מאַכט דורך זיינע שילדערונגען האַסטיקע באַוועגונגען, אָבער ער רירט זיך כמעט פון אָרט נישט. ווייל דער עיקר איז ביי אים די שאַרפע, טרעפ־לעכע באַצייכענונג, די ריכטיקע, דינסטע כאַראַקטעריסטיק, און נישט סתם ספּור־המעשה. יעדער פאַקט פאַר זיך איז אינטערע־

סאַנט, און מעג ער קומען פריער אָדער שפּעטער, — אַלץ איינס איז עס. די פּאַסירונג איז פאַרבונדן מיט אַזוי פיל אינעווייניקסטע פּסיכישע איבערלעבענישן און נישט מיט אויסערלעכע צוזאַמענהאַנגען.

לייענט זיין אינטערעסאַנטע נאָוועלע „פּערל" נישט לויטן סדר, ווי די קאַפּיטלען זענען געגעבן אין בוך, נור אין וועלכער אָרדנונג איר ווילט נור, וועט איר זען, אַז די „האַנדלונג" איז לאו דווקא, — דער עיקר זענען די איינצעלנע געשילדערטע שטאַרק־כאַראַקטעריסטישע סצענקעס.

און ווי ער איז נישט וואַך און ניכטער אין זיין שילדערן, דאָך ווערט ער פאַרכאַפּט און אַריינגעצויגן אין דער שטימונג, אין דער שווער־געמיטלעכער געדיכטעניש, אין וועלכע ער פאַרפירט שטענדיק זיינע טיפּן. ער ווערט קיינמאָל נישט פאַרכלינעט און פאַרשיכורט פון מענטשלעכע „שוואַכקייטן": פון נאַטור, פון ליבע, פון מענטשלעכע באַציהונגען. ער פאַרמאָגט אַ קריטיש, אַנאַליטיש אויג, וואָס לעגט־פונאַנדער גאַנצקייטן, און די טיילן קומען אַרויס לעכערלעך, קליינלעך און נישטיק.

און ווען איר לייענט אַדורך זיינע שטאַרקערע זאַכן, גייט אַדורך אַ גרויל, אַ מורא איבער אַלע איברים און חושים פאַר דעם לעבן, וואָס ער שילדערט מיט אַזוי פיל בייזקייט און אכזריות. אומברחמנותדיק פירט ער אַדורך אין זיינע דערציילונגען מענטשן, חיות, באַציהונגען, קאָנפליקטן, און אַלץ אַזוי שאַרף, נאַקעט, רעליעף און בייז. כמעט די אַלע דערציילונגען — ווי פאַרשיידן עס איז נישט די סביבה, די מיליע, וואָס עס ווערט אין זיי געשילדערט, — האָבן צו טון מיט „שטאַרקע" מענטשן, מיט אויסטערלישע טיפּן, וואָס פאַרמאָגן פאַרקריפּלטע געפילן, מאָדנע „שוואַכקייטן", און אָט די פאַרקריפּלטע געפילן פירן זיי אַדורך מיט אַ משוגעהדיקער עקשנות און אויסגעהאַלטנקייט. י. י. זינגער „באַלעקט" זיך דערמיט, שטעלט זיך נישט אָפּ אויף האַלבן וועג און גייט־מיט מיט זיינע פאַרשוינען ביז אָפּגרונט און גרונט, — קאַלטבלוטיק, אָן אַ ברעקל מיטלייד און ציטער.

ער מאָלט אַלץ מיט קאַרגע אָבער פעסטע ווערטער און אויסדרוקן. סענטימענטן זענען אים לגמרי פרעמד, השתפכות־הנפש און השתפכות־הפעדער — אוודאי נישט. וויקלט ער אַזוי פאַנאַנדער איין עפּיזאָד נאָכן צווייטן, לאָזט זיך נישט אויף זייטיקע וועגן, נאָר שילדערט האַרט, קורץ אָפּגעהאַקט און אָפּגעטאָקט. רעליעפע, בולטע פיגורן, רעליעפע, בולטע באַוועגונגען און רעליעפע, בולטע קאָנפליקטן. האַנדלונג, דיאַלאָג, נאַטור־שילדערונג איז דערפירט ביי אים ביז אַ מינימום. העלע, בונטע, ראַשיקע פאַרבן און געגעבן געדיכט, אויף אַ אָנזעעוודיקן פאָן, און ס׳באַקומט זיך מעשה־באַרעליעף, וואָס מען קאָן אָנטאַפּן, — אַזוי ממשותדיק און קאָנקרעט איז זיין שילדערונג.

און זיינע דערציילונגען, שילדערונגען, — הגם זיי קומען פוןווירקלעכן לעבן, פון אמתדיקע פּאַסירונגען, — קומען אויס דאָך, ווי זיי וואָלטן געווען אויסער רוים און צייט. אַזוי אָפּגעטיילט זענען ביי זינגערן אַלע זייטיקע, אַרומיקע מאָמענטן און עלעמענטן, אַזוי קאַרג איז ער פון שילדערן דעם אַרום־און אַרום, אַז עס בלייבט נאָר פיגור, נאָר שילדערונג, נאָך געראַנגל פון דעם טיפּ מיט זיין קעגנער, — על־פּי־רוב אויך אַזא שאַרפער אויסגעשפּראָכענער „העלד", מיט אייגענע געוויינהייטן און אייגנשאַפטן, און זינגער באַמיט זיך אַרויסצופירן זיי ביידן איינעם קעגן דעם אַנדערן, גליט אָן מיט קורצע, שפּיציקע ווערטער און האַלב־ווערטער זייער הייס־בלוט, ביז ס׳קומט צו דעם אויסברוך, צום קאָנפליקט, וואו איינער באַזיגט לסוף דעם צווייטן, באַזיגט אים און פאַרניכטעט אים...

און אין יעדער זיינער דערציילונג זענען דאָ צוויי צענטראַלע פיגורן־געשטאַלטן, וואָס פירן לכתחלה אַ מין געמיינזאַם־לעבן, און ביסלעכווייז־ביסלעכווייז שאַרפן זיך די באַציהונגען ביז עס קומט צום אויסברוך.

אַזוי איז אין דער נאָוועלע „פּערל", אַזוי איז אין „אַלט־שטאָט", וואו פּאַביאַן רייצעס, — אָט דער מענטש מיט שאַרפע, אויסדרוקלעכע באַוועגונגען, מיט אַ שאַרפן, אויסדריקלעכן ווילן,

„באַזיגט" זײַן אַלטן פֿרײַנד זאַרעמבאַ אין די אַלע שטובֿ־חיות, און לסוף שפּילט ער אָפּ אַ קאַמף מיט זײַן קאַץ „באַלטאַזאַר", — אויך אַזאַ עקשן ווי ער, מיט שאַרפֿע, אויסדריקלעכע באַוועגונגען און מיט אַ שאַרפֿן, אויסדריקלעכן ווילן... אַזוי איז אין זײַן גרעסערער דערציילונג „בלוט", וואו שׂמחה בונם, אַ טעמפּער, פֿאַרעקשנטער נפֿש, פֿירט שווײַגנדיק אַ טעמפּן קאַמף מיט אַלע אַרומיקע און בלײַבט דאָך בײַ זײַנס... אַזוי איז אויך דער הונט „ליאָק", וואָס וויל נישט נאָכגעבן זײַן באַלעבאָס און עס ברענגט צו שאַרפֿע קאָנפֿליקטן... און די אַלע קאָנפֿליקטן זענען בלוטיקע, הייסע, אכזריותדיקע. צונויפֿשטויס פֿון ווילדע, אָבער נאַטירלעכע כּוחות, וואָס מוזן באַזיגן אָדער באַזיגט ווערן. אין דעם קאַמף, אין דער גערANGל פֿירן זיי אַרײַן זייער גאַנץ לעבן: אומברענגען, אָדער אומגעבראַכט ווערן. און זינגער, דער אומברחמנותדיקער שילדערער, גרייט־צו ביסלעכווײַז די ביידע סתּירותדיקע כּוחות־קעמפֿער און דערפֿירט זיי ביזן העכסטן גראַד, ווען זיי מוזן פּלאַצן...

אויך די אַלע אויסברוך־מאָמענטן מאָלט זינגער געמאָסטן און געוואויגן, מיט קורצע, שאַרפֿע ווערטער. אָפּטמאָל נור פֿאַרכלינעט ער זיך מיט ברוטאַלקייט, מיט ברוטאַלע בילדער און סצענעס.

„אויף פֿרעמדער ערד", אַזוי האָט י. י. זינגער אָנגערופֿן דעם צווייטן באַנד נאָוועלן. „אויף פֿרעמדער ערד" — דער נאָמען אַליין איז פֿאַר זינגערן שטאַרק כאַראַקטעריסטיש. אַלע בײַ אים לעבן ווי אין דער פֿרעמד, אויף פֿרעמדער ערד. נישטאָ קיין געמיטלעכקייט, נישטאָ אין ערגעץ קיין היימיש וואַרעם ווינקל, קיין מילדער נאָענטער מענטש, קיין אינטים, האַרציק צוזאַמענלעבן. אַ וועלט מיט מאָדנע ברואים, משונה כאַראַקטערן, אויסטערלישע אייגנשאַפֿטן, מאוסע געוואוינהייטן, אומנאָרמאַלע גלוסטונגען, ספּעציפֿישע תּענוגים, זיטנלאָזע באַציִונגען, און דאָס אַלץ לעבט און באַוועגט זיך, — קאָנטראַסטן, סתּירות, און לסוף —

תהום. און פּרובן אַמאָל אַט די פאַרשיידענע באַשעפעניש, — מענטשן און חיות, יידן און נישט יידן, מענער און פרויען, אַלט און יונג, — צו פאַרגלעטן די שאַרפקייטן, אויסצומיידן קאָנפליקטן און ווילן צוזאַמענלעבן, איז עס אַ קורצער און נישט־דויערנדער „שטילשטאַנד", וואָס ברענגט גאָר אין גיכן צו נאָך שאַרפערע און אַכזריותדיקערע צוזאַמענשטויסן. כמעט אין יעדער דערציילונג האָבן מיר אַזאַ מין „פרידלעך" צוזאַמענלעבן, און גראָד דאָ, ביי אַזאַ מין „שלום־בית", קאַרגט נישט זינגער קיין חוזק־פּרטים, בטול־פאַרבן און קאַריקאַטור־שטריכן. און איינס־צוויי — דער אָנגעצויגענער אומנאַטירלעכער, קאָמישער „שלום" פּלאַצט, אפילו דער גוטער כאַראַקטערלאָזער ב ע ר ב ר ו י ן („פּראָפ. אַרקאַדי גריצהענדלער") מיטן יעזוס־בערדל, מיט דעם ווייכן אומשולדיקן האַלז, וואָס איז גרייט זיך מקריב צו זיין, — אויך ער איז קאַפּאַבל אומצוברענגען זיין שכן. ער טוט עס נישט, און זינגער רייצט אים אָן אויפהער און וויל אים אַרויס־פירן פון זיין פעסטן גלייכגעוויכט...

און נישט נאָר מענטשן זענען ביי זינגערן אַזוי אויס־טערליש, שניידיק פאַרשפּיצט און פאַרקריפּלט. אויך די נאַטור קומט שטענדיק אויס ביי זינגערן אַ קרענקלעכע, אַ פאַרקרומטע. די זון־שטראַלן ברעכן זיך שטענדיק ביי אים דורך קרומע, פאַרשטויבטע, פאַרשמוציקטע פענסטער, נישטאָ קיין אָפן, פריי נאַטור־לעבן, נישטאָ קיין זון, לבנה, שטערן, וואַלד, פעלד, טייך און בארג פאַר זיך. זיי קומען־אויף אַלע ביי זינגערן פאַרביי־גייענדיק, אגב־אורחא. זיי שפּיגלען זיך אָפּ ווי אין אַ קרומען שפּיגל" פון זיינע „העלדן": אַ מין צוגעפּאַסטע, „צוגעשטוקעוועטע" דעקאָראַציע אין פאַרשיידענע עפּיזאָדן בעת קאָנפליקטן און צו־זאַמענשטויסונגען פון זיינע טיפּן. און אַזאַ מין אויסזען האָט ביי אים די געמאָלטע נאַטור, ער שאַפט זי „בצלם ובדמות" פון זיינע מענטשן: „אַ שווערע הייסע לופט, אָנגעפּולט מיט זון, שטויב און פליגעלעך" („אין הייסע טעג"). „די שמאָלע גאָטישע פענסטער פון די הויכע צוזאַמענגעקוועטשטע מויערן דרימלען

אַך די רוישיקע זינדיקע „וואַך=נעכט“ און קוקן אויף דע וועלט מיט ברודיק פאַרהאַנגענע ליילעכער און מיט רויטע אונטערקליידלעך“ („אַלט=שטאָט“). „דורך די קרומע פאַרשטויבטען פענסטער פון אונזער חדר אויפן פערטן שטאָק שיקט די זון אריין ברודיקע זיילן געדיכטן שטויב“ („אין חדר“). און אזעלכע שטעלן קאָן מען ברענגען נאָך און נאָך. קיינע סענטימענטן און קיינע צערעמאָניעס מאַכט ער נישט, — אָט אַזוי פאסט ער אויף די וועלט, די מענטשן, די באַציהונגען.

און מאָדנע: אין פיל פון זיינע דערציילונגען ווערן געשילדערט חיות, און דער מהלך צווישן דעם מענטש מיט „ער חיה איז ביי אים נישט ווייט, גאָרנישט ווייט: דער מענטש פארמאָגט ביי אים פיל חיהשעס, דערפאר אָבער פארמאָגט די חיה פיל מענטשלעכעס: דער מענטש איז דער חיה נאָענט. זי שפירט אים, פאָלגט נאָך זיינע משונה=ווילדע קאַפריזן, אָבער לסוף ביים סאמע סוף, ווען עס ברעכט אויס צווישן זיי אַ שווערער געראַנגל, דערוועקן זיך אין דער חיה באַהאַלטענע כוחות און זי גייט ארויס אַ זיגערין. אזוי איז אין „אַלט=שטאָט“ (די קאַץ מיט פאַביאַן) און אין „ליוק“ (דער הונט מיט דעם גענעראַל).

זינגער איז אָריגינעל אין זיין אויפפאַסונג, אָריגינעל מיט זיינע טעמען, און דער עיקר — ער איז א קינסטלער, אַ מייסטער אַ קינסטלער. שען און גלענצנד איז געבויט יעדע דערציילונג, און אָן באַנאַלע שאַבלאָנע שטריכן און פאַרבן.

און מיט אזעלכע גלענצנדע מיטלען, מיט אַזא שילדערונגען־קראַפט קאָן און דאַרף י. י. זינגער ארויס אויף ברייטע וועגן פון ברייטן יידישן לעבן. און דאַן — מיט ווייניקער אכזריות און בייזקייט און מיט מער ליבע, פארשטאנד און מיטלייד צו מענטשן, — צו זייער קאמף און לעבן, צו זייערעליידן און פריידן.

1925

פרץ מארקיש

א

„איך אליין — אַ פולע כמאַרע"

די יונגע יידישע דיכטונג אין אוקראינע איז דער העלער, בונטער פלאַקער אין די ערשטע פּאָר יאָר פון דער גרויסער רוס־לענדישער רעוואָלוציע.

דער רעוואָלוציאָנערער דראַנג, די פּאָליטישע אויפוואַכונג, די גרויסע האָפנונגען, די באַגייסטערטע ווירקלעכקייט, — דאָס אַלץ האָט אויפגערודערט דאָס האַרץ פונם יונגן יידישן דיכטער. דאָס יידישע לעבן איז געווען פאַרשכורט פון די פלוצלינגדיקע, אומדערוואַרטעטע נצחונות, אַלע הערצער זענען געווען פול מיט פרייד און באַגייסטערונג. באַגייסטערטע און מונטערע האָבן אַלע מיטגעלעבט דעם אַלגעמיינעם יום־טוב־לעבן.

איינער נאָך איינעם באַווייזן זיך דיכטער מיט שטראַלנ־דיקע נשמות, מיט אויפגעפלאַקערטע הערצער, פול גבורה און אימפּעט, פול יום־טוב און פרייד. אשר שוואַרצמאַן, ד. האָפשטיין, פּ. מאַרקיש, ב. שטיימאַן, נ. אויסלענדער און נאָך און נאָך, — זיי־

אַלע זענען קינדער פון דעם רעוואָלוציאָנערן אימפּעט, פון דעם ברייט-פאַרמעסטן-זיך אויף ניי לעבן, אויף נייער וועלט. זיי זענען גענווען פריי פון די אַלטע סענטימענטאַלע נאַטור-שילדערונגען, נישט געוואָלט וויסן פון דעם פאַרצווייפעלטן, אָפּהענטיקן קלאָגן זיך אויף טעג און יאָרן, וואָס ציען זיך אָן צוועק און אינהאַלט. נישט געווען ביי זיי קיין ווייכהאַרציקע התפּעלות פאַר ליבע און נאַטור, זיי זענען געקומען מיט אַ אינערלעכער עשירות מיט ווילן און גלויבן אין זיך, אין דעם נייעם לעבן, וואָס קומט אָן.

ביי דער גרויסער פייערלעכער באַגייסטערונג, וואָס האָט ארומגעכאַפּט די הערצער פון די הונדערטער טויזנטער, זענען די יונגע דיכטער געווען די אמתע מיטשאַפער, די עכטע באַזינגער פון די גרויסע האָפנונגען און ווייטע פּערספּעקטיוון, וועלכע האָבן זיך אויפגעעפנט פאַר די יידישע מאַסן. אשר שוואַרצמאַנס לידער, ל. קוויטקאָס „טריט“ און זיין פּאָעמע „דער רויטער וואָר“, פּ. מאַרקישעס „שוועלן“, „פּוסט און פּאַס“, ד. האָפשטיינס — „ביי וועגן“ און „רויטע בליטן“ און די פאַרשיידענע לידער פון די יונגערע און יונגסטע, וואָס זענען צעוואָרפן אין דער רעוואָלוציאָנערער טאָג-פּרעסע און פאַרטיי-אויסגאַבן, — זיי אַלע זענען דער אָפּקלאַנג פון דעם שטורם-און דראַנג-פּעריאָד, וואָס דאָס יידישע אויפגעוואַכטע לעבן האָט איבערגעלעבט די ערשטע צוויי יאָר פון דער גרויסער רוסלענדישער רעוואָלוציע. שטאָלצע און דרייסטע, זיכערע און גלויביקע קומען זיי צו אונז. אין זייערע ווערק פילט זיך קוועלנדיקע קראַפט, דאָס פאַרטיפטע, גליקלעכע געפיל פון דעם נייעם לעבן, פּאַטאָס און אימפּעטפולער אויסגעשריי. און ביי דער העלער און גליקליכער שיין קומען זיי נישט ווי נעבעכדיקע, קבצנותדיקע בעטלער, מיט יראת-הכבוד און ציטער פאַר די גרויסע וועלט-געשעענישן. זיי קומען מיט הילכיקע, דרייסטע שטימען, גלייכבאַרעכטיקטע און זיכערע, מיט פאַרשייטער העזה און באַפעלערישן שטאָלץ.

שוין אין דעם מאָטאָ צו זיין ערשטן בוך לידער „שוועלן", וואס איז ארויס אין קיעוו אָנהויב 1919, זאָגט פ. מאַרקיש:

„איך זעגן זיך מיט דיר,
פארגייענדיקע צייט,
איך קאָן דיך נישט, פארגאַנגענהייט,
איר קערט נישט מיר, —
איך האָב זיך אייך געחלומט!...
און דו ווער ביסט, מיין צוקונפט,
פארוואקסענע אין גרויע האָר?
כ׳געהער נישט דיר,
דו חלומסט זיך מיר נאָר!
כ׳בין דיינער, „נישטיקער אַצינד"
בלינד!
און בלינדערהייט כ׳בין רייך!
מיר שטארבן ביידע גלייך,
און ווערן גלייך געבוירן!...."

אינגאַנצן פריי פון ירושה, קיין עול פון פריערדיקע, פון פארגאַנגענע. דער היינט פארשטעלט דעם נעכטן און פאר־הילט דעם מאָרגן. מאַרקיש איז אינגאַנצן פארכאַפּט פון דעם אימפּעט און חיות, קראַפט און פרייד, וואס שטראָמט אַרויס פון זיין גאַנץ וועזן.

„כ׳בין קיינעמס נישט, כ׳בין הפקר.
אָן אַן אָנהויב, אָן אַ סוף..."

פון וואַנען האָט געקאָנט געניסן דער נייער יידישער דיכטער? אונזער יידישע דיכטונג איז ביז דער לעצטער צייט געווען ביז גאָר אָפּגעשטאַנען, הן לויט איר אינהאַלט, הן לויט איר פאָרם. אין דער צייט, וואס אונזער פּראָזע האָט שוין פאר־מאָגט מענדעלען, שלום־עליכמען, פּרצן, אַשן, בערגעלסאָנען, אין דער צייט, וואס די פּראָזע האָט שוין דערגרייכט צו אייגנאַרטיקע פאָרמען און געשאַפן מוסטערהאַפטע, אמת־קלאַסישע ווערק, איז אונזער פּאָעזיע געווען שטארק אָפּגעשטאַנען, און זיך געהאַלטן

ביי פרימיטיוו-פארעלטערטע סאָציאַלע מאָטיוון, און איינטאָניק-באשרענקטע לירישע געזאנגען און נאַטור-שילדערונגען.

די פריערדיקע יידישע דיכטונג, אַחוץ אייניקע אויסנאמען, האָט געהאַט צו טון מיט ערשטע אוממיטלבאַרע איינדרוקן, וואס ווערן ארויסגערופן ביי דער ערשטער באַרירונג מיט דער אַרומיקער וועלט, און אָט די ערשטע אייגדרוקן זענען אויף פארשיידענע אופנים, מיט פארשיידענע נסחאות וואריאירט געוואָרן ביי אונזערע דיכטער. קיין גאַנצע דיכטונג-וועלט מיט אַ טיפן, ראַפינירט-אינדיווידועלן אינהאַלט, פונקט ווי עס איז שוין געשאפן געוואָרן אַ קונסט-וועלט ביי אונזערע פּראָזאיקער, האבן מיר נישט געהאַט. די יונגע יידישע פּאָעטן אין אוקראַינע, צוזאמען מיט דער יונגער יידישער פּאָעזיע אין אַמעריקע (מאני לייב, זישא לאַנדוי, ה. לייוויק, מ. ל. האַלפערין, י. י. שווארץ א. א.) שיידן זיך להלוטין אָפּ פון דער עלטערער יידישער פּאָעזיע דערמיט, וואס זיי רעאַגירן נישט סתם אויף אויסערלעכע פּאסירונגען, פיקסירן נישט אין זייערע לידער סתם אויסערלעכע געשעענישן. זייערע לידער שטרעבן צו זיין דער סך-הכל, דער אָפּקלאנג פון פאַרטיפטע איבערלעבונגען, דיכטערישער תמצית פון אינערלעכן פרייד און לייד, וואס איז אויסגעטראָגן אינם האַרץ און נשמה פונם דיכטער. די נאַציאָנאלע מאָטיוון, די עקסיסטענץ-פראַגע פונם יידישן פאָלק, דאס אויסערלעכע סאָציאלע אומרעכט, די אוממיטלבאַרע התפעלות און איינדרוקן פון נאטור, — דאס אַלץ וואס האט פארנומען אַזוי שטארק דעם פריערדיקן יידישן דיכטער, האָט דער שעפעריש-פארטיפטער און ראַפינירט-אינדיווידועלער נייער יידישער דיכטער שוין לאַנג אין זיך גובר געווען. די עלעמענטן פון באגייסטערונג און פאר-צווייפלונג, פון גלויבן און לייקענען זענען דורך אים סוביעק-טיווירט געוואָרן, געווארן מער פסיכישע, מער מענטשלעכע. דער נייער יידישער דיכטער האָט באקעמפט און באהערשט די לעבנספראגן, זיי געוועלטיקן נישט איבער אים, זיי האָבן אויפ-געהערט צו זיין דער גאנצער אינהאַלט פון זיין דיכטעריש

ווען, די לעבנספראגן זענען פאר אים נישט מער ווי רייצונגס־שטאָף, ווי שאפונגס־מאַטעריאל, וואס ווערט צעפלאָסן. אלץ ליגט אינם דיכטער גופא: דער שווארצער טייוול און דער שניי־ווייסער מלאך, דער איוב, וואס ווייטאָקט פון אייגענע וואונדן און פלאָגן, און דער יונה, וואס אנטלויפט פון אייגענער נבואה.

אָפטמאָל זענען די קינסטלערישע תבועות גרעסער פון די קינסטלערישע מעגלעכקייטן, די אינטויטיווע שפע שטייגט אריבער די שאפונגס־פאָרמען. מיר פילן אין די לידער גרויסע אָנ־שטרענגונגען, מיר שפירן די נשמה פונם יונגן דיכטער, וואָס צאפלט און פלאַטערט אַ פאַרווייטאָקטע און פארקלעמטע אין די צו־ענגע ראמען, אין דער קלעם פון די באַגרענעצטע קונסט־פארמען.

פרץ מאַרקיש איז אין דעם זין דער כאַראַקטעריסטיש־סטער צווישן די יונגע דיכטער.

אין דעם דראַנג אויסצעלאָדן זיין אינערלעכע שפע, אין דעם ווילן אויסצודריקן דעם אימפעטפולן גייסט, וואס באַהערשט אים, ווייסט ער נישט פון קיינע גרענעצן און קיינע מחיצות.

„מיין גוף איז שטום,
און ס׳שמעקט פון אים מיט ווינט;
מיין נאָמען איז „אַציגנד“...
צעווארף איך מיינע הענט,
דערלאַנגען זיי די וועלט פון איין עק ביזן צווייטן,
די אויגן כ׳לאָז געווענדט,
פארטרינקען זיי די וועלט פון אונטן ביז אַרויף!“

דאָס חיות פאַרפלייצט די ברעגן. מארקיש רוט קיין מינוט נישט, זיין באַוועגלעכקייט שווינדלט ממש אין די אויגן. ער רייסט זיך אָן אויפהער אינם חלל פון לעבן, וואַרפט זיך מיט אימפעט, שוועבט מיט ראַשיקע שריט און הילכיקן אויס־געשריי.

„שטיי איך אויף צום אַלעמערשטן,
און איך גיב דעם טאָג אַ מונטער

מיט אַ פייף, ווי פון אַ קוימען,
און פאַרגיי זיך אָן אַ סוף".

און ע ר און די וועלט? און ווער פון זיי איז רייכער, פילפאַרביקער און טיפער?

„רייסט זיך פרישקייט מיר אין האַרץ,
און עס טראָגט מיך ערגעץ אום,
נעם איך אָן אַ האַרץ פרימאָרגן,
און אַ הימל הע̄ל איך שלינג איין".

ער איז דער אָנהויב און סוף, ער איז דער צענטער, און אַלץ אַרום איז נכנע און משועבד צו אים, צו זיין האַרץ און געפיל. עס רייסט זיך ביי אים אַמאָל ארויס אזא אָריגינעלער אויסרוף:

„איך גיי אַ שלאַקסרעגן אַראָפּ
אויף זיך אליין".

אָדער:

„גיט אַ כמאַרע ווילד אַ שווועב אָן,
פרישט זי אָפּ מיך מיט אַ רעגן,
צוואָגט מיך אויס מיט לייב און לעבן
מיך און פעלד און גראָז און וועגן..."

און דאָס ליד ענדיקט זיך:

„איך אליין — אַ פולע כמאַרע!"

אומעטום, כמעט אין אַלע זיינע לידער, אַחוץ אין זיין ציקל „וואָלין", פיגורירט ער אליין, ע ר און די גאַנצע וועלט, ע ר און די גאַנצע ארומיקייט. אַלץ שפּיגלט זיך אין אים, אַלץ ראַנגלט זיך אין זיין האַרץ און נשמה. ער קוקט נישט פון דער זייט, ווי אַ באַאָבאַכטער, ער שילדערט נישט די נאַטור די וועלט, די טעג און נעכט מיט רויקע פאַרבן און שטריכן. ער קאַן קיין איין רגע נישט אויסטיילן זיך פון דעם ארומיקן, אַלץ איז פאַרבונדן, פאַרוועבט אין אים, אין זיין ברויזנ־דיקן וועזן. האָט ער דעריבער קיין מעגלעכקייט נישט רויק און אָביעקטיוו צו שילדערן און מאָלן. ער באַנעמט אַלץ אין

ביבליאָטעק

דעם באוועגלעכן, פליסנדיקן צושטאנד, ווי עס ברויזט אין זיין כאַאָטישן גייסט. עס איז שווער אָפּצוטיילן אים פון זיין שאַכן. ער איז ווי פארפלאָנטערט אין דעם אומויפהערלעכן שטראמען פון זיין שעפערישן גייסט, וואס פארפלייצט, פארשלינגט אלע ברעגן פון זיין „איך". אין דעם אומויפהערלעכן שטראָמען ווערן ביי מארקישן פארגאסן מחיצות און ברעגן, און גאָר אָפּט ווערט ביי אים אין זייגע לידער אַ מין געווירבל, וואו אַלץ איז פארכאַפּט אין אַ טייוולשן געדריי, און אינם ווילדן געמיש פאַרלירט זיך אַלץ און עס פארבלייבט נאר דער געטומל, דאָס געלויפעריי, דער כאַאָס...

אין אָט דעם געטומל, כאאָס לעבט ער, לעבט ער אויף, פרץ מארקיש. ער האָט פיינט שטילקייט, רועו, האַרמאַניע. זיי ווארגן אים. ער האָט מורא צו פארבלייבן מיט זיי. און זייער כאַראַקטעריסטיש איז פאר אים דאס ליד, וואו ער דערציילט: „קומט צו מיר פארנאכט א שאף אין שטילן טרויער, זוכן מיך אין צימער, צי כ'בין דאָ... די פענצטער ווערן בלוי און בלויער, דער צימער ווייט, און פול, און גרויס... איך טו זיך באַרפיס אויס, איך זאל אליין ניט הערן, צי איך גיי... איך עפן אויף די אויגן מיטאַמאָל, און מיט אַ שטיק פארנאַכט פארקלעפ איך זיי און זאָג דער שאָף, דער שטומער: — טרויער, כ'בין ניטאָ!... כ'פארדוק זיך אין א ווינקל צווישן ווענט, כ'באהאלט די הענט... און שפיר. זי גייט פון אומעטום מיר לאַנגזאַם נאָך, זי זוכט, זי טאַפּט דאָס פינצטערניש און טרעפט אין מיין געזיכט... און נעמט מיר שטום מיין האלז ארום און פאלן לאָזט איך קאָפּ צו מיר אויף ברוסט. מיט האַרץ זאָל איך זי שטיל פארזויגן... איך ווער פאַרצויגן... איך שטעל זיך אויף און בויג זיך איין און צו דער וואַנט איך דריק זיך צו און ווי אַ ווארגנדיקער דריי איך מיט די אויגן: טרויער, כ'בין נישטאָ!..."

און פונקט ווי ער אַליין איז שטענדיק באוועגלעך, פליסנדיק, אַזוי שטראָמענדיק און פליסנדיק קומט אַרויס ביי אים די נאַטור. ער שילדערט זי אייגנאַרטיק, קרעפטיק, ליידנשאַפטלעך.

זי אָטעמט ווי אַ גרויסע חיה, פול לעבן און באַגער, פול חיות און נייגיר. די נאַטור קומט אַרויס גאָר אַ נייע. אַזוי האָט מען די נאַטור ביי אונז קיינמאָל נישט געזען און געשילדערט. זי האָט ביי אים אינגאַנצן אָנגעווירן דעם רויִק־געמיטלעכן, צוויבערנדיק־עלעגישן כאַראַקטער, און קומט אַרויס אַ גרויסע, ווילדע, שטורעמדיקע. אין זיינע ביכער זענען צעוואָרפן שטאַרק־אָריגינעלע, הגם ביז גאָר צעשויבערטע נאַטור־בילדער, און נאָר זעלטן זענען זיי רויִק און עס רוט אויף זיי אַ שטילקייט.

און אין דעם זין זענען זיינע לידער פונם ציקל „וואָלין", וואָס קומען אין זיינעביידע ביכער „שוועלן" און „פוסט און פּאַס", אַן אויסנאַם פאַר אים. מיט זאַפטיקע, קרעפטיקע, רויִקע פאַרבן שילדערט ער „וואָלין". דאָ איז ער אָביעקטיוו, קוקט פון דער זייט און שפּרייט פאַנאַנדער קערנדיקע בילדער פון דעם בונטן, פילפאַרביקן, באַהאַרציקטן וואָלין. אויך דאָ, אין די רויִקע בילדער, איז דאָ אַן איבערפליסנדיקע עשירות פון חיות, קראַפט און אימפּעט. אָט די זאַטע, זאַפטיקע עשירות, אָט די ברייטע האַנט און דאָס פולע האַרץ פונם קינסטלער לאָזט זיך פילן אויף יעדן בילד. עס טריפט מיט רחבות, מיט אָנגעלאָדענע אוצרות און דערמאָנט מיטן קאָלאָריט אָן די זאַפטיקע, קרעפטיק־שטייפע וואָלינישע בילדער פון ח. נ. ביאַליק...

פרץ מאַרקיש איז נישט בכח צו געוועלטיקן איבער זיינע געפילן און איינדרוקן, וואָס ווערן געבוירן ראַשיקע און האַסטיקע. זיינע לידער קומען צו אונז פונם נעפל און כאַאָס פון זיינע איבערלעבונגען, ער ווייסט נישט ווי איינצוצוימען זיי, און זיי קומען אַרויס רויע, ווילדע, ברויזנדיקע. דער עיקר האָט זיך עס געלאָזט פילן אין די לידער־זאַמלונגען „אינמיטן" און אַנ־דערע, וואָס ער האָט לעצטנס אין רוסלאַנד אַרויסגעלאָזט. צו־פיל ברויזנדיקער כאַאָס, צופיל היסטערישער אויסגעשריי, צופיל פיבערדיקער פלאַנטער. די אינטויִטיווע שפּע, די איינדרוקן און געפילן זענען שטאַרקער פון זיין שאַפונגס־קראַפט, זיי פאַר־כאַפּן אים און יאָגן איבער זיינע קינסטלערישע מעגלעכקייטן.

ער לעבט אָן אויהער אין אן אטמאָספערע, פון צערייצטע און אויפגערעגטע געשעענישן, ווילן און געפילן און ער איז נישט ביכולת צו באַהערשן און פאַרהאַרטעווען זיי".

1921

ב

א „זיי־געזונט"

פרץ מאַרקיש איז אָפּגעפאָרן פון פוילן, און גאַנץ מעגלעך — אויף אַ לענגערער צייט.

אין פלוג וואלט עס פאר אים ווי אויך פאר אונז דאָ באַדאַרפט זיין פון די לייכטע זאכן: איז ער דען באמת געווען אַזוי פאַרוואָרצלט דאָ אין פוילן, אז דאָס אויסרייסן זיך פון דעם היגן באָדן זאל זיין פאר אים שווער? און איז דען זיין דיכטערישע און ליטעראַרישע ארבעט און השפעה געווען דאָ אזא פעסטע, נאַטירלעכע, נויטווענדיקע, אז זיין אָפּפאָר זאָל זיך גלייך לאָזן פילן?

דאס זענען די פראַגן, וועלכע איך האָב זיך געשטעלט, ווען איך האָב אים באַגלייט אין וועג.

אָבער געגוג אדורכצופירן אין זכרון די לעצטע עטלעכע יאָרן פון אונזער שאַפן אין פוילן, גענוג ארויפצוברענגען אויפן געדאַנק פראגן, פּראָבלעמען, ויכוחים,ליידנשאַפטן, וועלכע האָבן גערעגט, גערייצט די לעצטע 5 יאָר אונזער ליטעראַרישע וועלט, גענוג אויך אַ ביסל פארטיפן זיך אין דעם דיכטערישן מהות פון פרץ מאַרקיש, ווי ס׳ווערט באַלד קלאָר, וואס פרץ מארקיש איז געווען פאר דעם יידישן ליטעראַרישן פוילן, און וואס פוילן איז געוואָרן פאר מאַרקישן.

ביז זיין קומען קיין פוילן האָט מען דאָ געהאט נור גרוסן פון דער נייער דרייסטער, פּאָלבלוטיקער, רעוואָלוציאָנערער יידישער דיכטונג אין אוקראַינע. מיט פרץ מארקישן איז

די דיכטונג גופא אהער געקומען. דאס שטייענדיקע וואסער פון דער יידישער ליטעראטור אין פוילן האט דאן אדאנק פרץ מארקישן זיך אריס געטון פון אָרט. ער האט אויפגערודערט דאָס ליטעראַרישע לעבן. באגריפן, אמתן, הנחות וועגן מענטשן און ליטעראטור-דערשיינונגען זענען אדאנק אים אָפּגעבלאקעוועט געוואָרן, און יונגע אומרייפע דיכטער זענען רייף, צייטיק און פארשטייפט געוואָרן.

דאָס זענען נישט סתם ווערטער און שבחים. בלעטערט מען אַדורך-צייטונגען, צייטשריפטן, זאַמלונגען פון די ערשטע פּאָר יאָר פון מאַרקישעס קומען אַהער, וועט מען זען וויפיל בייז-בלוט, וויפל אומאַנגענעמלעכקייטן ער האָט פאַרשאַפן די רוהיקע געמיטער, די בירגערלעכע שומרים פון „האַרמאָניע", און אויך וויפיל פרישקייט, אויפברויז, „חוצפה", „שקאָצישקייט" ער האָט אַריינגעבראַכט אין אונזער היגער שאַפונגס-וועלט.

זיין יעדער אויפטריט אין וואַרשע און אין די פאַר-שיידנסטע גרעסערע און קלענערע שטעט און שטעטלעך האָט פאַראינטריגירט און פאַראינטערעסירט. באַגלייך מיט זיין פּאַטאָס, מיט וועלכן ער האָט אָנגעשטעקט זיין טרייען און אויפמערק-זאַמען צוהערער, איז אין יעדער רעפעראַט געווען פיל אָנרעגנ-דיקע געדאַנקען און פראַגן און פראָבלעמען, אַוועקגעשטעלט אויף אַן אייגנאַרטיקן ליידנשאַפטלעכן שטייגער. אזוי זענען אויך געווען זיינע ליידנשאַפטלעכע אַרטיקלען אין די פעריאָדישע אויסגאַבן און אַלמאַנאַכן. פרץ מאַרקיש האָט באַוויזן גלייך פון אָנהייב אָן צו באַצווינגען נישט נור דעם געוויינלעכן לעזער, נור אויך דעם שרייבער, דעם קינסטלער, דעם בעסערן יידישן אינטעליגענט. מען האָט געקאָנט נישט מסכים זיין מיט פיל פרטים פון זיין אויפפאַסונג פון דער אָדער יענער דערשיינונג, מען האָט געקענט זיין נישט צופרידן מיט דער מאַניר און אַרט שרייבן, אָבער יעדער אַרטיקל זיינער האָט „גענומען", גערירט, געוועקט געדאַנקען, אַסאָציאַציעס, ליידנשאַפט. פון די אַלע רעפעראַטן און אַרטיקלען די לעצטע יאָרן אין פוילן זענען

מאַרקישעס בלי ספק די סאַמע בונטע, ראשיקע און גייסטרייכע, מיט זייערע אַלע איבערטרייבענישן, כפל־דברים און כאַאָטישקייט.

אזוי אָדער אַנדערש האָבן זיך אין זיינע אַרויסטרעטונגען אָפּגעשפּיגלט די וויכטיקסטע ליטעראַטור־ערשיינונגען פון די לעצטע יאָרן. מאַרקיש האָט די פּראָבלעמען אויף זיין אייגענעם מאַרקיש־שטייגער אויפגענומען און באַהאַנדלט. ער האָט אריינגעטריפט לעבן אין סתם־פראגן, צעשויבערט גלאַט־פּראָבלעמען, און שטארק פארברייטערט דעם קרייז פון הערער און לייענער פון יידישן וואָרט.

זיין וואכזאַמקייט און עמפינדלעכקייט איז זייער מערקווירדיק. ער האָט אין זיך דעם שטענדיקן יום־טוב, דעם פּאַטאָס, דאס הויכע באַפליגלטע וואָרט, וואס צינדט אָן, וואס צעפלאַקערט.

מארקיש איז נישט גנק־מען אַהער קיין פארטיקער, צייטיקער און פארענדיקטער. ער האָט נישט געשניטן קיין פּאַרטיקע קופּאָנעס פון זיינע גרייטע רענטעס. ער איז פאר אונזערע אויגן דאָ געוואַקסן, און אין פּראָצעס פון וואַקסן זיך געענדערט, זיך אַנטוויקלט און אַלץ מער און ברייטער פאנאַנדערגעשפּרייט זיינע פליגל־ווערטער, זיינע פליגל־געדאַנקען. גייט אזוי פּאַמעלעך אדורך דורך זיינע ווערק, וואס ער האט געשאַפן די לעצטע יאָרן, פארהאַלט זיך אַביסל אויף זיין דיכטונג און געדאַנקענוועג, וועט איר טרעפן די שטאַפּלען, די מדרגות, אויף וועלכע ער האָט געשטיגן. ער, דער שקאָץ, דער חוצפּהניק, הייבט אָן וואס־ווייטער אַלץ־מער צו פילן דעם אחריות אויף זיינע יונגע, יונגלשע ברייטע פּלייצעס פאר דעם יידישן שאַפן. אפילו זיין געזיכטס־שטריכן זענען איצט געווארן מענלעכער, ערנסטער. און פּאַרפאַלן — מיט דער לייכטער האַנט פון בטול־מענטשן און סתם־אָפּגעפּאָרענע, וועמען פרץ מארקיש האט ווי קיינער נישט ביז אים אריינגעזאָגט, וועט איר שוין מארקישן נישט אַוועקמאַכן.

אין זיין שרייבן און אין זיין רעדן איז ער שטענדיק סוביעקטיוו, אָפּטמאל — אפילו עגאָצענטריש. אבער עס איז נישט

די גלאַטינקע פאַרליבטקייט אין זיך, דאָס צערטלען און גלעטן דעם אייגענעם נפֿשל און גופֿל. ער פאַרוואַרפֿט שטענדיק זיינע הענט אין געזעלשאַפֿטלעכע ברייטקייטן; געזעלשאַפֿטלעכע פֿראַגן און טענדענצן זענען שטענדיק געווען דער הויפּט-אימפּולס אין זיין שטאַרק סוביעקטיוון שאַפֿן. אויף אַן אייגנאַרטיקן שטייגער האָט ער זיי אַדורכגעבראַכן אין זיין אויפגעברויזט האַרץ, און זיי ווערן גלייך הילכיקע אָפּקלאַנגען פֿון אויפגערודערטע קעמפֿנדיקע כּוחות.

אין לויף פֿון עטלעכע יאָר איז ער דאָ צווישן אונז געווען דער וואַכזאַמסטער, עמפּינדלעכסטער, ליידנשאַפֿטלעכסטער. ער איז געווען דער אָנגעלייגטער געראָטענער בן-זקונים פֿון דעם יידישן ליטעראַרישן פּוילן. האָט ער זיך דעריבער אַמאָל פֿאַרגינען זיך אויך אַ פּיעשטשע טון, אָבער מ'האָט עס אים ווילנדיק-נישט-ווילנדיק מוחל געווען.

פּרץ מאַרקיש איז איצט געפֿאָרן אַהין, פֿון וואַנעט ער האָט אַ לענגערע צייט זיין יניקה און פּאַטאָס געצויגן. די לעצטע יאָרן האָבן זיך צווישן די דאָרטיקע אָפֿיציעלע ליטעראַטור-קרייזן און פּרץ מאַרקישן געשאַפֿן סכסוכים, מיספֿאַרשטענדענישן. ס'איז געווען אַ קורס צו נישט צו מאַכן מאַרקישן. אָבער גראָד איז דער אינטערעס און ליבע צו אים ביי די יונגע רוסלענדישע דיכטער און לעזער שטאַרק געוואַקסן, און זיי וועלן אים געוויס פריידיק און האַרציק אויפנעמען.

ער האָט דאָרט אויך נאָך אַ וויכטיקע מיסיע. דערציילן וועגן אונזער לעבן און שאַפֿן, וועגן אונזערע אַרבעטן אין עט־עבונגען, אַביסל דערנעענטערן די דערווייטערנדיקע הערצער און יידישע דיכטער אין קולטור-טוער דאָ און דאָרט.

1926

איזי כאַריק

„אויף דער ערד״, לידער 1926

ס׳איז זייער אָנגענעם נאָך די אַלע שמועסן, חקירות און פּראָזן וועגן דער נייער יידישער דיכטונג אין ראַטנפאַרבאַנד זיך צו באַקענען דירעקט מיט אַ דיכטער, וואָס גייט אויף דער ערד און איז האַרט ביי דער ערד.

דאָס גאַנצע ביכל לידער פון אָט דעם יונגן דיכטער (דרוקט זיך קוים צוויי יאָר) איז אַדורכגעדרונגען מיט אַן ער־לעכער און אויפריכטיקער איינפאַכקייט, וואָס רירט און אימ־פּאָנירט. איינפאַכקייט און פּשטות, וואָס קומט פון טיפן גלויבן און אמתדיקן פּאַטאָס.

ס׳איז גוט און אַנגענעם צו הערן אָט די אינמיטע, האַר־ציקע קלאַנגען פון ראַטנפאַרבאַנד. וואו ס׳זענען לעצטנס געווען נאָר לאָזונגס־דיכטער, וועלכע האָבן געהאַלטן אין איין פאַרהערן זיך מיט די הילכיקע געשרייען פון דער ברויזנדיקער צייט, און וועלכע האָבן אויף באַרג און באַשטעלונג געהאַלטן אין איין דונערן מיט שלאָג־ווערטער און מיט קולות וברקים. און אָט: צווישן דעם רוישיק־ראַשיקן שאַלן־קנאַלן פון דער דאָרטיקער קאַמפּס־דיכטונג קומט איצט איזי כאַריק און זינגט אַרויס איי־

גענע האַרציקע געזאַנגען פון זיך, פון זיין שטוב און היים, פון זיין טאַטע־מאַמע און ברודער, פון זיין שטאָט און געסעלעך אין די אַלע געזאַנגען פילן מיר רירנדיקע ליבע און פאַרליבט־קייט, אינטימע אײַנדריקן און איבערלעבענישן.

ס'האָט שוין ווער געשריבן, אַז איזי כאַריק טראָגט אַריין אין דער איצטיקער יידישער סאָוועטישער דיכטונג רייזעניש־מאָטיוון. ס'איז גאַנץ ריכטיק: די זעלבע באַהאַרציקטע טענער און פאָלקסטימלעכע פשטות, דער זעלבער לייכטער הומאָר און מיט־געפיל צו אַלץ אַרומיקעס.

אין ביכל זענען אויך דאָ לידער מיט טיפע קריצן פון דער אומרו־צייט, דאָ און דאָרט האָבן מיר שורות, אָנגעזאַפּט מיט אויפשטאַנד, קריג, רעוואָלוציע און קאַמף, אָבער זיי זענען נישט דער עיקר אין כאַריקס דיכטונג. ס'איז נישט דער הויפּט־מקור פון זיין שאַפן. די אומרו־טעג, דער שווערער געראַנגל, די בלוטיקע געשעענישן זענען ביי אים ווי א אדורכגעלעבטע תקופה, און ער נעמט אויף נאָר פרייד, יום־טוב, רו פון יום־טוב. אמאָל האָט ער אפשר געזאָטלט אויף זאָטלען פון אומרו, געווען אין שפּאַן פון קריג, אָבער עס איז שוין פאַרגאַנגענהייט. ליב איז אים איצט דער איבערבראָך, דער פרידן.

„וואַקסן יאָרן, גייען אויף און פאַרגייען.
פאָכן פאָרכטיק פון גליק און פון פרייד,
דערמאָן איך זיך ברודערשע ווייען
אויף גאַסן פון גליקלעכן טויט". (ז. 27)

שפּאַנט ער איצט אַרום ווי אַ אָנגעלייגטער מוזיניק אין דער ליטעראַרישער משפחה, מיט אַ כתובת־פּסים אויף די צאַרטע פּלייצעס, צופרידן און גליקלעך, מיט אויפגעלייגטע און מונטערע געפילן.

אמת, ער דערציילט אין זיין ערשטן ליד:

„מיין יוגנט האָט קיינער אין זייד נישט געוויקלט,
אַ צאַרטע האַנט האָט מיינע זאָ' נישט געקרייזלט"...
(ז. 3)

ער איז געוואַקסן „אין ענגע און הילצערנע הייזלעך" און „אין וויג נאָך, אין שטרענגער און האַרטער" פּלעגט ער הערן, ווי זיין טאַטע „זינגט שוין אין פרישן פאַרטאָג" און געוועזן: ווי אַ פלינקער פויגל „פליט און פאַלט טאַטנס האַמער, פאַלן, און צאַפּלט צווישן די קני", און „אין פאַרפעכיקטע אַרבל קוקט דער טאַטע פאַרקלערט אויף מיין וויג"... אָבער אָט די ערינערונגען קרעפּטיקן און מונטערן אים, און ער זאָגט:

„איצט וואַקס איך אַ פראָסטער און פעסטער,
מיט טאַטנס צוויי קרעפּטיקע הענט,
און אין היינטיקן אויסרוף אין העכסטן
כ'האָב דאָס ליד פון מיין טאַטן דערקענט"... (ז. 3)

נעמט ער אויף אַלץ ארום זיך גליקלעך און קרעפּטיק און באַזינגט אַלץ פריידיק און ליכטיק.

אַ העלער שיין רוט אויף די לידער. העל, ווייס שיינענדיקע העלקייט.

„איך וואַרף אַריין מיין האַנט אין אָפּגעברענטן נעכטן
און נעכטן קומט ארויף און העלט אויף, ווי אַ נס..." (ז. 31)

דער נעכטן, דער אַמאָל, די פאַרגאַנגענהייט איז שוין ווי אַ ווייטער קלאַנג. כאַריק איז ווייניק פאַרוועבט מיטן אַמאָל און ער קאָן שוין דעריבער אַזוי לייכט זיך שיידן מיט אים. און באַגעגנט ער זיך ווען מיט די אַלטע, שיקט ער זיי צערטלעך צו אייביקער רו. אָן שנאה, אָן האַס, אָן כעס.

„פאַרגייט, פאַרגייט, איר אומעטיקע זיידעס,
מיט בערד צעשראָקענע, פאַרלאָפענע מיט שניי!...
אין לעצטן בראָך, אין לעצטן ווי
זייט איר פאַרבליבן לעצטע עדות, —
פאַרגייט, פאַרגייט, איר אומעטיקע זיידעס!..." (ז. 37)

מיר האָבן שוין דאָ קיין גערוּדל נישט. די זיידעס האָבן שוין קיין ווילן און קיין קראַפט נישט. נאָר עדות פון אַמאָל. זיי דערוועקן אין דעם יונגן דיכטער קיין שום ערינערונגען נישט און זאָגן זיין האַרץ כמעט גאָרנישט. אַ וועלט איבגאַנצן

אן אומגעקומענע, אַן אונטערגעגאַנגענע," און אויף דער וועלט —

„מיר גייען אויף, ווי ערשטער קלאַנג,
ווי ערשטער קלאַנג פון קומענדיקע פריידן..״ (ז. 38)

אָט אַזעלכע לידער, וואו ער געזעגנט זיך אַזוי לייכט אָפּ מיט דעם יידישן אמאָל, האבן מיר עטלעכע אין בוך. אט אזוי לייכט פטרט ער זיך אָפּ אויך מיטן שטעטל אין דער סעריע לידער „שטעטל״. די גלענצנדע לידער זענען זייער אינטערעסאנט און כאַראַקטעריסטיש פאר דער שטימונג פונם יונגן יידישן דיכטער אין ראַטנפארבאַנד.

דער לעצטער געזאַנג פון שטעטל:

„אין מיטן וועג, צווישן בלויע טראַקטן
ליגסטו אַלץ און קענסט נאך נישט אַוועק.
אַ בראָך צו אלע גרייזע טאטעס,
וואָס האבן נישט פאַרלאָשן דיינע טעג —

און דיך געלאזט אויף שווייגן און אויף וואַרטן!
שווערערהייט זאל דורכפאָרן אַ ראַד
און דיך צעטרייסלען ביז דיין קראַנקן הארצן
טראָט-נאָך-טראָט...

איך ווייס: די טעג זענען געציילטע,
און יעדער טאג דיינער איז אויסגעווייטאָגט רויט.
אָי, ווען כ׳גלויב, און קען דיר אויסהאַקן אַ צלם:
אַ לעצטן שומר אויף דיין טויט״. (ז. 40).

אין אָט די לידער (געשריבן אין יאָר 1924) ליגט גזר-דין אויף דעם יידישן שטעטל. עס זענען געוויס מאָטיוון אָנגעווייט פון דער זייט, פון לאָזונגען-רעזאָלוציעס פון יענער צייט. אין די שפעטערדיקע לידער פילן מיר שוין ביי כאריקן אויך בענקשאַפט צו דער אַלטער היים.

„איך האָב נישט לאַנג געשאָלטן און געפלוכט דיך,
ליגסטו איצטער, שטעטעלע, פארשטילט״. (ז. 66)

דאָ פילן מיר שוין אַ צארטע באַציונג, א ליב-הארציקן מיטגעפיל צום שטעטל.

איזי כאַריק איז דורכאויס לירירקער, אָבער ער קאָן זיך נישט פארקלייבן אינגאַנצן אין זיך און ארויסזינגען נאָר אייגענע געזאַנגען. דער יידישער דיכטער אין רוסלאַנד איז צופיל געבונדן מיט ארומיקן ממשותדיקן לעבן, צופיל אונטערגעוואָרפן דעם האַרטן ווילן פון רעאַלע פאַקטן, ער זאָל קאָנען זיצן זיך בחדרי חדרים פון אייגן וועלטל און פירן זיך אַן אייגענעם חשבון-הנפש. דאָס רעאַלע לעבן, די שטענדיקע באַרירונג מיט דעם אַקטיוון פארלאַנג פון די אַרבעטס-מאַסן צווינגט אים צו קאָנקרעטע און קלאָרע דיכטונג-אויסדרוקן. דעריבער געפינען מיר אפילו ביי דעם אמתן לירירקער איזי כאַריק ממשותדיקע אַקטועלע לידער, וואס הינטער זיי שפירן מיר געדאַנק, באַוואוסטזיין, טענדענץ. אַנדערש איז, משמעות, אוממעגלעך אין ראַטנפארבאַנד,—סיידן דער דיכטער וויל און קען לעבן אויסער צייט און רוים. און דעריבער זענען גאַנץ פארשטענדלעך די דאַטן, וואס זענען אָנגעצייכנט אונטער יעדן ליד (נישט נאָר דאָס יאָר, נאר אָפטמאָל אויך דער חודש). ס׳איז נישט סתם-דיכטונג, נאָר צייט-דיכטונג. און אָפטמאָל איז אויך דאָס אָרט גורם. אונטער פיל לידער איז טאַקע אויך אָנגעצייכנט וואו דאס ליד איז געשריבן. ס׳זענען זייער כאראקטעריסטיש די שורות אין דעם אריינפיר פון דער פּאָעמע „ברויט״). די יידן קלאָגן זיך פארן דיכטער אויף דער שלעכטן לעבן אין שטעטל: „הערסטו, חבר, ס׳איז אונז אזוי שלעכט, אויב מ׳קען אונז אלעמען דערשלאָגן, וואָלט ביי אונז זיין רעכט... שווער צו זיין, צו שטארבן מיטן שטעטל. האָסט דאָך אויך אַ מאָל דא געלעבט, זאָג,—ווער וועט אונז דאָ רעטן, ווער וועט איינהאַלטן די קעפּ?״...

„האָב איך זיי אָנגעקוקט: אַלע יידיקע און טויטע, בערד, און בערד, און ווידער טויטע בערד...

— גענוג, — האָב איך געזאָגט, — פון ליידיקן און גרייטן,
מיט ערד, צו ערד! ווען נישט — איז... (ז. 45).

און ס'איז אינטערעסאַנט, ווי אָט די זעלבע „ליידיקע און טויטע" לעבן ביי אים תּיכף ומיד אויף אויף דער ערד, וואו־הין ס'זענען קינדער און טאַטעס געפאָרן און געקומען.

די פּאָעמע „ברויט" איז אַ לויב־געזאַנג דער יידישער קאָ־לאָניזאַציע אין ראַטנפאַרבאַנד, דער נייער באַהעפטונג ביט דער ערד. די פּאָעמע איז צעפלאָסן מיט אַ „מוקדם ומאוחר", מיט אַ געמיש פון וואָר און טרוים, אָבער עס פאַרמאָגט פיל פרייד, און גליק, גלויבן און יום־טוב, און גיט איבער דעם פּאַטאָס און ענטוזיאַזם, וואָס האָט באַהערשט די יידישע פאָלקס־מאַסן, וועלכע לעבן־אויף אין נייער אַטמאָספער פון געזונטער פּראָדוק־טיווער אַרבעט.

צו דער כאַראַקטעריסטיק פון איזי כאַריק און בכלל פון די נייע יידישע דיכטער זענען אינטערעסאַנט נאָך אַ ריי לי־דער פון בוך, וואו מיר געפינען נייע טשעקאַווע כאַראַקטער־שטריכן פון דעם נייעם יידישן מענטש אין ראַטנפאַרבאַנד. פריי־ער פון אַלץ די פּאָעמע „מינסקער בלאָטעס" (אַ פּאָעמע אין 2 טיילן — 21 לידער, געשריבן אָקטאָבער - דעצעמבער 1924), וואָס האָט איזי כאַריקן גלייך אַריינגעפירט אין דער יידישער דיכטונג. עס איז ווי אַ שטיק אויטאָביאָגראַפיע פון דעם דיכטער, דער פאָן, די אַטמאָספער, וואו ער איז אויפגע־וואַקסן און געשטאַלטעט געוואָרן. אַ שטאָט מיט גאַסן, געסלעך, מיט געשעענישן אין אַן אָריגינעלער און הייגטצייטיקער אויפ־פאַסונג.

דעם ווייטערדיקן גאַנג און געשטאַלט פון דעם נייעם יידישן דיכטער געפינען מיר אין דער שיינער פּאָעמע „קאַטע־רינקע" (12 לידער מיט אַן אַריינפיר, געשריבן אָקטאָבער־נאָ־וועמבער 1925). דער „פשוטער" דיכטער טרעפט זיך מיט אַן „אינטעליגענט" מיידל.

„מיר ווילן און מיר קענען צאַרט זיין,

נאר מיר ווילן נישט און קאנען נישט אציַנד.
אויב געזונגען, — איז פון פוילן האַרצן,
אויב געהוליעט, — איז געהוליעט, ווי דער ווינט (ז. 177)

דאס מיידל „איז אין רו פון ווענט, אין זאטער שטילקייט וווינונג". „איינגעשפּארטס, שווייגנדיקס מיידל מיט איינגעשפּארטער שטילקייט אין געזיכט". דער דיכטער מיט דעם מיידל — צוויי וועלטן, פון צוויי וועלטן:

„אַ בענקנדיקער פּאָרטעפּיאַן, נאָטן און שאַפּען,
און פלינקער לויף פון ווינטלדיקער גרינקייט,
אין מיטן נאכט, אין רו פון ווענט
פארגייען זיך אין שטילקייט דיינע פינגער...
וואס ווייַנען דאס ביי דיר אַזוי די הענט?
פון וואס האט דאס שאַפען אזוי געטרויעט?
אָ, לערן-אויס, עס זאל אט דעם שאַפען
פארנעמאן אויך מיין אומרוהיקער אויער!
איך האב דאך אין מיין יוגנט נאָר געהערט,
ווי הייזעריק עס ציט א קאטערינקע.
זאָל זיין גענוג! — איך קאן נישט מער
אין ווייסער רו פון דיינע ווינקלען". (ז. 83)

און אזוי גייט אלץ דער געראַנגל פון די צוויי וועלטן, פון איִם און זי. אָט ווערט ער באצווינגען, פארכשופט פון דער שטילקייט, אָבער ער קעמפט און באקעמפט זיין „שוואכקייט" און גייט לסוף אַוועק א „זיגער"...

איזי כאריק איז א לירקער אויף סאָציאַלע מאָטיוון, ריכטיקער — א לירקער מיט א סאציאלן אונטערשלאַק. רעאלע ווירקלעכקייטן, ממשותדיקע לעבנס-געשעענישן גייען אדורך דורך זיין דיכטעריש הארץ, און ער קאן דערציילן, שילדערן אָט די איבערלעבונגען. ער נעמט זיי שטענדיק אליין אויף, ער פילט זיי מיט זיין אינערלעך וועזן און האָט אומעטום אַ קלאָרן וועג, ווייסט פון וואנעט ער קומט און וואוהין ער גייט. דאָרט אבער, וואו עס גיט זיך איבער סתם-איבערלעבונגען, סתם-איינדרוקן, איז ער שוואכער, שוואך, איז ער נישט איב

טערעסאנט. ער קאָן נישט און טאָר נישט בלאָנדזשען. דערויף זאגן עדות גראד זיינע לעצטע לידער „ווינטער" (ז. ז. 98—102— יאַנואר 1926). דאָ איז שוין פלאָנטער, אָן א וואו־איין, אָן אַ וואו־אויס. דא רעדט שוין נישט איזי כאריק דער פשטן, דער באהארציקער, דער יוגנט-פריידיקער. אויך דער אָנשטעל מיט פויסטן, וואס ער מאכט אין אייניקע לידער, איז נישט צוגע-פאסט פאר אים. ער איז פאַרט מער ליריקער, ווי קעמפער. און ס׳איז אויך, דאַכט מיר, אָנגעצויגן די זיכערקייט און דער פעסטער טאָן און די ברייטקייט, וואס איז אין ליד-ענטפער אויף ה. לייוויקס באוואוסטע טענות־ווערטער, אז אויף איזי כאַ-ריקס נאַאיווע נאָך יונגלשע פלייצעס נעמט מען און מען לייגט ארויף אזא מאסע פון אנהייבן אַ ליטעראטור. איזי כאריק ענטפערט:

„שליידערט, ווארפט וואס מערער לאַסטן אויף מיין קאַרק,
כ׳וועל אפשר פעסטער גאָר צונויפדריקן די ציינער,
און וויפיל איר וועט ווארפן, — וועל איך אַלץ זאָגן: קאַרג!
און ווי עס זאל נישט שווער זיין,—וועל איך אַלץ שרייען: ווייניק!
און ווען ס׳וועט ווערן שווערן... אַז ווי קען ווערן שווער?
ווען יונגע קרעפטן טריפן נאָך און טריפן"... (ז. 96)

אבער אויב אָט די הרחבהדיקע זיכערקייט איז נישט צו־געפאַסט פאר כאַריקן, איז דאָך כאראקטעריסטיש פאר דער שטי-מונג פון דער נייער יידישער דיכטונג אין ראטנפארבאַנד, פאַר דער פרייד און באַגייסטערונג פון שאפן, וואס האָט זי באַהערשט.

„רחבות שוימט — זאָגט אין איינער א ליד איזי כאַריק — און גיסט זיך אריבער". און

„ווי קען מען בלייבן באַרוטע,
ווען דאס הארץ האָט זיך הילכיק צעברענט"...

גוט איז דעם יידישן דיכטער אין ראטנפארבאַנד, ווען ער קאָן זיך פארגינען זאָגן אַזעלכע ווערטער.

אונזערער אַ דיכטער קאָן אים דערויף געוויס מקנא זיין.

1926